STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04988

KOLONYE LUSIENVIL

S. I. Hurvitz

*Permanent preservation of this book was made possible
by Axelrod, Reder, Levensohn Mishpocha
in honor of
Peggy & Irving Axelrod's anniversary*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ש. י. הורוויץ

קאָלאָניע לוסיענוויל

צו דער געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג
פון דער קאָלאָניע, אין פּראָווינץ ענטרע ריאָס,
במשך פון 37 יאָר צייט.

אָ נ ד ע נ ק

צום הונדערטסטן יאָרטאָג פונם געבוירן
פונם פאָטער פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע
באַראָן משה הירש ז״ל

בוענאָס איירעס
1932

נאָכדרוק פאַרבאָטן.

דרוקעריי „קולטור" פון מושקאַט און זאַסלאַווסקי — טוקומאַן 3067, ב. א.

מיין זון ז א ב ־ ו ו אָ ל ף ע"ה — וועלכער
איז אין פריער קינדהייט אומגעקומען ביי
דער ארבעט אין פעלד — אַ מצבה.

א י י נ ל י י ט ו נ ג

אין די פאָרליגנדיקע בלעטלעך, אונטערן נאָמען: „ק אָ ל אָ נ י ע ל ו ס י ע נ ו ו י ל" האָבן מיר באַצוועקט צו געבן קורצע געשיכט־לעכע דאַטן און געשעענישן איבער דער אַנטשטייאונג און אַנטוויק־לונג פון דער קאָלאָניע.

אַלץ, וואָס ווערט דאָ פארצייכנט איז געשטיצט צום מערסטן אויף די אקטן פון די אינסטיטוציעס, וואָס זיינען באלד אין די ער־שטע יאָרן געגרינדעט געוואָרן, באַזונדערס די, פון דער „סאָסיעדאַד אגריקאָלא לוסיענוויל".

קיין פאָלשטענדיקע געשיכטע פון דער קאָלאָניע האָבן מיר זיך נישט פאָרגענומען צו געבן, אָבער די געזאמלטע מאטעריאלן זיינען, לויט אונזער מיינונג, גענוג אויף צו שאפן זיך א באגריף וועגן דער עקאָנאָמישער, סאָציאלער און קולטורעלער אנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע, וועגן איר שטייגן און פאלן, קענענדיק אויך דינען אלס גוטער הילפס־מאטעריאל פאר דעם, וואָס וועט, אין דער צוקונפט, זיך ווידמענען צו שרייבן די פולע געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָ־ניזאציע אין ארגענטינע.

זאכן פון צווייטער וויכטיקייט, האָבן מיר דערפאר אינגאנצן אויסגעלאָזן.

איין זאך ווילן מיר באטאָנען: מיר האָבן זיך געהאלטן דורכאויס אָביעקטיוו ביים פארצייכנען די פארשידענע מאָמענטן אין דער אנט־וויקלונג פון דער קאָלאָניע. עס וועט אונז נישט קענען פארגעוואָרפן ווערן טענדענציעזקייט, און ס'וועלן אונז נישט קענען צוגעשריבן

ווערן קיין כוונות צו פּאַרטווישן פאַקטן, אָדער אוועקשטעלן געשעע־נישן אין אַ ספּעציעלער ליכט.

דאָס בוך איז ווייט פון פּרעטענזיעס, האָבנדיק זיך געפּלייסט אָנצוהאַלטן די כראָנאָלאָגישע ליניע און נישט אָפּנויגן פון געשיכט־לעכער פּאַרצייכנונג.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד דאָס יאָר 1931, ווען די בלעטלעך ווערן געשריבן, זאָל זיין אַ יאָר פון שרעקלעכן אַגריקול־טור־קריזיס פאַר דער גאַנצער וועלט, און די קאָלאָניע לוסיענוויל, צוגלייך מיט אַלע אַגראַר־זאָנעס, מאַכט דורך דעם ברוך מיט אַלע פּרטים.

דער קריזיס און ברוך אינם אַגראַר־וועזן האָט, ווי אַן אומגעבעטענער און אומגעוואונטשענער שטורם, אַ בלאָז געטון איבער די קעפּ פון דער ערד־אַרבעטער־מאַסע, און אונטערן פּאַטשן פון זיינע טויזנטער פאַרלענדונגס־פליגלען, וועלן, אָן ספק, בלייבן אויפן פעלד אומצאָליקע קרבנות. אָבער די געשיכטע פון דער אַגריקולטור, אין אַלגעמיין, און אונזער אייגענע דערפאַרונג אין קאָלאָניע, בפרט, לערנט אונז, אַז אַזעלכע קריזיס־פּעריאָדן, הגם זיי לייגן זייער שווערן שטעמפּל אויפן ווייטערדיקן גאַנג פון דער קאָלאָניזאַציע, גייען זיי פאַרביי, און דער קאָלאָניסט, וואָס האָט ליב זיין פעלד, בלייבט ביי איר. ווי מיר ווילן האָפן ס׳וועט אויך זיין מיט קאָלאָניע לוסיענוויל, וועלכע זאָל אַרויסקומען בשלום פונם קריזיס.

און אחרון, אחרון... דער מאָטיוו, וואָס האָט אַרויסגערופן צו דער ליכט די דאָזיקע בלעטלעך איז דאָס פּאַרצייכנען דעם הונדערט־סטן יאָרטאָג פונם פאָטער פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַר־גענטינע, און אין אַנדערע וועלט־טיילן, ב אַ ר אָ ן מ ש ה ה י ר ש ז״ל.

דער גרויסער הומאַניסט, וואָס האָט מיט אַ ברייטער האַנט גע־געבן אויף אַלץ, וואָס געזעלשאַפטן — אָן אונטערשייד פון ראַסע און גלויבן — האָבן פון אים געבעטן, האָט פאַר זיין לעבן, מיט די אייגענע הענט, אויפגעשטעלט פאַר זיך און פאַר זייניקע דעם מאָנו־מענט פון מאָנומענטן — די צעצווייגטע און אַנטוויקלטע אידישע

קאָלאָניעס אין פאַרשידענע וועלט-טיילן. די ווייטע שטחים ערד מיט אידישער פּראַצע אונטער אַלע הימלען, די וועלדער און סעדער, די מנוחה-וואוינונגען און אגראַר-אנשטאַלטן — זינגען איבעראַל, און אויך אונטער אַרגענטינער הימל, אייביקע שירה צום אָנדענקען פון דעם, וואָס האָט דעם פּלוג געגעבן אין האַנט פון וואַנדערנדיקע און געפּלאָגטע אידישע מאַסן אין פינסטערע לענדער מיט אכזריותדיקע געזעצן, פון דעם, וואָס האָט, אַלס ליכטיקן אידעאַל און חלום זיך געמאַכט דאָס וואָרט פון די הייליקע ספרים: „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו" — פון דעם, וואָס האָט אידישע מאַסן אומגעקערט צום געזונטן פעלד-לעבן פון די אָבות, בילדנדיק א פעסטע וואַנט, אין וועלכער ס'צעבויגן און צעברעכן זיך אַלע פאַרסמטע פיילן פון די שונאי ישראל.

אמת איז, אַז די אידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע האָבן, דורך דער געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע „פעדעראַסיאָן אַגראַריאַ", באַשלאָסן, צוליב דעם זעלביקן מאָטיוו, אַרויסגעבן אַ קאָלעקטיוון אַלבום, וואָס זאָל אַריינגעמען אין זיך געשיכטלעכע דאַטן פון אַלע יק"א-קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, אַ ווערק, וואָס וואָלט אָן ספק געווען פון גרויסער ווערט און באַדייטונג, אָבער איבער נישט פאַראויסגעזעענע סבות איז אַזאַ אויסגאַבע, ביז איצט, נישט צו שטאַנד געקומען.

די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל" איז געווען פון די ערשטע צו דערפילן די מאָטעריעלע התחיבותן פאַר דער דערמאַנטער אויסגאַבע, ווי אויך צוצושטעלן די נויטיקע מאַטעריאַלן, אָבער זעענדיק נישט פאַרווירקלעכט יענע אונטערנעמונג, ברענגען מיר די מאַטעריאַלן צו דער שיין, דורך אַ באַזונדער בוך, וועלכעס וועט זיין איינער פון אַ רייע אַנדערע פאַרערונגס-אַקטן, מצד קאָלאָניע לוסיענוויל, צום אָנדענק פון באַראָן הירש.

חוץ דער אויסגאַבע האָט די שטאָט-פאַרוואַלטונג פון באַסאַווילבאַסאָ אָנגערופן איינע פון די וויכטיקסטע גאַסן אויפן נאָמען פונם באַראָן הירש; די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" האָט אויף דער דערמאַנטער גאַס אויפגעשלאָגן אַ בראָנזענעם טאָוול מיטן באַראָן הירש'ס בילד און מיט אַ געהעריקן צושריפט; די יק"א-דירעקציע

האָט באַוויליגט אַ פּאַסנדיקן פּלאַץ אין שטאָט פאַר אַ באַראָן הירש־בלומען־גאָרטן, און ס'ווערט אויך געפּלאַנט אַ פייערלעכער אַקט, בשותּפות מיט קאָלאָניע קלאַראַ, מיטן אָנטייל פונם גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין וואונטש ביי־צוזיין.

אויסער די אַלע אַקטן וועט נאָך אויך זיכער קומען די האַנט, וואָס וועט דעם באַראָן הירש שאַפן דעם שריפטלעכן מאָנומענט, וואָס זאָל, פאַר זיך און פאַר קומענדיקע דורות, אָפּשפּיגלען די ווערטן פון זיין גרויסן ווערק, און צו דער ארבעט טראָגן מיר צו אונזערע באַשיידענע פּאָרליגנדיקע בלעטלעך.

לוסיענוויל — 1931.

ש. י. הורוויץ.

באַראָן .מישה הירש

באַראָנעסאַ קלאַראַ הירש

באַראָן משה הירש

1831 — 1896

(ביאָגראַפישע שטריכן, לויטן אָפיציעלן טעקסט פון דער יק"א).

באַראָן משה הירש, וועלכער איז באַוואוסט אויף דער גאָרער וועלט אלס גרויסער נדבן, איז געבוירן אין מינכן (דייטשלאנד) דעם 9־טן דעצעמבער 1831.

ער איז געווען דער עלטסטער זון פון באַראָן יוסף הירש און אַן אייניקל פון באַראָן יעקב הירש, דער שעפער פונם פאַרמעגן פון דער משפחה.

משה הירש האָט באַקומען אין מינכן, און שפּעטער אין בריסל, אַ גוטע און איינפאַכע דערציאונג, ווערנדיק אויך שטאַרק אָפּגעהיט פון זיין מוטער, קאַראָלינאַ ווערטהעימער, פון פראַנקפורט, צו האָבן העברעאישן און רעליגיעזן אונטערריכט.

משה הירש האָט געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ, אַלץ שנעל און גוט תופס געווען, און דערפאַר איז נישט קיין חידוש, וואָס צו 18 יאָר האָט ער שוין אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס.

אין 1855 האָט משה הירש חתונה געהאַט פאַר קלאַראַ בישאָפסהיים, דער פאָטער פון וועלכער איז געווען סענאַטאָר און באַנקיר, רפאל בישאָפסהיים, פון דער באַנק־הויז „בישאָפסהיים און גאָלדשמיט" פון בריסל, מיט אָפּטיילונגען אין לאָנדאָן און פאַריז.

הגם משה הירש איז אָנגעקומען אַלס איינפאַכער באַאַמטער איז ער שנעל געוואָרן דער לייטנדיקער גייסט פון דעם ריזיקן אינטערנאַציאָנאַלן באַנק־אַנשטאַלט.

פונדעסטוועגן, און כאָטש ער איז געווען דער איידעם פונם וויכטיקסטן און איינפלוסרייכסטן מיטגליד פון דעם הויז, איז ער נישט אויפגענומען געוואָרן אַלס שותף, וואָרום זיינע ברייטע פּלענער זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס צופיל געוואַגטע, נישט האַרמאָנירנדיק מיט דער אומדרייסטקייט פון די הויפּט־אָנפירער פון דער באַנק־געזעלשאַפט.

אורשפּרונג און שאַפונג פון זיין פאַרמעגן. —

משה הירש האָט באַקומען אַ גרויסע ירושה פון זיינע עלטערן און אויך גרויסן נדן פון זיין פרוים פאָטער, אָפּגעבנדיק זיך מיטן בוי פון אייזנבאַן־ליניעס אין עסטרייך, אין די באַלקאַן־לענדער און אין רוסלאַנד.

ביי דער אונטערנעמונג איז אים אויך אויסגעקומען אָנצושלאָגן זיך אויף דער אַרומיקער קאַלטער אַטמאָספערע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די עקזיסטירנדיקע באַן־עמפּרעסעס אין אָריענט, אָבער א דאנק זיין קלאָרן באַגריף וועגן דער ווערט פון זיין ריזיקן פּראָיעקט, און אַדאַנק דער מיטהילף פון די אָנערקענטסטע אינזשעניערן ביי דער בויאונג פון אייזנבאַן־ליניעס אין אייראָפּע איז זיין אַרבעט געקרוינט געוואָרן מיטן גרעסטן פינאַנציעלן דערפאָלג, שטייגנדיק זיין פאַרמעגן מיט ריזיקע שריט.

די האַנדלס־וועלט, וואָס האָט אים לכתחילה באַטראַכט אַלס צו געוואַגטן אילוזיאָניסט און פאַנטאַזיאָר, האָט שנעל געמוזט ביַיטן איר מיינונג, קרוינענדיק אים אַלס ערשט־קלאַסיקן געשעפטס־מאַן און אַלס איינער פון די פאַרשטענדלעכסטע קאַפּיטאַליסטן אין אייראָפּע.

זיין פילאַנטראָפּישע אַקציע. — הילף פאַר דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל”. —

אָנפירנדיק די בויאונג פון אייזנבאַן־ליניעס האָט משה הירש די געלעגנהייט געהאַט צו באַקענען זיך מיט דער נויט פון די אידישע מאַסן אין מזרח, און מיט אַ ברייטער האַנט האָט ער זיי געגעבן זיין שטיצע, אַריינברענגענדיק אויך פּראַקטישע בילדונג און לערע, ווי צו פאַרדינען אויף ברויט, דורך דער אויסברייטערונג פון דער טעטיקייט פון דער קערפּערשאַפט „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל” (אינטערנאַציאָנאַלע אידישע אַליאַנץ), וועלכער ער האָט אין 1873 געשאָנקען אַ מיליאָן פראַנק אויף שאַפן שולעס.

אין דער דאָזיקער אַקציע האָט ער באַקומען גרויס מיטהילף אין דער פּערזאָן פון ה׳ עמאַנועל וועניעסיאַני.

די שטיצע פאַר דער קערפּערשאַפט האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט מיט דער סומע, נייערט יאָר־איין, יאָר־אויס פלעגט דער באַראָן דעקן איר דעפיציט, אויף אַ סומע פון הונדערטער טויזנטער פראַנק, אויסווירקנדיק

ביי איר די גרינדונג פון פראָפעסיאָנעלע שולן, די אויסהאַלטונג פון וועלכע זיינען אינגאַנצן געווען אויפן חשבון פונם באַראָן פון יאָר 1878 ביז זיין טויט.

בעת דער טערקיש־רוסישער מלחמה אין 1878, האָט דער באַראָן איינ־געאָרדנט שפּיטאָלן פאַר בײדע אַרמייען, אויסהאַלטנדיק אַלע הוצאות.

די גרינדונג פון דער יק"אַ.—

ווי שווער אָבער, ס'זאָל נישט געווען זיין די נויט פון די אידן אין מזרח, איז נאָך שווערער געווען די לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד, וואו אונטערן רעזשים פון צאַר האָבן זיי געליטן פון שלעכטע געזעצן, דורך וועלכע ס'איז ביי זיי צוגענומען געוואָרן אַ גרויסער טייל פון זייערע ציווילע און פּאָליטישע רעכטן.

באַראָן משה הירש האָט געווענדעט זיין הילף אויך צו זיינע ברי־דער פון רוסלאַנד, אַרומזעענדיק זיך שנעל, אַז דער איינציקער אופן, ווי צו לעזן, — נישט סתם ציטווייליק, — די שווערע לאַגע איז, אַנט־וויקלען די עמיגראַציע, געבן אַ מעגלעכקייט די נויטלײדנדיקע אַריבער־צוטראָגן זיך מאַסנווייז אין אַנדערע לענדער, וואו ס'האָבן געהערשט בעסערע געזעצן.

צו דעם צוועק האָט משה הירש געגרינדעט די י. ק. א. (א י ד י ש ע קאָלאָניזאַציאָנס־אָרגאַניזאַציע).

באַראָן הירש האָט געשטעלט דער אינסטיטוציע פאָלגנדיקן ציל: „פאַרלייכטערן און סטימולירן די עמיגראַציע פון אידן פון אַלע אייראָ־פּעאישע און אַזיאַטישע לענדער—באַזונדערס פון יענעקע, וואו זיי זיינען אונטערוואָרפן רדיפות און פאַרפאָלגונגען, פּאָליטישער אומטעטיקייט אָדער אַנדערע פּייניקונגען — צו וועלכן ס'איז טייל פון דער וועלט. גרינדן און איינאָרדענען קאָלאָניעס אין פאַרשידענע טיילן פון נאָרד און זיד־אַמעריקע, און אויך אין אַנדערע לענדער מיט אַגראַר־און־קאָמערץ־צילן".

די געזעלשאַפט איז גלייך צוגעטראָטן צו דער פאַרווירקלעכונג פון באַראָן הירשס אידעאַל, שאַפנדיק קודם־כל דעם באָדן פאַר אַזאַ קאַרדינאַלן אומבייט אינם לעבן פון די אידן.

דער באַראָן הירש האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אידן פון רוסלאַנד וועגן זיין עמיגראַציע־פּראָיעקט, געוועקט זיי אָנצושליסן זיך אין די רייען פון ערד־ארבעטער, און געמוטיקט זיי געדולדיק אויסצושטיין די יסורים, וואָס שלעכטע רעגירונגען פאַרשאַפן זיי.

די קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.—

באַראָן הירש איז געווען איבערצייגט, אַז די ווידעראויפלעבונג פון די רוסישע אידן קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך ווידמענען זיך צו אינ־דוסטריעלער אַרבעט, באַזונדערס צו אַגריקולטור, פון וועלכע באַשעפטי־קונגען זיי זיינען אין צאַרישן רוסלאַנד געווען פאַלשטענדיק באַזייטיקט.

ס׳זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פעאיקע שלוחים צו מאַכן גענויע אויספאָרשונגען אין אַמעריקע, בראַזיל, מעקסיקאָ, קאַנאַדע און אַרגענ־טינע, ווערנדיק פעסטגעשטעלט, אַז אַרגענטינע איז זייער גינסטיק פאַר אַ ברייטן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, און גאָר אינגיכן זיינען אָפּגעקויפט געוואָרן גרויסע שטחים ערד פאַר אידישע קאָלאָניעס אין די פּראָווינצן בוענאָס איירעס, סאַנטאַ פע און ענטרע ריאָס.

די צאַרישע רעגירונג אין רוסלאַנד, וועלכע האָט געהאַט אָפּגעוואָרפן דעם פּלאַן פונם באַראָן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די רוסישע אידן האָט, דאַקעגן, געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם סיסטעם פון דער עמיגראַציע.

אין פּעטראָגראַד איז דורכן באַראָן געבילדעט געוואָרן אַ צענטראַל־קאָמיטעט, בראש פון וועלכן ס׳זיינען געשטאַנען די באַראָנען ברידער גינזבורג און די הערן ש. פּאָליאַקאָוו, מ. זאַק, פּאַסאָווער און ראַפּאַ־לאָוויטש.

אַלס דירעקטער אָרגאַניזאַטאָר פון די אידישע קאָלאָניעס איז באַ־שטימט געוואָרן קאָלאָנעל א. גאָלדשמיד.

אַנדערע אַרבעטן אין נ. אַמעריקע און גאַליציע.—

ער האָט אויך געגרינדעט דעם „באַראָן־הירש־פאָנד״, וועלכער האָט געשטיצט די עמיגרירטע אידן קיין נ. אמעריקע, און אַלס איינער, וואָס האָט אַ שטיק פון זיין לעבן דורכגעמאַכט אין עסטרייך, האָט ער, מיט באַזונדערן ווילן, געווידמעט זיין הילף די דאָרטיקע אידן.

זיין הילפס־פּלאַן פאַר גאַליציע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּונקטן:

1) שאַפן עלעמענטאַר־שולן און קינדער־גאָרטנס אין גאַליציע און בוקאָווינע.

2) געבן געלט־קרעדיטן צו בעלי־מלאכות.

לוסיען דע הירש — דער איינציקער זון
פון באראן משה הירש ז״ל.—געבוירן
אין יאר 1856 — געשטארבן
אין יאר 1887.

3) באַזאָרגן קינדער מיט לערן־ביכער און אַנדערע שול־מכשירים, ווי אויך קליידונג און שפּייז.

4) געבן סובסידיעס פאַר דער שאַפונג פון אידישע שולן.

5) אויסלערנען אידישע יונגעלייט די קענטעניש פון אַגריקולטור און פּראָפעסיעס.

6) געבן סטיפּענדיעס אידישע שילער צו פאָרזעצן זייער שטודיום אין קאָמערציעלע און פּראָפעסיאָנעלע שולן.

7) געבן הלוואות — אָן פּראָצענט — פאַר פּויערים און אַגריקולטאָרן.

8) שאַפן טעכנישע שולן פאַר קאָמערץ און אַגריקולטור.

דער פּלאַן איז צוגעשטעלט געוואָרן דער עסטרייכישער רעגירונג אין 1889, נאָר ער איז באַשטעטיקט געוואָרן ערשט אין 1891.

די אַנגעוואָרפענע שטריכן זיינען נישט מער, ווי אַ טייל פון דער וואוילטעטיקער אַרבעט, וואָס דער באַראָן הירש האָט פאַר זיין לעבן דורכגעמאַכט.

זיינע פילאַנטראָפּישע אידעען.—

אין אַן אַרטיקל וועגן זיין פילאַנטראָפּישער טעטיקייט האָט באַראָן הירש אַרויסגעזאָגט פאָלגנדיקן געדאַנק:

„ווען כ'גיי העלפן דער ליידנדיקער מענטשהייט, פרעג איך קיינמאָל נישט, צי דער הילפס־רוף קומט פון מיטגלויביקע אָדער פון מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן.

„אָבער איז דען נישט אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז מיין הויפּט־וואונטש זאָל זיין צו דערמעגלעכן די פיזישע און גייסטיקע ווידעראויפלעבונג פון די קינדער פון ישראל, וועלכע זיינען אונטערדריקט און געפּייניקט שוין זינט הונדערטער יאָרן"?

ווען ער האָט אין 1887 געהאַט דאָס אומגליק צו פאַרלירן זיין איינציקן זון, לוסיען, אין דער פריער עלטער פון 30 יאָר, האָט דער באַראָן געענטפערט צו אַ פריינט, וואָס האָט אים אויסגעדריקט טרויער־מיטגעפיל:

„כ'האָב פאַרלוירן מיין זון — אָבער נישט מיין יורש; די מענטשהייט וועט מיין ירושה באַקומען".

די שורות זיינען דער בעסטער עדות פון דער בריטהאַרציקייט פון באַראָן הירש.

דער באַראָן איז געווען איבערציינט, אַז ווייל די אידן שטאַמען פון די אבות — עובדי־אדמה און פאַסטוכער — וועלן זיי זיין גלענצנ־דיקע ערד־אַרבעטער.

ער האָט דעם געדאַנק אַרויסגעזאָגט אין זיינעם אַן אַרטיקל אין דער ציימונג „פאָרום", אין 1891, לויבנדיק די לוסט פון אידן צו ערד־אַרבעט.

דער באַראָן האָט מיט אַזעלכע און ענלעכע אַרטיקלען געזוכט צו צע־שטערן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין אונגאַרן און אין אַנדערע לענדער.

באַראָן הירש האָט פאַרגעזעצט זיין פרוכטבאַרע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט מיטן געדולד פון פלאַנצן אַ וואַלד, שטרעבנדיק צו זען דערפירט צו אַ ברעג זיין אַקציע לטובת זיינע ברידער.

דער גורל האָט נישט געוואָלט, אַז דער באַראָן משה הירש זאָל זען אין פולן בלי די אונטערנעמונג, צו וועלכער ער האָט זיך געווידמעט מיט האַרץ און נשמה. ער איז געשטאָרבן אין אונגאַרן דעם 22־טן אַפּריל 1896.

דאָס ווערק זיינס אָבער לעבט און וועט זיין דער אייביקער מאָ־נומענט, וואָס וועט דערמאָנען די קומענדיקע דורות אין דער ליכטיקער פערזענלעכקייט.

I.

די ערשטע קאָלאָניסטן

איבערוואַנדערער פון זיד־רוסלאַנד, כערסאָנער פּראָווינץ. — דוד פיינבערג און זלמן לעווענשטיין ווײלן אוים דעם עלעמענט. — „נאָוואָ־בוגער גרופּע" און „אַקערמאַן־גרופּע" בילדן ערשטע פיר קאָלאָניעס אַרום באַסאַווילבאַסאָ.

די ערשטע קאָלאָניסטן פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, באַסאַווילבאַסאָ, זיינען רעקרוטירט געוואָרן פון די אידישע קאָלאָניעס אין זיד־רוסלאַנד, כערסאָנער פּראָווינץ.

שניט־צייט פון 1893 האָט דער באַראָן הירש באַאויפטראַגט א געווסן ענגלענדער, מיטן נאָמען אוֹאיט, ער זאָל אין דער באַגלייטונג פון ד. פיינבערג, באַזוכן די דערמאָנטע אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד, באַקאָנען זיך מיט דעם קאָלאָניסטישן עלעמענט און צושטעלן א גענויעם באַריכט וועגן זייער אַרט לעבן און אַרבעט, ווי אויך אויספאָרשן, צי ס'וועט צווישן זיי זיין דער פּאַסנדיקער עלעמענט פאַר זיינע קאָלאָניזאַציע־פּלענער אין אַרגענטינע. (ווי מען דערציילט, איז דער דאָזיקער ענגלענדער געווען אזא עקספּערט און מבין אין אגריקולטור־ענינים, אז ווען מ'האָט אים געוויזן מאַים־קערנער, האָט ער געפרעגט: „וואָס איז דאָס פאַר א פּרי"?..)

ווינטער פון 1894 איז אין די קאָלאָניעס אָראָפּגעפאָרן דוד פיינבערג אַליין, אַלס פאַרטרעטער פון פּעטערבורגער צענטראַל־קאָמיטעט, באַאויפטראַגט פון באַראָן הירש מיט דער מיסיע צו בילדן גרופּעס פאַר דעם איבערוואַנדערן קיין אַרגענטינע.

דוד פיינבערג האָט באַשטימט אַלס זיין פאַרטרעטער איינעם, זלמן לעווענשטיין, וועלכער איז געווען דער, וואָס האָט נעדאַרפט אָנווייזן ווער ס'זיינען די פּאַסנדיקע עלעמענטן, און פאַרשרייבן זיי פאַר קאַנדידאַטן, בעת פיינבערג אַליין איז אַריבערגעפאָרן קיין ניי־בעסאַראַביע, וואו עס האָבן זיך אויך געפונען אידישע קאָלאָניעס.

אין דער שטאָט אַקערמאַן האָט ער באַשטימט זײַנעם אַ צווייטן שטעל־פאַרטרעטער, וועלכער האָט געהאַט די זעלבע אַרבעט וואָס לעווענשטיין אין די קאָלאָניעס פון בערסאַנער פּראָווינץ.

אָט די צוויי גרופּעס: איינע פון בערסאַנער אידישע קאָלאָניעס, וועל־כע מ'האָט גערופן „נאָוועבוגער גרופּע" און די צווייטע, פון בעסאַראַביע, וועלכע מ'האָט גערופן „אַקערמאַן גרופּע", האָבן געבילדעט די ערשטע 4 קאָלאָניעס ביי דער סטאַנציע באַסאַווילבאַסאָ, מיטן נאָמען: נאָוועבוג 1 און 2, און אַקערמאַן 1 און 2 — צו 24 פאַמיליעס יעדע איינע.

די באַטרעפנדיקע פאַמיליעס פון די צוויי גרופּעס האָבן דורכאויס באַ־דאַרפט זיין קאָלאָניסטן, וואָס האָבן אין זייער אַלטער היים אַליין באַאר־בעט פעלד, פאַמיליעס מיט דערוואַקסענע קינדער, און וואָס זאָלן פאַרמאָגן אַ קלייניקן פאַרמעגן.

II.

סטאַנציע באַסאַווילבאַסאָ

באַסאַווילבאַסאָ — דאָס האַרץ פון ענטרע־ריאָסער אייזנבאַן־אָדערן. — פיר ליניעס צו די הויפּט האַפן־שטעט. — „גרופּע נאָוועבוג" קומט די ערשטע און „אַקערמאַנער גרופּע" — די צווייטע. — ערשטע פיר קאָלאָ־ניעס פאַרנעמען אַ שטח פון זיבן טויזנט העקטאַר־לאַנד.

אין ענטרע ריאָס ווערט באַסאַווילבאַסאָ באַטראַכט, אַלס דאָס האַרץ פאַר די אייזנבאַן־אָדערן, וועלכע צעגייען זיך איבערן גאַנצן פּראָווינץ־גוף.

שוין אַרום די יאָרן 1894 האָט באַסאַווילבאַסאָ געהאַט אַ צעצווייגונג פון פיר אייזנבאַן־ליניעס, וואָס זיינען געלאָפן צו דריי האַפן־שטעט פון דער פּראָווינץ: קיין פּאַראַנאַ, אַלס הויפּט־שטאָט פון דער פּראָווינץ, אין צפונית־מערבית; קאָנסעפּסיאָן דעל אורוגואי, דרומית־מזרחית; און גואַלעגואַיטשו, אין דרום, און צו איין דעפּאַרטאַמענט־שטאָט, וויזשאַגואַי, אין צפון.

אָט אַרום דער סטאַנציע איז דורך דעם באַראָן הירש אָפּגעקויפט גע־וואָרן אַ שטרעקע לאַנד, צו מזרחית־צפונית, וואו די צוויי ערשטע גרופּעס





א ו י ב ן: די באַן־סטאַנציע אין באַסאַווילבאַסאָ. א ו נ ט ן: אייזנבאַן־
ווערקשטאַטן און קוילן־דעפּאָזיטע פון דער באַן־סטאַנציע.

„נאָוועבוג" און „אקערמאַן" האָבן באַדאַרפט באַזעצט ווערן אַלס קאָ־לאָניסטן.

די לאַנד איז אַ הויכע און אַ פרוכטבאַרע, אַרויסגעבנדיק ווייץ, ליאָן, מאַיס, האָבער און פיל אַנדערע פּראָדוקטן.

די ערשטע, וואָס האָט זיך באַזעצט איז געווען די „גרופּע נאָוועבוג", וועלכע האָט זיך איינגעאָרדנט אין צוויי קאָלאָניעס האַרט ביי דער סטאַנ־ציע באַסאַווילבאַסאָ, פון ביידע זייטן באַן־ליניע, וואָס פירט קיין קאָנסעפּ־סיאָן דעל אורוגואַי.

יעדע איינע פון די קאָלאָניעס איז באַשטאַנען פון 24 משפחות, ווערנדיק אָנגערופן מיט די נעמען: נאָוועבוג 1 און נאָוועבוג 2.

דאָס איז געווען אין מאָנאַט אָקטובער פון 1894.

די צווייטע, די „אַקערמאַנער גרופּע", איז געבראַכט געוואָרן שפּעטער מיט עטלעכע מאָנאַט, און זי איז באַזעצט געוואָרן אין צוויי קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זיך געפונען צו מזרח־צפון־זייט, פון די ערשטע צוויי, אויף אַ דיסטאַנץ פון דריי קילאָמעטער איינע פון די אַנדערע.

אָט די 4 קאָלאָניעס, וואָס האָבן פאַרנומען אַ שטח ביי אומגעפער 7000 העקטאַר לאַנד, (יעדער קאָלאָניסט האָט געהאַט 50 העקטאַר צום אַקערן און 25 העקטאַר פאַר פּאַשע), האָבן געבילדעט דעם פונדאַמענט פאַר דער ווייטערדיקער אויסברייטערונג פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל.

III.

די ערשטע צייט

הייזער אין בוי־פּראָצעס. — פרעמדע אין אַ מדבר צווישן הימל און גראָז. — געמיינזאַמע ליידן קניפּן אָן ברודערשאַפט. — דעלעגאַטן ביי דער איינ־אָרדנונג. — מיט אייגענע הענט און פיס באַזאָרגט מען באַלעבאַטיש־קייט. — אַ באַזוך אין אַ ווייטער קאָלאָניע, פאַרשאַפט פּעסי־מיזם. — שבת־רו און שבת־פאַרגעניגן.

די קאָלאָניסטן־גרופּעס האָבן ביי זייער אָנקומען געטראָפן די קאָ־לאָניעס אין סאַמע בוי־פּראָצעס. בעת אייניקע הייזער זיינען שוין געווען אויפגעשטעלט, האָבן ביי אַנדערע געפעלט דעכער, און זיינען געווען דעכער,

האָבן געפּעלט פּענסטער; די ווענט ניט געשטיקעטורעוועט, די אויסגע־גראָבענע ערד פון די פונדאַמענט־גריבער, צונויפגעהויפנט אין די שטיבער, דער סטעפּ ארום פארוואַקסן מיט ווילדע גראָזן — דאָס איז געווען דאָס בילד, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך אָנגעשלאָגן די אויגן פון די ערשט־אָנגע־קומענע.

ווייט פון דער אלטער היים, ווילד־פרעמדע אין נייעם לאַנד, מיט קאַשמאַרן אין קאָפּ, און מיט א קלאָפּנדיקן הארץ פארן עתיד, האָבן די איבערגעפלאַנצטע ערד־ארבעטער זיך דערזען אין א ברייטער מדבר, בלאָנקענדיקע צווישן הימל און גראָזן.

דער געפיל פון עלנט, פון איין זייט, און דער טליענדיקער פונק אין הארצן פאר אן אידעאַלן, ערלעכן פעלד־לעבן, פון דער צווייטער, האָט ווי א זיידענער גאַרטל ארומגענומען אלע משפחות, באהעפטנדיק זיי און צו־זאמענגיסנדיק זיי אין איין גרויסער משפחה, שלאָגנדיק אלעמענס הערצער, ווי איין גרויס געשמידט הארץ, די קלעפּ פון וועלכן ס׳האָבן אויסגעקלונגען אין ריטמישן טעמפּאָ: „איינער פאר אַלע, און אלע פאר איינעם״...

קען דען נאָך עפּעס מער באהעפטן מענטש מיט מענטש, ווי געמיינ־זאַמע ליידן?

דער איינגטלעכער שטיינער־לעבן, צו וועלכן די אָנגעקומענע זיינען געצוואונגען געווען פון דער ערשטער מינוט אָן, איז געווען דער בעסטער מאָטיוו פאר דערנענטערונג און פאַרברודערונג.

א סך משפחות זיינען געקומען צו צוויי אויף איין חלק לאַנד. פאר יעדער חלק לאַנד איז געווען באשטימט איין שטוב, וועלכע איז באשטאַנען פון צוויי צימערן, פון 4 אויף 4, אָן א קיך, אָן אויוונס צום קאָכן און אָן אנדערע באקוועמלעכקייטן. אָט די אין עצם ענגשאַפט, וואָס האָט זיך געלייגט ווי א שווערער בליי אויף די נשמות, האָט געהאָט אין זיך די איינ־ציקע מעלה פון אָנקניפּן אַ נענטערע פריינטשאַפט — מענטשן מיט איין און די זעלביקע יסורים און ליידן.

באגעגנט די אָנגעקומענע, האָבן די דעלעגאַטן, וואָס יעדע פון די גרופּעס האָט פריער ארויסגעשיקט אויסצוזען דאָס לאַנד.



דער פרימיטיווער טיפּ הייזער, וואָס די יק"א האָט געבויעט פאַר די קאָלאָניסטן. — דער בוי־מאַטעריאַל — ציגל און ליים. — די דירה האָט נאָר געקענט באַפרידיקן דעם אידישן פויער, וואָס האָט באַשיידענע פּרעטענ־זיעס צום לעבן.

דער ערשטער דעלעגאט איז געווען א געוויסער הירשפעלד, וועלכער האט זיך באלד צוריקגעקערט קיין רוסלאנד.

ס׳זיינען אבער געשיקט געווארן אנדערע. דאס זיינען געווען פאר נאוועבוג 1, וואלף פינווארב; פאר נאוועבוג 2, ראבינאוויטש; פאר „אקערמאן" 1—2, קרישקאוטצקי און ליבעדינסקי.

אט די דעלעגאטן זיינען די ערשטע צייט געווען, די, צו וועלכע מען האט זיך באדארפט ווענדן נאך אלץ, וואס האט א שייכות געהאט צו דער איינארדנונג, רעמאנענט, קי, פערד, ערשטע שטיצע א. אז. וו.

עפעס האבן די ערשט־אנגעקומענע דערפילט אין די דעלעגאטן די זיכערקייט פון יונגערן אונטער דער שוץ פון עלטערן.

די ערשטע קאלאניסטן, וואס האבן געבילדעט גרעסערע פאמיליעס, האבן זיך באלד אריענטירט, ווארום זיי זיינען געוואוינט געווען צום פעלד און צו פיזישער ארבעט.

אין די ערשטע זאך געווען דאס אויפשטעלן קאלעקטיווע אויוונס, בכדי עס זאל זיין וואו אפצובאקן ברויט.

אזוי זיינען אויפגעשטעלט געווארן אויוונס, אין וועלכע עטלעכע קא־לאניסטישע פאמיליעס פלעגן לויט א רייע אפבאקן ברויט.

מ׳האט זיך אויך גענומען מאכן א סדר אין די הייזער, און ווען זיי זיינען פאלשטענדיק פארטיק געווארן, האבן די מענער אויסגעארבעט שעקעטורקע, און די פרויען מיט די יונגע טעכטער האבן, בארוועסע און מיט פארקאשערטע ארבל, זיך גענומען שמירן די ווענט.

א פרייליכע און לעבעדיקע ארבעט איז דאס געווען. מענער האבן זיך געוויצלט און פרויען האבן געלאכט. קינד און אלט האט נישט גערוט נייערט, ווי מוראשקעס צוגעהאלפן מיט עפעס אין דער אויפבויאונג פון די „מוראשניקעס"...

ס׳זיינען אוועק עטלעכע מאנאטן, די קאלאניסטן האבן באקומען די ערשטע פאר פערד מיט א וואגן צום פארן; א קי ביים שטוב — מילך פאר די קליינע קינדער; ארום די הייזער און אין גאס זיינען די ווילדע גראזן א ביסל אויסגעטראטן געווארן, פאר די אויגן האבן זיך אנטפלעקט

זאַכן, וואָס זיינען פריער געווען פאַרשטעלט, מ׳האָט זיך אָנגעהויבן פילן היימלעכער.

דער ארגענטינער זומער האָט צוגעהאַלפן, און א סך מיטגלידער פון פאַמיליעס, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פּלאַץ אין די הייזער, האָבן גע־קאָנט שלאָפן אין דרויסן, אונטערן פרייען הימל — סיידן דער שלאָפנ־דיקער איז אויפגעוועקט געוואָרן דורכן פיינלעכן געשריי פון א „לעטשוסאַ" אָדער זיין חוש הריח האָט זיך דערפילט באַלעסטיקט פונם עיפּוש פונם „סאָרינאָ".

באַקומענדיק פערד און וואָגן, און באַלד ווי ס׳איז געמאַכט געוואָרן א שטיקל סדר אין די הייזער, און ווייסנדיק אַז צו צפון, אין קאָלאָניע קלאַרא, וואו ס׳איז געווען די צענטראַלע יקאַ־אדמיניסטראַציע, זיינען שוין פאַראַן קאָלאָניעס, האָבן די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל זיך צוזאַמענגערעדט אונ־טערצונעמען א רייזע מיט דער פור אין יענע קאָלאָניעס.

די ערשטע קאָלאָניע, וועלכע זיי האָבן באַזוכט, איז געווען כרמל.

די קאָלאָניע כרמל האָט זיך געצויגן א קילאָמעטער די לענג, באַ־זעצט פוןביידע זייטן מיט הייזלעך, אויפגעשטעלטע פון בלאָטע.

די קאָלאָניסטן דאָרט זיינען געווען א צוזאַמענמיש פון פאַרשידענע עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין אנונג אין פעלד־ארבעט.

די אויסערלעכקייט פון דער קאָלאָניע און דער אינערלעכער צוזאַמענ־שטעל, האָבן אויף די באַזוכער, וואָס האָבן זיך באַטראַכט פאַר „מוסטער באַלעבאַטים", און זיינען געוואוינט געווען אין זייערע אַלטע היימען צו לעבן אין אנשטענדיקע הייזער, געמאַכט א שלעכטן איינדרוק.

אגב האָבן זיי פון יענע קאָלאָניסטן געהערט א סך זאַכן, פון וועלכע זיי האָבן נאָך פריער קיין אנונג ניט געהאַט. דאָרט האָט מען שוין גע־רעדט, אַז דער באַראָן הירש האָט „פאַרפירט" די קאָלאָניסטן אין די ווילדע סטעפּעס, כדי דאָ זיי צו מאַכן פאַר שקלאַפן. מ׳האָט געשמאַק געשמועסט, א שטייגער, אַז מ׳וועט יעדן „מאַרקירן"; מען וועט זיי געבן אונטער־צושרייבן אזעלכע קאָנטראַקטן, וואו עס וועט זיך זאָגן: „אַז זיי בלייבן דעם באַראָנס אייביקע שקלאַפן" א. אז. וו.

די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל האָבן זיך אומגעקערט א היים דער־

אַ פּרימיטיווע הייזקע, וואו דער גאַוטש האָט מנוחה מיט זיין פרוי און קינדער.— די „ראַנטשאָ" געבויט מיט אייגענע הענט פון בלאָטע-לאָמפּאַטשן, אָן איבריקע באַקוועמלעכקייטן.

שלאַנגענע פון די איינדרוקן, בויערנדיק זייער אויער די ווערטער פון די כרמל׳ער: „שקלאַפן, שקלאַפן וויל מען פון אונז מאַכן״!

דאָך האָט מען זיך באַרואיקט. יעדער האָט זיך גענומען צו זיין אַר־בעט. ס׳זיינען אַריבער נאָך עטלעכע מאָנאַטן, יעדער קאָלאָניסט האָט באַקומען צו 4 פּאָר אָקסן, 4 פערד, א „סאַקעווער פלוג״ און א הילצערנע בראָנע.

צו אייניקע קאָלאָניסטן זיינען אָנגעקומען אַזעלכע אָקסן מיט וועלכע מ׳האָט שווער עפּעס געקענט טון. די ערד, אלס קרקע־בתולה, איז געווען שווער צום אַקערן. אגב איז דער קאָלאָניסט ניט געווען געוואוינט צו אַזא סאָרט שפּאַן. דער „זשוג״, אנשטאָט דער רוסישער „יאַרמאָ״, וואָס מאַכט שלעפּן דעם אָקס פאַר דער פּלייצע, האָט מען באַדאַרפט פּאַרפעסטיקן צו די הערנער, און דאָס איז גאָר נישט געווען אַזא גרינגע אַרבעט פאַר די נייע קאָלאָניסטן.

צו דעם האָט מען זיך באַדאַרפט אויסלערנען וואַרפן מיט דער „לאַסאָ״ אָנצוכאַפּן דעם אָקס, און באַזונדערס דעם פערד, וואָס איז געווען האַלב ווילד — און דאָס איז געווען פון די נישט גאָר געשמאַקע מאכלים.

דער פרייליכסטער שטריך אין די ערשטע צייטן פון איינאָרדנען די נייע היים אין פרעמדן לאַנד איז געווען דאָס צוזאַמענקומען זיך בחבורותא אין די שבתדיקע נאָכמיטאָג־שעהן.

שבת־רו אין אַלע ווינקעלעך, נישט ס׳אַרבעט דער מאַן און די פרוי, דער אָקס און דער אייזל, פלעג מען איין מאָל ביי איינעם אין שטוב, און אַן אַנדער מאָל ביי א צווייטן, זיך צוזאַמענקומען באַלד נאָך נאָכמיטאָג־שלאָף און פּראַווען עונג־שבת.

בחורים און בתולות האָבן היימישלעך געטאַנצט, און געזונגען די פאָלקס־לידער, וואָס זיינען אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון דער היים.

א מאַמע אָדער א טאַטע האָט געוויזן, וואָס ס׳האָט זיך ביי זיי נאָך באַהאַלטן פון די יונגע יאָרן, און ווען אַליין, און ווען אין כאָר, האָט דער שטילער שבת־דרויסן אויפגעכאַפּט די קלאַנגען און צעטראָגן ווייט אַוועק אידישע נגונים פון אידישע ברוסטן, וואָס שטויסן אָפּ אַלע דאגות פון דער וואָכן, צו איינהילן זיך אין די קליידער פון דער מלכה שבת.

וויט, זייער וויט קלינגט אַפּ דאס ווידער־קול פון אידישן ליד, גרייכט צום אויער פון איינגעבוירענעם, פון גאַוטש, און זיין קאָפּ פאַר־נעמט נישט:

— זיינען פרעמדע געקומען, די ערד באַזעצט, נייע רו־טעג איינגע־פירט, נייער לשון און נייע מנהגים, נייע לידער, אָן, אפילו, דער באַגלייטונג פון „גיטארא" אָדער „אַקאָרדעאָנא"...

א רעטעניש אין אויג פון דעם האלב־ווילדן מיט־וואוינער אויף די פרייע סטעפּעס פון ארגענטינע.

קלינגען ארוים די לידער פון אידישער שטוב, קלינגט מונטערער געלעכטער פון א געזונטן דור, און ווען שבת־רו קערט אַפּ אָן א זייט צו לאָזן פּלאַץ פאר דער נייער וואָך, צעגייען זיך די משפחות, יעדע איינע צו זיך אין שטוב.

דער טאָג גוססט און די שבת־נאכט פאַלט צו. בליצן אויף פּלעמלעך דורך די שויבן. אוועק די פריצישקייט, אוועק די שבת־מנוחה, און ס׳קומען די וואָכן־טעג פאר נייער ארבעט, נייע פראַצע, צו שמידן דעם אייגענעם גורל פון מאָרגן.

IV.

די שטיצע און דער אָנהייב פון אומרואיקייט אין די קאָלאָניעס

די וויכע יק"א־אַדמיניסטראַטאָרס, הייאַם און ראַפּאָפּאָרט. — שטיצע פאַר קאָלאָניסטן, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון חנוכה־געלט, און פירט צו דעמאָראַליזאַציע. — אַ בייטש אין די הענט פון די אַגענטן. — אומ־צופרידענע שאַפן אַ באַוועגונג, אוים מורא פאַר פאַרשקלאַפונג. — „משומדים" און „גאַטס־גנבים". — אַ „מלחמה" וואָס ענדיקט זיך בכי טוב. — איבערגעשראָקן דעם דירעק־טאָר, הירש, אויף טויט.

אויסער די קאָלאָניעס נ אָ ו ו ע ב ו ג און א ק ע ר מ א ן, וואָס האָבן געהערט צו דער אדמיניסטראציע פון „קולין", זיינען געווען א גע־וויסע צאָל קאָלאָניעס, וועלכע זיינען געשטאנען אונטער דער אדמיניס־

טראַציע פון באַלאַבאַנערא, און וואו ס׳איז געווען אַלס אַדמיניסטראַטאָר אַ געוויסער, הייאַים.

דער אַדמיניסטראַטאָר פון „קולין״, ראַפּאָפּאָרט און דער, פון „באַ־לאַוואַנערא״, זיינען געווען ביידע זייער ווייכע מענטשן, נישט מער אין ענין קאָלאָניזאַציע, האָבן זיי זייער ווייניק געוואוסט.

די צוויי אַדמיניסטראַציעס, וועלכע האָבן געהאַט צו פאַרוואַלטן איי־בער צוויי באַזונדערע טיילן פון די קאָלאָניעס, און וואָס זיינען געווען נישט ווייט איינס פון די אַנדערע, זיינען געוואָרן די צענטערס, וואוהין ס׳פלעגן זיך צוזאַממענקומען די קאָלאָניסטן, אַפילו די, פון די ווייטסטע ווינקלען.

אהין איז דער קאָלאָניסט געפאָרן קלאָגן זיך, אַז מען האָט אים איינ־געטיילט שלעכטן רעמאַנענט, ווייניק שטיצע, וועגן בייטן אַ קי אַ. ד. ג., און דאָרט האָט מען אויך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט.

די שטיצע, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן באַקומען איז באַשטאַנען פון 8 פּעז. פון אַ מענטשן, אַ דערוואַקסענער און 4 פּאַר אַ קינד.

דער אויסטיילער אין לוסיענוויל איז געווען איינער פון די קאָלאָניע־דעלעגאַטן, לעבעדינסקי — אַ בכבודיקער עלטערער מענטש, — וועלכער פלעגט מיט זיין סולקי קומען אין יעדער איינער פון די 4 קאָלאָניעס, און אויסטיילן די שטיצע.

קאָלאָניסטן פלעגן אויסקוקן די אויגן אויף דעם דאָזיקן מין שלח־מנות טיילן, באַציענדיק זיך צום אויסטיילער מיט דער זעלביקער הכנעה־דיקייט און דאַנקבאַרקייט, וואָס קוקט אויס פונם קינדס אויג, ווען דער רייכער פעטער דאַרף אונטער אַ חנוכה, אָדער פורים זיך נעמען צו דער־קעשענע...

די הכנעה און דאַנקבאַרקייט, פלעגט ביי מענטשן פון סתם שוואַכן כאַראַקטער, איבערגיין אויך צו אַנדערע ערגערע פאָרמען...

ס׳האָט זיך ביי וועמען פון אַזעלכע געשאַפן די פּסיכאָלאָגיע, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו דאגה׳ן, ווייל אָט קומט אַראָפּ דער גוטער „מלאך״, און וועט טיילן, וועט געבן, און מע דאַרף נאָר איין אַרבעט טון — נעמען...

ס׳מוז דערפאַר געזאָגט ווערן, אַז וויפיל ס׳זאָל נישט געווען זיין נויטיק צו העלפן די קאָלאָניסטן אין די ערשטע פּאָר יאָר, ביי ערשטע קאָסטשעס, האָט אָבער דער אופן פון שטיצן דורך אַרויסגעבן מאָנאַט־

לעבע באַשטימטע סומעס פאַר יעדער פאַמיליע, געטראָגן אין זיך קערנער פון דעמאָראַליזאַציע.

ערשטנס, האָט דער קאָלאָניסט באַקומען דעם אויסצאָל נישט פאַר א באַשטימטן סכום ארבעט, האָבן דערפאַר א סך זיך באַטראַכט פריי פון ארבעט, און צווייטנס, איז די שטיצע געווען א בייטש אין די הענט פון די אדמיניסטראַטאָרן און אַגענטן, וועלכע האָבן זי אָפּגעשטעלט צו יעדער צייט, ווען דער קאָלאָניסט איז, לויטן אַגענטס איינזען, באַגאַנגען אַן „עברה".

עס האָט זיך אויך געשאַפן א קאַנטיגענט פון „אונטערזאָגער", און אַזעלכע וואָס פלעגן זוכן סתם צו געפעלן זיין — און ס׳איז אויך קלאָר, אַז ווי באַלד מ׳איז געווען באַזאָרגט מיט עסן פאַר דער פאַמיליע, האָבן געוויסע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען געוואוינט צום שטאָט־לעבן, און דאָס פעלד האָט זיי גאָר נישט געשמעקט, האָבן זיי אָנגעהויבן א באַוועגונג, צווישן די קאָלאָניסטן, נישט צו אונטערשרייבן קיין נייע קאָנטראַקטן, ווי אויך אַנדערע דאָקומענטן, ווייל מיט דער אונטערשריפט וועט מען זיך פאַרקויפן צום באַראָן לעולם ועד.

בוימל אויף דעם דאָזיקן זיך טליענדיקן פייער, איז לכל הדעות אויך געווען די עובדה פון די אָרטיקע אַגענטן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער די צענטראַלע אדמיניסטראַציעס, מיט זייערע מאָדנע באַנעמונגען צו די קאָלאָניסטן.

אָט די באַוועגונג האָט איר געבורטס־פּלאַץ געהאַט אין דער קאָלאָניע קלאַראַ און האָט זיך פאַרשפּרייט אויך איבער די 4 קאָלאָניעס פון לוסיענוויל.

דאָ, אין די קאָלאָניעס פון לוסיענוויל, האָט די באַוועגונג נישט געפונען אַזא פעסטן באָדן, ווי אין אַנדערע קאָלאָניעס. עס האָבן זיך אפילו געפונען א געגנגנדיקע צאָל קאָלאָניסטן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו איר, אָבער ס׳איז אויך געווען א גרויסער טייל, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיי טאָרן נישט אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט אויפן לאַנד, און קבלות אויף אָקסן, מאַשינען, און אַנדערע זאַכן, וואָס ווערט זיי ארויסגעגעבן פון דער אדמיניסטראַציע.

די אָנפירער פון דער באַוועגונג איז נישט געפעלן, וואָס ס׳איז פאַראַן

ווער ס׳טאנצט נישט אויפן פייפל, און זיי האָבן דעם טייל קאָלאָניסטן גערופן מיטן נאָמען „משומדים״.

מיט די דאָזיקע „משומדים״ האָט מען זיך נישט געחברט; די פאַמיליעס פון די „משומדים״ זיינען איזאָלירט געוואָרן פון די שטרייקנדיקע קאָלאָניסטן, און פאַר זיי האָט מען זיך אפילו געהיט צו רעדן וועגן פּלענער פון דער „באַוועגונג״.

מען האָט דעמאָלט געקענט זען אזא בילד:

ביי דער ערשט אויסגעבויטער שיל, אין דער קאָלאָניע נאָוועבוג נומער 1, איז די גאס פאַרפלייצט פון וועגענער — אוקראַינישע פורגאָנעס, בעסאַראַביער דראַבענעס, און, וואו ניט וואו, א רוסישע בריטשקע, — דאָס זיינען געקומען די אָנפירער פון דער קאָלאָניע קלאַרא מיט זייערע באַגלייטער „צוצוגרייטן דעם עולם״.

ביי א לאנגן שיל־טיש זיצן די אָנפירער, דער גאנצער שול־הויף איז פול מיט קאָלאָניסטן, מ׳איז זיך מישב און מען מאַכט פּלענער, ווי אזוי צו באַקעמפן די אדמיניסטראַציע מיט אירע קאָנטראַקטן.

אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט גאַס קען מען זען זיך שלייכן די „משומדים״, וועלכע האָבן מורא נאָענט צוצוגיין צו דער אויפגעברויזטער מאַסע.

נאָר אָט, האָט איין יונגערמאַן זיך איינגעשטעלט און איז צו, צו דער שיל, לויפן אים גלייך אנטקעגן צוויי „היטערס״ און מע בעט אים זיך אַפּטראָגן.

דער יונגערמאַן פאַלט אָבער נישט אַראָפּ ביי זיך און קומט אַרויס מיט אַ טענה:

— די שיל איז אַלעמענס, איר הערט? א מקום קדוש פאַר אלע אידן...

— טאַקע ווייל אַ מקום קדוש — פּרואוון זיך קליגערן די היטערס — טאָרן קיין משומדים אהער נישט אריינקומען...

דאָס וואָרט משומדים שניידט דורך דאָס הארץ פונם יונגנמאַן, ווי מיט א חלף; די אויגן גיסן זיך אָן מיט בלוט, און די פויסטן פאַרקרעמפּפּן זיך.

— כ׳וועל נישט אוועקגיין! — טענהט דער יונגערמאַן ווייטער — כ׳זאָל וויסן דער טויט מיינער זאָל דאָ זיין...

— וועסט נישט גיין, וועט מען דיך טראָגן — וויצלען זיך האַלב־ערנסט די צוויי געטרייע היטערם — מיר וועלן קיין משומדים אהער נישט אריינלאָזן...

— גאָטס גנבים! פאַרכאַפּט דאָס מקום קדוש, און צאַפּן פון צווייטן דאָס בלוט! — שרייט שוין דער יונגערמאַן אין א פאַרצווייפלטער אנ־שטרענגונג — לאָזט מיך אריין!..

פון דער עדה, וואָס זיצט ארום טיש הויבט זיך אויף, דאָ איינער, דאָ א צווייטער, רוקן זיך מיט שטילע טריט צום טירל פון שול־הויף...

דער יונגערמאַן דערפילט זיך שוואַכער, און נעמט שטעלן טריט צו־ריק, צו די זייניקע, וואָס שטייען קעגנאיבער און וואַרטן אויף זייער העלד...

צוויי מחנות קעמפּפנדיקע צדדים, פּנים אל פּנים און אָט וועט די מלחמה אויפפלאַקערן, בלוט וועט זיך גיסן... נאָר ס׳איז נישט מער א גליק, וואָס ס׳זיינען אידן, קומט מען אָפּ מיט רעכט אויסזידלען זיך:
— משומדים!..
— גאָטס גנבים!..

דער כעס איז געקילט... דער צאָרן ווערט אויסגעלאָשן... די ארויסגע־שטויסענע ציען אָפּ, און די „רעוואָלוציאָנערן״ קערן זיך אום צו זייער טיש, צו „זייערע״ עסקים און זייער טומלעניש...

און אָט א צווייטער עפּיזאָד:
ס׳איז געמאכט געוואָרן די ערשטע קאָסעטשע און די אדמיניסטראַ־ציע האָט צוגעשיקט בינד־מאַשינען פאַר אויפהויבן דעם שניט.

די „משומדים״ האָבן אונטערגעשריבן קבלות אויף די גענומענע מאַשינען, בעת די „רעוואָלוציאָנערן״ ווילן נישט אונטערשרייבן, און באַ־קומען נישט קיין שנייד־מאַשינען.

די קאָסעטשע דאַרף מען אָבער אראָפּנעמען, שפּאַנען די „רעוואָלו־

ציאָנערן זייערע וועגענער, מען פאָרט צו צו דער סטאַנציע, וואו די מאַ־שינען ליגן אפּגעלייגט.

נישט געפרעגט און נישט געזאָגט, לאָדן זיי אויף די מאַשינען, און מען פאָרט מיט זיי אוועק.

דער שעף פון דער סטאַנציע פּראָטעסטירט — שרייט געוואַלד און לייגט איין וועלטן:

— זיי זיינען נאָך נישט אויסגעשריבן ביים אייזנבאַן — טענהט ער

— וואָס האָט איר צו מיר?

דאָס העלפט אים אָבער נישט. מ'הערט אים, ווי המן דעם גראַגער, די מאַשינען ווערן אוועקגעפירט אין די קאָלאָניעס...

מען טעלעגראַפירט קיין בוענאָס איירעס, עס קומט דער דירעקטאָר הירש, און אין דער „קאָנפיטעריע" פון דער באַן־סטאַנציע, וואו דער דירעק־טאָר געפינט זיך, קלויבן זיך צונויף פיל קאָלאָניסטן.

איינער פון די פאַרזאַמלטע רופט אָפּ א צווייטן אין א ווינקל און זאָגט אים אויפן אויער א „סוד", אז דער אדון זאָל הערן וואָרט ביי וואָרט...

— מע דאַרף געבן פייער...

מיינען האָט ער געמיינט איבערצושרעקן דעם דירעקטאָר, וועלכער דאַרף זיך אָנשטויסן, אז מע מיינט אים דאָ צו שיסן... (א אידישער גזלן!)

— פייער! פייער דאַרף מען געבן...

דער דירעקטאָר דערהערט פייער, און נעמט שפּרינגען דורכן פענסטער, מיינענדיק נישט אנדערש, אז מ'האָט דאָס הויז אונטערגעצונדן, בכדי צו מאַכן פון אים א געבראָטנס...

אָט אַזעלכע און פיל אַנדערע עפּיזאָדן איז צו פאַרצייכנען אין די ער־שטע יאָרן, אַלס קאָנסעקווענץ פון נישט איינפאַרשטייען זיך.

פון איין זייט — די קאָלאָניסטן, פאַר וועלכע ס'איז געווען פרעמד דאָס לאַנד, און די צילן און צוועקן פון באַראָן הירש, און, פון דער צוויי־טער זייט — געוויסע באַאַמטע, וואָס האָבן געוואָלט פירן די אדמיניס־טראַציע ביד חזקה...

V.

דער ערשטער וויזיט פון דר. זאנענפעלד און ד. פיינבערג אין די קאָלאָניעס

מיט אַ ספר תורה און מיט זאַלץ און ברויט אַנטקעגן די געסט. — די באַוועגונג פאַר נישט אונטערשרייבן די קאָנטראַקטן. — באַרואיקט די געמיטער און מיט גאָרנישט געהאָלפן. — נישט קיין שטיצע, נישט קיין הילף, נאָר די קוואָטעס דאַרף מען צאָלן. — לאָפּין שטעלט אײַן זײַן שטאָב איינמאָנער. — אַ ביטערער קאַמף. — דחקות און צרות, און די משפחה פאַרגרעסערט זיך.

אין 1896, נאָך 2 יאָר פון דער ערשטער באַזעצונג אין לוסיענוויל, קומט קיין ארגענטינע דער פּאַריזער דירעקטאָר דר. זאָנענפעלד, אין דער באגלייטונג פון ד. פיינבערג.

דאָס איז געווען סאַמע דעמאָלט, ווען אין די קאָלאָניעס האָט געבוי־שעוועט די באַוועגונג פון ניט אונטערשרייבן די קאָנטראַקטן.

ביים אָנקומען פון די געסט קיין באַסאַווילבאַסאָ, זיינען זיי באַגעגנט געוואָרן פון די זקנים מיט אַ ספר תורה און מיט זאַלץ און ברויט, און די יוגנט איז אַרויס, רייטנדיק אויף פערד.

ס'איז געווען באַלד נאָך קאַסעטשע. קיין נחת האָבן די קאָלאָניסטן נאָך נישט געזען, דאָס נויטיקסטע פאַר דער פאַמיליע האָט געפעלט, די שטיצע האָט נישט געסטייעט און די אומרואיקייט אין די קאָלאָניעס האָט געשטיגן.

אַלע האָבן געהאָפט, אַז די הילף וועט קומען פון אָט דעם וויזיט פון די צוויי פאָרשטייער פון באַראָן הירש.

דר. זאנענפעלד מיט פיינבערגן זיינען געקומען, האָבן באַרואיקט די קאָלאָניסטן, אַז אַלעס וועט ווערן גוט, און זיי זיינען אָפּגעפאָרן אין די אַנדערע קאָלאָניעס.

מער האָט מען זיי נישט געזען, נאָר מיט אַ צייט שפּעטער איז אָנגעקומען, אַז עס ווערט אַראָפּגעצויגן 25 פּראָצענט פון דעם חוב אויפן לאַנד.



אַ קאָלאָניסטישע הויז אַליין אײַנגעאָרדנט.— די דירה פאַר דער משפּחה
און אַ קליינער תבואה־שפּײַכלער, אַ ווינט־מיל, וועגענער,
רעמאַנענט און אַלץ, וואָס אַ גוט־איינגעפונדעטער
קאָלאָניסט האָט נויטיק.

קיין בעסערקייט האָט עס אָבער נישט געבראַכט, ווייל די קאָלאָניסטן האָבן סיי ווי נאָך אפילו נישט געטראַכט פון צאָלן, ווען ס'איז.

דער היישעריק איז יאָר־איין, יאָר־אויס געקומען, און עס איז געווען א פראַגע פון ברויט פאַר די קינדער.

א פּאָר יאָר זיינען אוועק. די שטיצע איז שוין לאַנג אפּגעשאפט געווארן, די קאָסטעשעס זיינען געמאַכט געווארן אין א באַנרעניצטער מאָס, דאָך האָבן די קאָלאָניסטן אָנגעהויבן זיך צו אָריענטירן: ווער עס האָט געזייעט א ביסל מאַיס, ווער ס'האָט געלייזט א פּאָר סענט פאַר מילך — די באַשיידענע הוצאה האָט מען דורכגעשלאָגן.

צו יענער צייט איז לאַפּין געווארן דער הויפּט אדמיניסטראַטאָר פון די קאָלאָניעס אין ענטרע ריאָס. ער האָט אָנגעשטעלט א שטאַב פון באַאמטע, וועלכע האָבן באַדאַרפט איינמאָנען ביים קאָלאָניסט דעם יערלעכן אָפּצאָל פאַר דער אדמיניסטראַציע.

מיטן אָנהויבן מאָנען ביים קאָלאָניסט געלט פאַר דער אדמיניסטראַציע, האָט ווידער אויפגעפלאַקערט אן אומרואיקייט אין דער קאָלאָניע. די באַאמטע פון דער אדמיניסטראַציע פלעגן היטן די דרעש־מאַשינען, אז דער קאָלאָניסט זאָל נישט אָפּמאַכן מיטן מאַשיניסט אויף וויניקער פאַנעגאַס, דורך וועלכן די יקא זאָל פאַרלירן פּראָצענטן, און אזוי איז אוועק א סדרה: קאָלאָניסטן האָבן געזוכט צו פאַרלייקענען דעם רעזולטאַט פון דער קאָסעטשע, און די אדמיניסטראַציע האָט זיך נישט געפוילט צו זיין וואָס צודרינגלעכער ביים מאָנען...

די לאַגע אין דער קאָלאָניע איז דערפאַר געווען אן אומבאַשטימטע. אפילו דער השומח בחלקו־עלעמענט האָט נישט געהאָפט, אז דאָס לאַנד זאָל געבן געגוג צום לעבן, און מען זאָל נאָך קענען דערפילן מיט די צאָלונגען צו דער יקא. איבעראַל האָט מען שוין געערדט וועגן דער נויטיקייט פון פאַרגרעסערן די ערד־חלקים.

דאָס לעבן איז אָבער געגאַנגען זיין גאַנג: די קאָלאָניסטן האָבן, ביי זייער אָנקומען, געהאַט גרעסערע משפחות, מיט דערוואַקסענע קינדער, וועלכע האָבן פאַר די עטלעכע יאָר דאָ אליין געבילדעט פאַמיליעס.

ס'זיינען אויך געווען קליינע פאמיליעס, צו צוויי אויף איין טשאַקרע, און ס'האָט זיך גענויטיקט זייער צעטיילונג.

דעמאָלט איז אויפגעקומען די פראגע וועגן קאָלאָניזירן אָט די אלע עלע־מענטן אויף א צווייטן פּלאַץ.

VI.

די קאָלאָניזירונג פון די ערשטע קאָלאָניסטישע זין און שותפים - קאָלאָניסטן

קאָלאָניסטן גייען — קאָלאָניסטן קומען. — נייע ערדן געקויפט און די ערשטע אויסברייטערונג געמאַכט. — בראַווע קאָלאָניסטישע זין פארלאָזן דעם פאָטערס הויז, צו בויען נייע קאָלאָניעס. — אַ וועג מיט קרבנות, וואָס ווערט אויפגענומען באהבה.

פיר יאָר זיינען אוועק זינט מען האָט, צום ערשטן מאָל, באטראָטן דעם ארגענטינער באָדן.

ווער מער, ווער ווייניקער האָבן קאָלאָניסטן זיך גענומען איינפונדע־ווען, בעת אנדערע זיינען פאר דער צייט אוועק אין שטאָט, און נייע קאָלאָ־ניסטן האָבן פארנומען זייער פּלאַץ.

די 50 העקטאר וואס איז יעדן געגעבן געווארן, און וואס ביים ארויס־פאָרן פון דער אַלטער היים, האָט מען געהאַט דעם באגריף פון אַ דאָרטי־קער פויערים־ווירטשאפט, לויט וועלכער 50 העקטאר זיינען גענוג פאר עטלעכע דורות, — האָט מען איצט זיך ארומגעקוקט, אז נישט נאָר קאָנען, אויף די 50 העקטאר, נישט לעבן צוויי פאמיליעס, נאָר עס איז נישט גענוג אפילו פאר איין פאמיליע.

צו יענער צייט איז שוין דער פאקטישער הויפט־אדמיניסטראטאר פון ענטרע ריאָסער קאָלאָניעס, מיט גאנצער פולמאכט צו איינאָרדענען די קאָלאָניסטן, לויט זיין איינזען, געווען דער שוין דערמאָנטער אגראָנאָם, לאַפּין.

אַ טיפּ פון אַ מאָדערנער הויז אין קאָלאָניע.— בוי מאַטעריאַלן און
איינריכטונג אויפן סטיל פון שטאָט.— דראָטיקער געוועב —
אַ צוים קעגן בהמות און חיהלעך.— פּרעכטיק־
צעצווייגטע ביימער — אַן אָפּרו־פּלאַץ
נאָך דער אַרבעט.

ס'איז אויך ביי דעם באוואוסטן לאַטיפונדיסט, ראַפאַעל עסקריניאַ אָפּגעקויפט געוואָרן גרעסערע שטרעקעס לאַנד צום דרום־זייט פון די פיר קאָלאָניעס, געמלעך: עסקריניאַ, און ביי דער סטאַנציע כילבערט, צוזאַמען איבער 10.000 העקטאַר.

אויף די לענדערייען, וואו עס געפינען זיך היינט צו טאָג די קאָלאָניעס לוסיענוויל, עסקריניאַ פון נומער 1 ביז נומער 10, טרעסבים און סאַן כואַן, זיינען, אין די ערשטע פון די קאָלאָניעס, 1 און 3, באַזעצט געוואָרן אין 1899 די ערשטע קאָלאָניסטישע זין און איינציקע אָפּגעטיילטע שותפים־קאָלאָניסטן.

דאָס איז געווען דער ערשטער שריט פאַר דער אויסברייטערונג פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, וואָס איז תחלת געהאט באַשטאַנען נאָר פון די 4 קאָלאָניעס: נאָוועבוג 1 און 2, און אַקערמאַן 1 און 2.

די קאָלאָניסטן פון עסקריניאַ נומ. 1 און 3, אויפן גרעניץ צו דרום־זייט פון די אידישע קאָלאָניעס אין ענטרע ריאָס, זיינען, אַלס זין פון ערד־אַרבעטער, געווען די ערשטע אַוועקצולאָזן זייערע משפחות, ביי וועלכע ס'איז שוין געווען איינגעאָרדנט אַ קאָמונאַלער לעבן, אַ שיל, אַ שולע, אַ באָד, אַ בית־עולם א. ד. ג. און אַוועקגיין אויף אַ מהלך פון 35 קילאָמעטער, אָנצוהויבן פון־דאָס־ניי איינאָרדענען זיך, אויסוואָרצלען בוימער, אַפּרייניקן די ווילדע דערנער, אויפשטעלן הייזער פון 4 ווענט מיט אַ דאַך.

די „הייזער" האָבן אפילו נישט געהאַט די נויטיקע אַרומצוימונג. און אַ קאָמונאַלע „פּאַטרעראַ" איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר די בהמות פון 40 קאָלאָניסטן.

די „פּאַטרעראַ" האָט געהאַלטן אַכט קילאָמעטער די לענג. אויף ברענגען דעם אָקס צו דער אַרבעט, האָט מען געמוזט אַרויספאָרן העט פאַרטאָג, און אין שפּאָן איז ער געשטאַנען אַ שטיק אויפן טאָג...

די ערשטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע משפחות און זיינען אַוועק זיך קאָלאָניזירן אויף זייערע נייע חלקים לאַנד זיינען געווען: יעקב ראַוונער, וו. שיינבערג, ל. מ. סוועטליצע, ד. פרידלענדער, י. קאָוואַל, ש. עלבערג, ש. י. הורוויץ, מ. שעוועליאַוו, מ. פרייבערג, יצחק הורוויץ, ח. ז. פעטאַשניע, י. ראַבקינד, ש. פרענקעל, ש. בלעכער, משה צענטנער און א. היינבוים.

אויב היינט צו טאג איז 35 קילאָמעטער א שפּאַן, דאַרף מען נעמען אין אכט, אז דעמאָלט איז דאָס פאַררעכנט געווען פאַר פּיאָנערסטווע.

דאָס פאָרן מיט שווערע וועגענער א שטרעקע פון נישט באוואוינט לאַנד, און אָנהויבן אַלץ פון־דאָס־ניי, אָן געניגנדיקער מיטהילף — די אדמיניסטראַציע האָט נאָר געהאָלפן מיט א שטוב, א ברונעם פאַר עטלעכע קאָלאָניסטן, 60 פּעזעס אויף א פּאָר יונגע אָקסן, א פּראָסטן וואָגן, 2 פערד, א היל־צערנע בראָנע, בעת דאָס איבעריקע האָט מען באַדאַרפט אליין זיך איינ־שאַפן — האָט ריכטיק געשמעקט מיט קרבנות...

די ערשטע זין זיינען אָבער געווען יונג און ענטוזיאסטיש, די שווערסטע סיטואַציעס האָבן זיי נישט אָפּגעשראָקן, אַלץ איז אָנגענומען און געטון געוואָרן באַהבה, און זיי האָבן עס דורכגעשניטן דעם וועג צו דער אויסברייטערונג פון דער קאָלאָניע.

נאָך דער ערשטער באַזעצונג אין עסקריניאַ 1 און 3, אין צאָל פון 20 קאָלאָניסטן (צו 10 קאָלאָניסטן אין יעדער פון די צוויי נומערן) זיינען איינ־גיכן קאָלאָניזירט געוואָרן די נומערן 2, 4, 5, 6, 7, 8, 9 און 10, וועלכע צוזאַמען מיט די ערשטע 2 קאָלאָניעס, און די קאָלאָניע „טרעס-בים", וואָס איז קאָלאָניזירט געוואָרן שפּעטער מיט 3 יאָר, האָבן זיי באַזעצט אַן איינ־הייטלעכן שטח לאַנד פון מער־ווייניקער 15 קילאָמעטער די לענג אויף 5 קילאָמעטער די ברייט, וועלכע אָנגערופן לוסיענוויל-עסקריניאַ, אין באַ־שטאַנד פון 75 קאָלאָניסטישע משפּחות.

VII.

די אויסברייטערונג פון לוסיענוויל. האָרט לעבן די ערשטע פיר קאָלאָניעס

נייע קאָלאָניסטן און נייער סיסטעם פון קאָלאָניזירן. — 150 העקטאַר אָנשטאָט 75. — לאַפּינס ממשלה ביים איינמאָנען יערלעכע קוואָטע. — אומרואיקייט און אויסוואַנדערונג.—צווייטער באַזוך פון זאַנגנפעלד און אָווער־בוך.—דעפיניטיווע קאָנסטיטואירונג פון דער קאָלאָניע.

אין יאָר 1900 ווערט אָפּגעקויפט 1300 העקטאַר לאַנד, האָרט ביים גרעניץ פון נאַוועבוג נומער 2, און אין 1901 ווערן דאָרט באַזעצט 17 קאָ־

גרופּע נומער 1—עסקריניאַ. — אַ גאַס אויף ביידע זייטן פון וועלכער
ס'שטייען קאָלאָניסטישע הייזער.— פאַראַיסן־ביימער שאָטענען
איין די דירות, באַשיצנדיק זיי פון דער ברענענ־
דיקער זומער ־ זון.

לאָניסטן, וואס בילדן די נומערן 11, 12, 13, 14 און וואָס מען רופט אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען: „דרייצן הונדערט העקטאר”.

די קאָלאָניע, וועלכע איז באשטאנען פון אן איינהייטלעכן קאָלאָניסטן־עלעמענט, פון בעסאראביע, איז די ערשטע, מיט וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויסברייטערונג פונם צענטער פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, צו דרום-זייט.

שפּעטער איז אָפּגעקויפט געוואָרן, דורך דער יקא, גרויסע שטחים לאַנד ביים לאַטיפונדיסט באסאווילבאסאָ, צום צפון און צפונית־מערבית פון די צענטער קאָלאָניעס, און אין 1904 איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַ גרופּע קאָלאָניסטן פון כערסאָנער פראווינץ פון דער קאָלאָניע שיראַקאָ, און עס זיינען באזעצט געוואָרן די נומערן: ליניעס 24־25־26, צו מערב, אין צאָל פון 25 קאָלאָניסטן.

מיט דער קאָלאָניע ווערט אריינגעטראגן אַ נייער סיסטעם פון קאָלאָניזירונג. אנשטאָט וואָס די פריערדיקע קאָלאָניסטן זיינען באַזעצט געוואָרן אויף 50 העקטאר אקער־לאַנד און צו 25 העקטאר, ווי אויך מיט אַ קאָמונאַלער פּאָטרעראָ פאר פּאשע, ווערן די קאָלאָניסטן פון די ליניעס 24, 25, 26 קאָלאָניזירט אויף 150 העקטאר, אויף וועלכע עס געפינט זיך די שטוב, און אַ פּאָטרעראָ פאר די בהמות פון יעדן קאָלאָניסט באַזונדער, מיט אַ קרעדיט פון 3000 פּעזעס.

ס'ווערן אויך טראַנספאָרמירט אַלע פריערדיקע קאָלאָניעס, געבנדיק יעדן קאָלאָניסט אנשטאָט 50 העקטאר, — גאַנצע 150.

ווי געזאָגט, האָט לאַפּין געהאַלטן, צו יענער צייט, די ממשלה, און זיין שטאָב האָט מיט באַזונדערער הנאה און „פליים” געהיט די ארבעט ביי די דרעש־מאַשינען, בכדי איינצומאָנען פאר דער אדמיניסטראַציע 20 פּראצענט פונם פּראדוקט.

ס'איז פארשפּאָרט צו זאָגן, אז וואָס צודרינגלעכער ס'זיינען געוואָרן די איינמאָנער, אַלץ מער האָט געשטיגן די אומרואיקייט צווישן די קאָלאָניסטן.

און דער סיסטעם פון איינמאָנען די יערלעכע קוואָטע איז געווען אזעלכער: אין די ווייטערע פונקטן אין די קאָלאָניעס, זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן גאַלפּאָנעס, וואו די קאָלאָניסטן האָבן באַדאַרפט אריינפירן זייערע יערלעכע איינצאָלונגען פאר דער אדמיניסטראַציע.

א טייל קאָלאָניסטן, נישט גלויבנדיק, אז מיט דער צייט זאָלן זיי האָבן אויסגעצאָלט זייער לאנד, און ווערן אייגנטימער, האָבן געהאלטן, אז יעדער סענט, וואָס זיי קאָנען אויספירן נישט צו צאָלן, איז פאר זיי א געפונענער.

ווען אזעלכע האָבן דערזען, אז די אדמיניסטראַציע מיינט עס ערנסט, אז אין דעם ווייטסטן פונקט פון דער קאָלאָניע, אין עסקרינאַ נומער 2, איז אויפגעבויט געוואָרן א גאַלפּאָן; אז אין באסאווילבאַסאָ איז פון א צווייטן פּלאַץ אריבערגעפירט געוואָרן א גרויסער גאַלפּאָן, איז ניט אנדערש, אז די אדמיניסטראַציע וועט אַלץ, וואָס דער קאָלאָניסט פּראָדוצירט, צונעמען צו זיך אין גאַלפּאָן, און דעם קאָלאָניסט וועט מיט גאָרנישט בלייבן.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן א באַוועגונג אויסצוואַנדערן.

אין דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס האָט געשמט די קאָלאָניזאַציאָנס-געזעלשאַפט „שטראָידער", האָט א גרופּע קאָלאָניסטישע יונגעלייט פון לוסיענוויל פארלאָזט זייערע פעלדער און מען איז אוועק אין יענער פּראָווינץ.

אייניקע האָבן געשלאָסן קאָנטראַקטן מיט דער דערמאָנטער געזעל־שאַפט, אנדערע האָבן זיך אָפּגעוואַלגערט עטלעכע וואָכן און מען איז געקו־מען צוריק אין קאָלאָניע, אויספּועלנדיק ביי דער יקאַ־אדמיניסטראַציע צוריק זייערע פעלדער און רעמאַנענט.

אין יענער אומרואיקער צייט, ווען ס'האָט געהאַט אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער די באַוועגונג פאר אויסוואַנדערן, זיינען, צום צווייטן מאָל, אַראָפּגעקומען קיין ארגענטינע, זאַנענפעלד מיט אווערבוכן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1903.

נאָך דעם צווייטן באזוך פון ד"ר זאַנענפעלד איז אָנגעקומען די פאר־אָרדנונג פון פּאַריז צו געבן, ווי מיר זאָגן אויבן, יעדן קאָלאָניסט, וואָס האָט נאָר געהאַט 50 העקטאַר, ביז 150.



דער תבואה־שפּייכלער, וואָס האַלט איינגעזאַמלט די גאַנצע פּראַצע פון
יאָר. — קאָלאָניסטישע זין קומען אָפּליגן די תבואה — פרוכט
פון זייער אַרבעט. — דער מאָדערנער אויטאָמאָביל —
שנעלער פאַרקער־מיטל צו פאַרהאַנדלען
תבואה־עסקים.

די, וועלכע זיינען ניי־קאָלאָניזירט געוואָרן, זיינען גלייך אָנגעקומען אויף 150 העקטאר, בעת פון די ערשטע קאָלאָניסטן פון די קאָלאָניעס נאָוועבוג 1 און 2 אקערמאַן 1 און 2 „1300 העקטאר", און עסקרינא זיינען אריבערגעפירט געוואָרן ערגעץ אנדערש אזוי פיל, וויפיל עס איז נויטיק געווען, כדי די פארבליבענע זאָלן האָבן 150 העקטאר.

אין די יאָרן 1904—5 איז באזעצט געוואָרן דער שטח לאנד, וואס איז אָפּגעקויפט געוואָרן ביי באסאווילבאסא, צו צפון פון נאָוועבוג נומער 1, און וואס גרעניצט זיך טאקע מיט איר.

מיט אָט דער איבערוואנדערונג פון קאָלאָניסטן האָבן די אלטע קאָלאָניעס געליטן אין זייער אויסזען, ווייל די אוועקגייענדיקע האָבן אויך איבערגעטראָגן אויפן נייעם פלאַץ זייערע הייזער, גאָלפּאָנעס און די גאנצע ווירטשאפט, און דער אלטער פלאַץ איז געבליבן פוסט.

מיט דער טראנספאָרמירונג פון די אלטע קאָלאָניעס, מיטן קאָלאָניזירן די וואלד־ליניעס, און אין 1904 די גרופּעס פון „סאן כואן", איז די קאָלאָניע געוואָרן אזוי גוט ווי א פארענדיקטע און אָן אָפּגעשלאָסענע, ניט רעכענענדיק קליינע שטחים רעזערוו־לאנד, וואָס א טייל איז באשטאנען פון נידעריקע פּאשע־לאנד, אויף וועלכן ס'זיינען שפּעטער קאָלאָניזירט געוואָרן קאָלאָניסטישע זין.

די קאָלאָניע לוסיענוויל, ניט פאראָמגנדיק ארום זיך קיין גרעסערע שטרעקעס איינגעקויפטע לאנד דורך דער יקא, ווי דאס איז דער פאַל מיט אנדערע קאָלאָניעס, ווי ריווערא, אָדער מאָזעסוויל, בילדעט זי מיט זיך א באזונדערע קאָלאָניע, וועלכע פארנעמט א שטח פון 36.000 העקטאר לאנד אין די דעפּארטאמענטן אורוגואי און גואלעגואיטשו, צו מזרח־מערב פון דער קאָלאָניע קלארא.

א שטח פון 35 קילאָמעטער ניט אידישע לאנד טיילט זיי פאנאנדער.

VIII.

די ערשטע יאָרן פון היישעריק און די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע

דער היישריק — דער פּלאָג פון די פּלאָגן — מאַכט חרוב ונחרב די גאַנצע פּראַצע. — אַן אַרמיי פון מלאכי חבלה פאַרלענדן אַלץ, וואָס איז צום גע־שמאַק פון זייער גומען. — פון דער נויט זוכט מען ברויט און ס׳איז אויך נישטאָ. — קאָלעקטיווע אויסוואַנדערונג. — געמיראָוו־סקי — אַ יק״א־אַגענט מיט יושר און האַרץ. — ווענע־ציאַנין העלפט נישט זיין בריהשאַפט.

אין די ערשטע יאָרן איז די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל שווער אויס־געקומען צו קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ.

כאָטש זיי זיינען געוואוינט געווען צו פיזיש־שווערער ארבעט, זיינען דאָך געווען יאָרן פון אויסעראָרדנטלעכע שוועריקייטן — די יאָרן פון היישעריק.

דער היישעריק פלעגט אין גרויסע מענגעס באַפאַלן די פאַרזייעטע פעלדער און מאַכן פון זיי תכלית חרב...

קיין אגריקולטור צום נאָרד פון דער רעפּובליק איז כמעט ווי נישט געווען, פלעגט דער כסדר הונגעריקער מחבל ציען צו דרום, ווי דער חוש־הריח וואָלט אים נישט אָפּנאַרן, אַז דאָ וואַרטן אויף אים געשמאַקע זאַנגען, זאַפטיקע גראָזן און פרישע בוימער־בלעטער...

האָט מען געקענט זען אַזאַ בילד:

בין־השמשות. דער טאָג נויגט אָפּ, און ס׳שפּרייטן זיך אויס די ערשטע טונקעלע פאַסן. אַ קלאָרער הימל, קיין פּינטל כמאַרע נישט צו זען, און דאָך... וואָס שווארצט זיך עס דאָרט צום צפון־דיקן האָריזאָנט?..

אַ זייל, אַ שוואַרצער מיט נישט דעפינירטע קאָנטורן... צי איז עס נישט אַ שטויב־וואָלקן, וואָס זאָגט אָן די דערנענטערונג פון אַ ציקלאָן?

ניין... ס׳ווערט דאָך קיין שטורעם נישט ביי אַ ריינעם הימל און ביי אַ פרישן וועטער...

— דאָס גייט דער מחבל! — הערט זיך אַ פאַרצווייפלטע שטימע.

— יאָ, דאָס איז דער היישעריק! — ענטפערט מען אָפּ — פון צפון קומט ער, צו פארלענדן אונזער גוטס...

— דאָס לאָזט ער זיך אראָפּ נעכטיקן, דער מחבל... מיטן פארגיין פון טאָג גארט ער נאָך רו...

נידערט דער שונא, וואָס ווייסט פון איין זאך נאָר: פארלענדן! חרוב־מאכן! אחדותדיק און אין ציל געאייניקט האלט זיך דער חיל אָפּ אויף זיין וועג, מיד פון פליען פון ווייטע מקומות...

און אויף מאָרגן, ווען ער וועט מיטן טאָג גלייך, זיך אויפהויבן פון זיין אָפּרו־לאגער, וועט ער מיט באנייטע כוחות פאָרזעצן זיין פלי־צוג...

און אָט קומט ער צו די מיט זאנגען באזעצטע פעלדער, צו די ערדן אין פּאשע באדעקטע.

די אָנפירער מאכן זייער צייכן און די גאנצע מחנה לאָזט זיך אראָפּ אויפן רויב.

האָט די נאטור דעם מחבל באשאָנקען מיט זעגעלעך די יונגע געוויקסן ארונטערצושניידן, און שארף איז אויך דאָס מויל פונם שונא. סטרעשצעט, און ס׳קנאקט אין א מאָנאָטאָנעם ריטם די גאנצע ארמיי, זייטיק רוקט זיך דער היישעריק, ווי ער וואָלט וועלן, אויף א רגע, זיך דערווייטערן פונם פאנג... און אָט פאלן אונטער אים די געוויקסן און גרעזער, זאנגען און בלעטלעך... שווארץ בלייבט אונטער אים דאָס פעלד, וואָס האָט ערשט מיט א רגע פריער געבליט און געלעבט... שווארץ און חושך ווערט אונטערן רוקן פונם מחבל...

דער שונא רוקט זיך אלץ ווייטער און ווייטער, פארנעמט איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. קיין ווידערשטאנד איז נישטאָ און קיין ווידערשטאנד איז נישט שייך...

ווער וועט עס קעמפן מיט א מיליאָנענדיקן שונא, וואָס איז באשאָנקען מיט פלינקייט צום שפרינגען, באגורט מיט פלינלען צום פליען און זיינע בלי־זין — זיכערע און נישט קיין געפעלשטע...

און קלויבן קלויבט דער שונא דאָס סאמע בעסטע, דאָס סאמע זיסטע פון די געוויקסן...

קיין אונטערשיד ביי אים פון גראָז, וואָס אויף דער ערד ביז בלעטער, וואָס אויף די בוימער. (קיין ביטערע פאראיסען־בלעטער פרעסט ער נישט— אַ מפונק און אַ מיוחס).

און זעצט ער זיך אָן אויף די גרעסטע עאוקאליפּטוס־צווייגן איז די משא אזוי גרויס, אַז די צווייג ברעכט זיך אָפּ פונם שטאַם, מיט אַ קרעכץ, וואָס הילכט אָפּ אין ווייט, אויפטרייסלענדיק די ארומיקע באשעפענישן...

מען קען זיך פאָרשטעלן די פארצווייפלונג פון די קאָלאָניסטן, ווען זיי פלעגן דערזען די כמאַרעס היישעריק אָנקומען.

דאָס זיינען געווען טראַגישע מאָמענטן פאַר דער קאָלאָניסטישער משפּחה. געהאָרעוועט און געפּלאָגט זיך, צום הימל געקוקט אויף רעגן אין גוטע וועטערס זיך געוואונטשן. און דאָ — אַלץ חרוב ונחרב!..

קיין זייטיקע הכנסות פאַר חיונה זיינען פאַרן קאָלאָניסט נישט געווען. דער שניט־פּראָדוקט האָט באדאַרפט געבן אויפן גאַנצן יאָר צום לעבן, און אָט האָט דער היישעריק אַלץ צעפרעסן...

מ׳האָט אפילו געפּרואווט פון דער נויט ציען אַ ברויט. ס׳פלעגט עפּעס אריינפאַלן פאַרן קאַפּן דעם היישעריק, פאַר וועלכער ארבעט מען פלעגט צאָלן פופצן סענט אַ זאַק...

די גאַנצע פאַמיליע — מאַן, ווייב און קינד — פלעגן פאַרטאָג, מיט דער ראָסע, ארויס אויף די פעלדער צו פאַנגען דעם שונא, ווי אַן אבן־טוב...

דאָס איז אָבער געווען, מער ווי אַ הילף, אַ שווערע מאַטערניש, גע־צוואונגען דורך רעגירונגס־באַאמטע, וועלכע האָבן דעם גרעסטן טייל פון דער אויסצאָלונג אראָפּגעלאָזן צו זיך אין קעשענע.

דערפאַר, אַז די קאָלאָניסטן־משפּחה פלעגט דערפילן, אַז דער היישע־ריק קומט אָן, פלעגט ווערן „תשעה באב" אין שטוב — דער חורבן איז געווען אַ פאַרויס־געזעענער.

אין יענע יאָרן האָבן זיך באדייטנדיק פאַרשטאַרקט די אויסוואַנדע־

רונגען פון דער קאָלאָניע, שוין נישט קיין יחידים, נאָר צומאָל גאַנצע קאָלעקטיוון.

און די יקא־אדמיניסטראַציע, באַשליסנדיק צו איינמאָנען שטרענג ביים קאָלאָניסט די יערלעכע אָפּצאָלונג, איז איר נישט איינמאָל אויסגעפאַלן צו קומען אין צוזאַמענשטויס מיט אַ גאַנצער געמיינדע.

פאָלגנדיקער עפּיזאָד קען כאַראַקטעריזירן די דעמאָלטדיקע לאַגע:

דער ערשטער אַגענט אין לוסיענוויל איז געווען, אַגראָנאָם לעאָן נע־מיראָווסקי. ער האָט עס באַדאַרפט פאַרווירקלעכן די איינמאָנונג פונם יער־לעכן אָפּצאָל. ער קען אָבער גוט די לאַגע, און ווייסט, אַז יעדן סענט, וואָס ער וועט אויפמאָנען ביים קאָלאָניסט, וועט ער צונעמען דאָס ברויט פון די קינדער.

אַליין אַ גרויסער פריינט פון די קאָלאָניסטן, און אַ זייער גוטער מענטש, האָט ער ניט געקאָנט פועלן ביי זיך גיין מיט שטרענגקייט און די אַרבעט זיינע האָט קיין ברכה נישט געהאַט...

קומט דעמאָלט אַראָפּ דער דירעקטאָר וועגעציאַני צו ווייזן אַ ביישפּיל, ווי אַזוי צו מאָנען. ער איז גרייט צו מאַכן עמבאַרגאָס אויפן ביסל תבואה פונם קאָלאָניסט, ער ברענגט מיט זיך דעם אַלקאַלדע, און מיטן איבעריקן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, קומען זיי צום קאָלאָניסט, דאַקטאַראָוויטש אין דער קאָלאָניע אַקערמאַן נומ. 1.

אין נאָוועבוג נומער 1 זיינען פאַרזאַמלט די קאָלאָניסטן פון די אַנ־דערע קאָלאָניעס, און זיינען גרייט צו סאָלידאַריזירן זיך מיטן עמבאַרגירטן קאָלאָניסט, און דער זעלבער נעמיראָווסקי, אַלס שטרענגער קעגנער פון דער אומרחמנותדיקער איינמאָנונג האלט אינפאָרמירט דעם עולם, ווי עס גייט צו די זאַך...

פאַרשטייט זיך, אַז אויך וועגעציאַני האָט גאָרנישט געקענט מאַכן...

זאָל ביי דער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז איינער פון די יקא־אַגענטן וואָס האָט פאַרשטאַנען זיין מיסיע, איז געווען אָט דער נע־מיראָווסקי, וועלכער האָט טאַקע צוליב דעם לאַנג נישט געקאָנט בלייבן אויף זיין פּאָסטן.

IX.

די עקאָנאָמיש-ווירטשאַפטלעכע אנטוויקלונג פון לוסיענוויל. מילך-פּראָדוקציע און פי-צוכט

דער אָנהויב פון עקסטענסיווער ווירטשאַפט. — מאַנגל אין אַ זייטיקער הכנסה אויסער אַגריקולטור איבער די פלאַגן היישעריק, טרוקעניש און צופיל-רעגן. — די איינאָרדנונג פון די ערשטע מילך-פאַבריקן. — די צייט פון „ווילדן סקאָט". — מציאות פון דער יק"א, וואָס פאַרשאַפן צרות. — מילך-ווירטשאַפט אַלס מקור פון פּרנסה.

דער גרעסטער טייל קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל, האָט, ווי מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, געשטאַמט פון די אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד, וואו מ'האָט נישט געוואוסט פון קיין געמישטער ווירטשאַפט.

אויך דאָ האָט מען זיך תחלת גענומען צו עקסטענסיווער ווירטשאַפט.

איידער דאָס לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ קרקע-בתולה אין איבערגעארבעט לאַנד, זיינען די שטחים פאַרזייטע פעלדער געווען באַגרע-ניצטע, אָבער באַלד, ווי דער קאָלאָניסט האָט דערגרייכט צו זען זיין פעלד אינגאַנצן אויפגעאַקערט, האָט ער עס פאַרזייט מיט ווייץ, ליאַן און מאַיס, וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און גרעסערע פאַמיליעס האָבן געזוכט לאַנד אין דער זייט צום באַארבעטן.

דער ווירטשאַפטלעכער סיסטעם פון ליאַן, ווייץ און מאַיס האָט אָבער נישט באַפרידיקט די נויטיקע באַדערפענישן פונם קאָלאָניסט, אפילו פאַר יע-נער צייט.

היישעריק, טרוקעניש און אמאָל צופיל רעגנס, זיינען אָפטע דערשיי-נונגען אין ענטרע ריאָס, דערצו די נידעריקע פרייזן אויפן פּראָדוקט — אַלץ צוזאמען האָט ארויסגעשטויסן פון האַנט די מיטלען צו פירן אפילו דאָס באַשיידנסטע לעבן.

דער קאָלאָניסט האָט זיך דערזען איינגעקלאַמערט אין די שאַרפע נעגל פון אַ דראָענדיקער נויט. דער „בזיעת אפיך" איז געווען, נאָר „לחם" האָט געפעלט, איז פשוט געוואָרן אַ דרינגנדיקע נויטווענדיקייט צו זוכן אַ טעגלעכע הכנסה, וואָס זאָל נישט זיין אָפּהענגיק פון דער קאָסעטשע.

צו דעם צוועק איז די יקא-אדמיניסטראציע געקומען אין אונטערהאַנד-



די פוטער־פאַבריק פון דער „רויוער־פליט״־קאָמפּאַניע אין באַסאַוויל־
באסא.— דער ערשטער מקור פון אַ זייטיקער הכנסה פאַרן
קאָלאָניסט, און היינט גוט־איינגעאָרדנטער אַפּאַראַט
פאַר אַ ברייטער מילך־ווירטשאַפט.—

לונגען מיט דער געזעלשאפט „ריווער פלייט", ווענן בויען א פוטער־פאב־ריק אין באסאווילבאסא.

אין יאָר 1901 ווערט איינגעאָרדנט אזא פוטער־פאבריק, אָבער צו איר קאָן נישט צוקומען די קאָלאָניע עסקריניע, און אויך דאָרט ווערט אוועקגע־שטעלט א קרעמעריע.

עס האָט אפילו שוין עקזיסטירט, פון פריער, א קרעמעריע אין אקערמאן נומער 2, אָבער יענע האָט באלד באדארפט זיך שליסן, איבער דער נישט גינסטיקער דיסטאנץ פון די איבעריקע קאָלאָניעס.

מיטן איינאָרדענען די מילך פאבריקן, האָט געמוזט קומען די פראגע פון מילך־קי, ווי אויך די נויטווענדיקייט צו אָנפירן די ווירטשאפט אויף א ראציאָנעלן אופן.

די אויבערהאנט האָבן גענומען די צוויי צווייגן פון ווירטשאפט: אַגריקולטור און פי־צוכט, מיט דער לעצטער פון וועלכע ס'איז אויך פאר־בונדן געווען די מילך־פּראָדוקציע.

די יקא־אדמיניסטראציע האָט באשלאָסן צו געבן יעדן קאָלאָניסט צו 4 מילך־קי, חוץ א געוויסע צאָל קריאָזשע־קי פאר פלאָד.

אזוי ווי די אדמיניסטראציע האָט אָבער געוואלט די זאך דורכפירן אויף א ביליקן אופן, האָט זי פאר פלאָד איינגעקויפט ווילדן סקאָט.

אונטער דעם נאָמען האָט מען שפּעטער טאקע גערופן יענעם פעריאָד: „די צייט פון ווילדן סקאָט". דאָס איז געווען אין יאָר 1901.

קיין גרויסע רעזולטאטן האָט די רעפאָרם נים געגעבן, ווייל איבער דעם, וואָס דער סקאָט איז געווען פון א געמיינער ראסע, און דערצו ווילדע קי, וועלכן מ'האָט שווער געקענט „אמאנסירן", זיינען פיל פון גענומענעם סקאָט זיך צעלאָפן, און די, וועלכע זיינען געבליבן, זיינען געווען פון קליי־נעם ווערט.

אויף וויפיל ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן דער ענין מיטן „ווילדן סקאָט", איז אָבער געבליבן ביי די קאָלאָניסטן דער פעסטער באשלוס, איינ־צואָרדענען די מילך־פּראָדוקציע אזוי, אז עס זאָל בילדן א זיכערן טייל פון די הכנסות, בכדי מען זאָל זיך נים דארפן פארלאָזן אויף דער קאָסעטשע.

די מילך־פּראָדוקציע איז, אויף אזא אופן, ביי וועמען מער, ביי וועמען ווייניקער, געוואָרן א צווייג פון דער ווירטשאפט.

מילך־ווירטשאפט בכלל, שטעלט מיט זיך פאר א שווערע ארבעט, באזונדער, ביי פרימיטיווע באדינגונגען.

נישט פארמאָגנדיק די געהעריקע איינאָרדנונג, ווי אויך ניט די ספּעציעלע ראַסן־קי, ווי ס׳איז איינגעפירט, אַ שטייגער, אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, איז דאָס ארויסציען 50 ליטערס מילך ביים מעלקען 15 ביז 20 קי, אונטערן פרייען הימל, אין רעגן־צייט און אין קעלטן, פארבונדן געווען ממש מיט קרבנות.

ניט איין קאָלאָניסט און קאָלאָניסטישע פרוי, האָט אָפּגעשפּאָרט רעאומאטיזם פונם קריכן אין די קאלטע בלאָטעס, אין רעגנצייט, אין די „קאָראלן״.

די פרייז אויף מילך איז אויך געווען זייער אַ נידעריקע פון 2 ביז 2 א האלבן סענט די ליטרע — דורכשניטלעך — זיינען די קאָלאָניסטן מיד געוואָרן, און א גרויסער טייל פון זיי האָט אוועקגעוואָרפן דאָס מעלקן, ווען די אגריקולטור און סתם סקאָט אויף פלאד האָבן זיך אָנגעהויבן בעסער באַצאָלן.

פונדעסטוועגן, און כאָטש אסך האָבן אפגעלאָזט די מילך־פּראדוקציע, איז גאָר אינגיכן איינגעפירט געוואָרן די אויסארבעטונג פון סמעטענע.

מיטן אויפקום פון דער „דעסנאַטאַדאָראַ״ האָט די מילך־פּראָדוקציע אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג: ערשטנס, האָט דער קאָלאָניסט נישט באַדאַרפט פירן אַלע טאָג די מילך צו דער מילך־פאבריק, ווייל ער האָט אליין אויסגעאַרבעט פון דער מילך סמעטענע, און האָט געקאָנט 2 מאָל אין וואָך זי צושטעלן אין דער פוטער־פאבריק, אָדער איבערשיקן קיין בוענאס איירעס, און צווייטנס, האָט זיך עס בעסער באַצאָלט, ווייל אנשטאָט 2־3 סענט וואָס מ׳האָט געהאַט פון פארקויפן סתם א ליטרע מילך, האָט די ליטרע מילך, מיט וועלכער מ׳האָט אויסגעאַרבעט סמעטענע, אויסגעטראָגן 7 און 8 סענט.

שפּעטער, ווען באסאוויל־באסא האָט אָנגעהויבן זיך אנטוויקלען אלס שטאָט, האָט זיך אויך איינגעשטעלט אַן אָפּזאַץ־מארק פאר מילך־פארקויף, וואָס צאָלט זיך זייער גוט (15 סענט אַ ליטרע), אָבער פון דעם האָט נאָר גענאָסן די באגרעניצטע צאָל קאָלאָניסטן, וואס וואוינט ארום שטאָט.

ש. י. הורוויץ

X.

די יאָרן פון 1916 ביז 1921 און די שפּעקולאַציע מיט סקאָט *)

די מלחמה־יאָרן זיינען אַ סגולה פאַר אַ ריזיק־גרויסן סקאָט־מסחר. — „איינ־האַנדלען וואָס מער סקאָט" — אַ לאָזונג אין גאַנצן לאַנד. — פון האַנט צו האַנט ווערט די בהמה מער מיוחס. — פּלוציםדיקער קראַך, כאַטש וואַרף די בהמות פאַר די הינט. — נישט ווערט די פּאַשע וואָס זיי עסן אויף. — ריזיקע חובות, וועלכע מען ראַטעוועט דורך גוטע קאָסעטשעס.

אין די מלחמה יאָרן — פון 1915 און ווייטער—האָט אין ארגענטינע דער סקאָט־מסחר אָנגענומען אַן אויסערארדענטלעכן פאַרנעם; די פּרייז האָט געשטיגן אויף צוויי הונדערט פּראָצענט, און די שפּעקולאַציע איז דערגאַנגען צו אַן עקסטרעם.

די רעגירונגס־באַנק האָט ארויסגעגעבן גרויסע קרעדיטן מיט אַ גאַ־ראַנטיע דורך אַ „פּרענדאַ גאַנאַדעראַ" און די קאָלאָניסטן האָבן פאַר־משכונט זייער היימיש ביסל סקאָט, כדי צו באַקומען קרעדיט אויף אויפ־צוקויפן מער סקאָט.

די לאָזונג: „איינהאַנדלען וואָס מער סקאָט", האָט געהערשט איבעראַל און די קאָלאָניע לוסיענוויל איז נישט געווען קיין אויסנאַם.

האָט מען געקענט צוזען פאָלגנדע כאַראַקטעריסטיק:

מ'האָט געקויפט קי צו 150 פּעזעס אַ קאָפּ און מ'האָט זיי געדאַרפט צושטעלן אויף אַ שטרעקע פון 50 קילאָמעטער. גלייך צום מאַרק האָט מען אָבער דעם סקאָט נישט באַדאַרפט ברענגען, נייערט ביז אַהין איז, ער איבער־געגאַנגען 5 הענט און פון האַנט צו האַנט האָט די פּרייז געשטיגן מיט 5 פּראָצענט טייערער.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן פונם יאָר 1916 ביז 1922.

בלויז 100 קאָלאָניסטן פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל האָבן געמאַכט

*) דעם פּעריאָד פון 1910 ביז 1916 וועט דער לייענער געפינען אין איינעם פון די קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ".

„פּרענדראַ גאַנאַדעראָס" אין „באַנקאָ דע לאַ נאַסיאָן" אויף אַ סומע פון 300.000 פּעזעס.

דער מסחר מיט סקאָט האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע באַפעלקערונג, און ווען ס'איז געווען איבערפולט מיט איינגעקויפטן סקאָט, האָט אָנגע־הויבן קראַכן דער מסחר. צוערשט האָט מען ביליק נישט געוואָלט פאַר־קויפן און שפּעטער איז שוין נישט געווען ווער ס'זאָל קויפן...

די פעלדער זיינען געוואָרן באַזעצט מיט סקאָט אָן קיין שום ווערט; נישט ס'איז געווען געגוג פלאַץ צו מאַכן קאָסעטשע, און נישט מען האָט געקענט פּטור ווערן פונם סקאָט.

דער סקאָט האָט זיך איינגעם דאָס אַנדערע אויפגעגעסן און ס'זיינען געווען פיל פאַלן, וואָס די יערלעכע סומע פאַר די געדונגענע פּאַשע־פעלדער האָט די ווערט געהאַט מער, ווי דער סקאָט אַליין.

דער סך הכל איז געווען, אַז די קאָלאָניע האָט אין יענעם יאָר זיך פאַרשולדיקט אין אַ סומע פון 400.000 פּעזעס, וואָס מ'האָט דערנאָך באַדאַרפט אויסצאָלן פון די קומענדיקע קאָסעטשעס, וועלכע זיינען געווען זייער גוט, שוין איבער דעם, וואָס די פעלדער זיינען געווען אויסגערוט פון באַאַרבעטונג, ווייל דער סקאָט איז אומגעגאַנגען אויף זיי.

XI.

די גרויסע קאָסעטשעס, הויכע פּרייזן אויפן פּראָדוקט און דאָס אַריינברענגען אין די קאָלאָניעס קאָסעטשאַ־דאָראַס, טראַקטאָרן און אויטאָמאָבילן

נאָך־מלחמה־יאָרן פּראָוואָצירן אַן עליה אין די פּרייזן אויף תבואה. — מיט גאַנצע ביינער פונם קראַך אין סקאָט־האַנדל כאַפּט מען זיך צו, צו אַגריקול־טור. — אַרויס פון אַלטע חובות און אַריין אין נייע — מאָדערנע מאַשין־סיסטעם אין קאָלאָניע. — קאָלאָניסטן לאָזן זיך וואויל־גיין מיט אויטאָמאָבילן. — דער פּאַסיוו וואַקסט אָן רעגן.

ליקווידירנדיק דעם אויפגעקויפטן סקאָט אויף זייער ביליקע פּרייזן, נאָך וועלכן אַ געוויסע צאָל קאָלאָניסטן זיינען פּשוט געבליבן האַלב

באנקראָט, האָט זיך די קאָלאָניע גענומען אין גרויסן מאסשטאַב צו פאַר־זייען די פעלדער.

דער פּראָדוקט איז, עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, געווען העכער פון מיטל־מעסיק. די פרייזן זיינען געווען הויכע און דער קאָלאָניסט האָט געקאָנט ארויסוויקלען זיך פון די הינטערשטעליק ־ געבליבענע חובות.

דאָס זיינען געווען די אזוי צו זאָגן יאָרן פון „אויפבלי". די קאָלאָ־ניסטן האָבן דערהויבן זייער אָרט לעבן, און אסך האָבן געקענט ארויסנעמען זייערע קויפשיינען אויפן לאַנד; אין דער ווירטשאַפט האָט דאָס אָרט פון דער שנייד־און־בינד־מאַשין פאַרנומען די „קאָסעטשאַדאָרא"; ביי א היב־שער טייל פון זיי איז אויך אריינגעקומען דער טראַקטאָר, און דער אויטאָ־מאָביל איז געוואָרן דער געוויינלעכער פאַרקערס־מיטל אין דער קאָלאָניע.

נאָרד־אמעריקע האָט נישט געזשאַלעוועט דעם אָנבאָט פון אלערליי מאַשינען, אויף די צוגעגנגלעכסטע קאָנדיציעס, פאַרשטייט זיך גוט באַ־וואָרנענדיק זיך און צושטעלנדיק די נויטיקע פּראָצענטן.

אויך די „באַנקאָ דע לאַ נאַסיאָן", האָט פּונקט ווי פריער ביים סקאַט, איצט מיטגעהאָלפן מיט הלוואות, אז דער קאָלאָניסט זאָל קומען צו דער קאָסעטשאַדאָרא, וועלכע האָט ווירקלעך געבראַכט היבשע עקאָנאָמיעס ביים אויפהויבן דעם שניט.

וויפיל ס'זאָל אָבער נישט אָנגעמערקט ווערן די נוצלעכקייט פון דער קאָסעטשאַדאָרא, דאַרף אויך קאָנסטאַטירט ווערן אז דאָס האָט געפירט צו שפּעקולאַטיווע קאָסטשעס, ווי אויך צום אַריינברענגען דעם אויטאָמאָביל און טראַקטאָר, די לעצטע צוויי פון וועלכע זיינען געווען צום שאָדן פאַר דער עקאָנאָמיע פונם קאָלאָניסט.

די רעלאַטיוו הויכע רענטע, וואָס די קאָסעטשעס האָבן אין די לעצטע יאָרן געגעבן, דער פרייער אָנבאָט פון אגריקולטור־מאַשינען אויף גרינגע קאָנדיציעס, און דער פרייער קרעדיט פון די בענק, האָט פאַראורזאַכט א שטאַרקע עליה אויף די פרייזן פון לאַנד — 300 און 350 פּ. דער העקטאַר איז געוואָרן די געוויינלעכע פאַרקויף־פּרייז. און די קאָמערץ, מאַכנדיק א רעכנונג פונם אַקטיוו וואָס דער קאָלאָניסט פאַרמאָגט, איז שטענדיק געווען גרייט אָנצובאָטן עפּעס.

דאָס האָט געפירט צו גרויסע פאַרשולדיקונגען און היינט צו טאָג, ווען די ווייץ־און־מאַיס־פּראָדוקציע איז פאַקטיש דעוואַלאָריזירט, און ליאַן צאָלט זיך נידעריקע פּרייזן, מאַכט דורך די קאָלאָניע לוסיענוויל, פּונקט ווי די אַלטוועלטלעכע אַגריקולטור — אַ קריזיס.

ערשט אין יאָר 1929—30 האָט לוסיענוויל אין באַשטאַנד פון 280 קאָלאָניסטן, אויסער אימיגראַנטן־קאָלאָניסטן, אויסגערעכנט אַן אַקטיוו פון 12.000.000 פּעזאָס קעגן אַ פּאַסיוו פון 2.700.000 פּעזאָס.

היינט צו טאָג, מיט דער אַנטווערטיקונג פון לאַנד, אַגריקולטור־מאַשינען, וואָס געפינען זיך אין באַזיץ פון קאָלאָניסט, און פונם פּראָדוקט, דאַרף מען רעכענען, אַנשטאָט אַ פּאַסיוו פון זיבן און צוואַנציק פּראָצענט, גאַנצע פופציק, אָדער נאָכמער.

XII.

די ערשטע שריט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון קאָמונאַלע אינסטיטוציעס

דער פאַדים פון טראַדיציע, איבערגעבראָכט פון דער היים. — די זאָרג פאַר אַ שיל און להבדיל, אַ מרחץ. — גאָט נעמט אויף די תפלות פון וואַנען זיי קומען, נאָר אַ מרחץ מוז מען מאַכן. — קרבנות בעתן באָדן זיך אין אַראָזשאָס. — פאַרבלאָנדזשעט — קינדער גייען אום בטל. — אַ שיל און אַ שולע. — דער לערער בראַצלאַווסקי.

אָנגעזאַפּט מיט דער טראַדיציע פון דער אַלטער היים — די הויפּט־באַזיס פון דאָרטיקן אידישן לעבן — האָבן די איבערגעקומענע אויך אָנגעהאַלטן דעם פאַדים דאָ אין דער נייער היים.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די ערשטע זאָרג איז געווען אַ שיל און להבדיל אַ באָד.

אַ שיל האָט מען, פּראָוויזאָריש, געקענט איינאָרדנען אין אַ קאָלאָניסטישער שטוב, הגם נישט זעלטן איז דער אָרון קודש געשטאַנען, במחילה, לעבן בעט פון די באַלעבאָטים...

ווער האָט עס נישט געוואָלט האָבן די זכיה, אַז זיין שטוב זאָל פאַר־

וואַנדלט ווערן אין אַ מקום־קדוש, און די תפלות צום בורא עולם זאָלן זיך דערהויבן פון זיינע ד׳ אמות — אַ סגולה באַשירמט צו זיין פון פּרעניות און, רחמנא לצלן, פון סתם אַנשיקעניש...

מיט אַ באָד, להבדיל, איז דאָס פּראָבלעם געווען פיל האַרבער. אַ באָד האָט מען געמוזט איינאָרדענען דורך ספּעציעלער איינריכטונג, וואָרום די כאַראַקטעריסטישע „אַראַזשאַס" פון ענטערע ריאַס, וועלכע פליסן אין די נידער־פעלדער, זיינען געווען ווייט פון דער קאָלאָניע, און עס האָט גע־שמעקט מיט לעבנס־געפאַר.

די אויסגעריסענע, אומבאַקאַנטע גריבער, אָנגעפילטע מיט וואַסער, זיינען געווען פאַרהוילענע מלאך־המות־מיילער, וואָס האָבן נישט איין קרבן פאַרשלונגען:

אַזוי איז צו פאַרצייכנען, אַז די פרוי און צוויי טעכטער פונם קאָ־לאָניסט ל. קראַסיוק פון אַקערמאַן נומער 1, גייענדיק זיך באָדן אין אַן אַראַזשאַ, זיינען זיי אַלע דערטרונקען געוואָרן.

וואָס שייך קאָמונאַלע אינסטיטוציעס האָט די גרופּע נאָוועבוג נומער 1 געגעבן דעם טאָן — זי איז געווען דער אַוואַנגאַרד אין ענין פון אָרגאַני־זירן דאָס קאָלעקטיווע לעבן. די ערשטע איניציאַטיוון זיינען אַרויס פון דער דאָזיקער קאָלאָניע און זי איז אויך געווען די, וואָס האָט לעבן אַ טייכל איינגעאָרדנט אַ באָד, מיט וועלכער עס האָבן זיך אַ צייט לאַנג באַנוצט אויך די אַנדערע קאָלאָניעס.

און האָבן מיר שוין געווידמעט אַ גרעסערע צאָל שורות דער „האַרבער" פּראָבלעם פון איינשאַפן אַ באָד פאַר קהל וועלן מיר דאָ ברענגען אַ מערק־ווירדיקן עפּיזאָד:

„דער שוחט פון קאָלאָניע, ר׳ מרדכי, אַ זייער פרומער און איידעלער מענטש, וועמען די קאָלאָניסטן האָבן גרויס כבוד אָפּגעגעבן (ער אַליין איז אויך געווען אַ קאָלאָניסט), איז געגאַנגען אַמאָל מיט זיין פרוי, בין השמשות, אין מרחץ אַריין, נאָר אויף צוריק, אַנשטאָט צו נעמען דעם וועג צו דער קאָלאָניע, האָבן זיי זיך פאַרנומען אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

די פאַמיליע האָט דערזען, אַז די עלטערן פאַרזאַמען זיך אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, האָט מען אָנגעהויבן אומרואיק ווערן, און מען האָט גע־

מאכט אַן אַלאַרם. די גאַנצע קאָלאָניע האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, מ׳האָט זיך צעשפּרייט איף די פעלדער, געצונדן שטורקאַצן, אפשר וועט דאָס פאַרלוירענע פּאָר זיך אָפּרופן...

מיט גרויסע שוועריקייטן איז אָנגעקומען, ביז מען האָט זיי אָפּגעזוכט. זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון דער קאָלאָניע און מען האָט זיי געבראַכט האַלב פאַרחלשטע".

באַזאָרגט אַ מרחץ איז מען צוגעטראָטן בויען אַ שיל.

די יונגע מענטשן האָבן צוגעבראַכט ליים און ציגל און די עלטערע, די, וואָס האָבן געהאַט אביסל קענטעניש אין בוי־קונסט, האָבן געמאַכט די ווענט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די ערשטע שיל איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין נאָוועבוג נומער 1.

האַבנדיק שוין אויך אַ שיל, האָט מען גענומען טראַכטן וועגן אַ שולע. קליינע קינדער זיינען געווען, און מען האָט זיי נישט געקאָנט לאָזן ארומגיין בטל.

ס׳זיינען אויך געווען אַזעלכע קינדער, וואָס האָבן אין זייערע היימען געלערנט תלמוד, און די עלטערן האָבן געוואָלט זיי זאָלן פאָרזעצן דעם לימוד, האָט מען אָנגעהויבן זוכן לערער.

אין יאָר 1895 — דער ערשטער ווינטער אין דער נייער היים — איז אַראָפּגעקומען אַ איד מיטן נאָמען סאָרקין, אַ בן־תורה און אַ למדן, וואָס האָט געלערנט עין־יעקב פאַרן עלטערן עולם, פאַרנומען זיך מיט די קליינע קינדער און אויך געלערנט תלמוד מיט די עלטערע קינדער. דער לערער האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, און עס איז נויטיק געווען צו זוכן אַנדערע.

פּאָר אַ קליינער צייט האָבן זיך געביטן עטלעכע, צווישן זיי — דעם רב מאַזעוועצקים אַ זון, וועלכן מען האָט אַראָפּגעבראַכט, און ג. אפרון — אַ ברודער פון איצטיקן דירעקטאָר פון די רעליגיעזע קורסן.

שפּעטער איז אַראָפּגעקומען אַ לערער, בלום, וואָס האָט שוין געהאַט אביסל אַ ידיעה אין דער שפּאַנישער שפּראַך, און אויסער די קליינע



די ערשטע שיל אין דער קאָלאָניע נאָוועבוג נומער 1.— ביים אַריינגאַנג
אַ רייע טוער, ווי אויך קאָלאָניסטן־זקנים, דער טראַדיציאָנע־
לער טיפּ איד, וואָס ווערט, וואָס ווייטער, אַלץ
זעלטענער...

קינדער זיינען צו אים געגאנגען, אויף אָוונט־קורסן, אייניקע דערוואַקסענע יונגעלייט.

אין דערזעלבער צייט קומט אַלס פּריוואַט־לערער קיין נאָוועבוג נומער 2 דער לערער, אַלטער בראַצלאַווסקי, וועלכער גייט איבער דערנאָך אין דער ערשטער יק״א־שולע, אַלס אידיש־שפּאַנישער לערער.

מיטן אָנקומען פון א. בראַצלאַווסקי און מיט זיין אַקטואירן אין דער קאָלאָניע אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, האָט דער גאַנצער געזעלשאַפט־לעכער טעמפּאָ אין דער קאָלאָניע גענומען אַנדערש שלאָגן.

XIII.

די ערשטע ביבליאָטעק

דער דראַנג צו אַ אידישן בוך — אַ דורשט, וואָס מוז געשטילט ווערן. — ברענגען ביכער איז אַ זאַך פון גרעסטער קאָמבינאַציע. — פאַר גאַנצע פופציק פעזאָס באַצאָלט מען ביכער פון ניו־יאָרק. — די שמחה ביים באַקומען די ביכער. — גרונדשטיין פאַר דער שפּעטערדיקער גרויסער ביבליאָטעק.

די באַדערפעניש פון אַ בוך האָט זיך געלאָזט פילן באַלד אין די ערשטע יאָרן.

יונגערע קאָלאָניסטן האָבן נאָך אין דער אַלטער היים געלייענט מענדעלען, פּרצן און די אַנדערע אידישע שרייבער פון יענער צייט. ס׳זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאַט געלייענט מפּו, סמאָלענסקי, שולמאַן א. א.

דער דראַנג נאָך אַ בוך איז געוואָרן, וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער, און די פראַגע איז געווען, ווי אַזוי באַקומט מען ביכער?

שיקן געלט קיין אייראָפּע אָדער נ. אַמעריקע איז געווען אַ גאַנצער פּראָבלעם. מ׳האָט באַדאַרפט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט בוענאָס איירעס און דאָס אַליין איז פאַר יענער צייט געווען אַ גאַנצע קאָמבי־נאַציע...

אין הויז פון וואָלף פינווארב זיינען זיך צוזאמענגעקומען די קאָלאָניסטן: ש. י. הורוויץ—דעמאָלט א 15־יעריקער אינגל,—הירש צענטנער, נ. רעזניצקי און ז. יערוכאמאוויטש. מ׳האָט זיך געשמאַק צוזאמענגערעדט וועגן ענין ביכער, געזאמלט עטלעכע פעזעס און מען האָט פארטראַכט איבערשיקן זיי צום קאָלאָניסט ז. ראשקינס א ברודער (ער איז געוועזן אין קאָלאָניע, נאָר ער איז באלד אַפּגעפאָרן קיין אמעריקע) קיין ניו־יאָרק. גאַנצע פופציק פעזעס האָט מען אוועקגעשיקט און יענער האָט באַראַפּט פארהאנדלען די ביכער.

דאָס דערוואַרטן די ביכער און דאָס דערהאַלטן זיי, איז געווען א גאַנצע געשעעניש אין דער קאָלאָניע. די קליינע ביבליאָטעק איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין דער צום שענקטן אויסגעשטאַטער שטוב, דער באַלאַבאָס פון וועלכער, האָט דאָס געהאַלטן פאַר א גרויסן כבוד.

דאָס דערזען פאַר זיך א אידישן בוך אויפן ווילדן סטעפּ איז געווען, ווי דאָס באַגעגענען זיך מיט אַן אַלטן גוטן פריינט, וואָס מ׳האָט שוין לאַנג נישט געזען.

— ס׳איז דאָך שלום עליכם! — האָט איינער אויסגעשריען — ווען ער האָט דעם ערשטן בוך אין האַנט גענומען.

— וואָס דען האָסטו געמיינט? — האָט א צווייטער זיך געוויצלט — שלום עליכם׳ן האָט זיך גאָרנישט געוואָלט זען, ווי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט? אָט איז ער זיך דורכגעפאָרן צו אונז...

א צווייטער כאַפּט א בוך פון פרץ׳ן, און וויל אים מיטאַמאָל אויפשלינגען... עפּעס דוכט זיך, אַז מען וועט געפינען נייעס, נישט דער אינהאַלט, וואָס מען קען שוין פון דער היים...

די שטימונג איז א פייערלעכע. מען לייענט ביחידות, און מען לייענט קאָלעקטיוו; מען שמועסט אַרום, און מען דיסקוטירט דאָס געלייענטע — נאָך א פּאָדים אריבערגעצויגן פון אַלטע, ווייטע היימען, א פּאָדים, וואָס פאַרקניפּט און פאַרברידערט...

אין דער רשימה פון די ביכער האָבן זיך געציילט ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, דינעזאָן און פרץ, ווי אויך אין העברעאיש: דברי ימי עולם פון קלמן שולמאַן, און גרעצס געשיכטע.

דאָס איז געווען די איניציאַטיוו פאַר דער ערשטער ביבליאָטעק, וועלכע איז שפּעטער צוגעפּרישט געוואָרן מיט נייע ביכער און איבערגנייענדיק דערנאָך צו דער קאָאָפּעראַטיווע, וואָס האָט זיך דעמאָלט גערופן „ערשטער אידישער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער פאַריין" איז די ביבליאָטעק פאַרגרע־סערט געוואָרן מיט צוגעקויפטע ביכער; ערשטנס, דורך די געלטער, וואָס די קאָאָפּעראַטיווע האָט יערלעך אויסגעטיילט פאַר דעם צוועק, און צווייטנס, מיט אַ קליינער סובסידיע פון דער יק"א.

שפּעטער איז די ביבליאָטעק אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער קאָאָפּע־ראַטיווע און האָט באַקומען אויטאָנאָמיע, בילדנדיק דעם פונדאַמענט פון דער איצטיקער צענטראַלער אידישער ביבליאָטעק אין באַסאַווילבאַסאָ מיטן נאָמען „ביבליאָטעקאַ כוּאווענטוד איזראַעליטאַ".

XIV.

„דוד קאַזעס" — די ערשטע שולע אין נאָוועבוג 1, דער לערער בראַצלאַווסקי, אַלס קולטור־טוער און משה ראַשקאָווסקי אַלס אַקטיווער ציוניסט

די צענטראַלע שולע—דאָס פּלאַץ אויך פאַר אינספּעקציע. — נייע שולן. — אַלטער בראַצלאַווסקי — דער טיכטיקער לערער, קולטור־טוער, טעאַטראַל און מחבר. — היימיש טעאַטער וועגן היימישע צרות. — עכטע ציוניס־טישע אַרבעט. — דער געמיש פון אידיש־שפּאַניש אין די שולן, און דער פּרוואו פאַר אויסבעסערונג. — אַסימילירטע לערער.—באַזוך פון דר אשכנזי.—דער גט פון דער יק"א מיט די שולן. — „רעליגיעזע־קורסן" אַלס ליימונג. — אויפקום פון לאָקאַלער שול־קאָמיסיע און צעפאַלונג.

אין 1897 האָט די יק"א אויפגעבויעט די ערשטע יק"א־שולע אין נאָוועבוג נומער 1, וועלכע איז געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט פאַר דער דערציאונג פון די קאָלאָניסטישע קינדער פון די 4 קאָלאָניעס נאָוועבוג נומער 1—2 און אַקערמאַן 1—2.

שפּעטער, ווען די קאָלאָניע לוסיענוויל האָט זיך אויסגעברייטערט, זיינען אויפגעבויט געוואָרן שולן אין ליניע 11 אין דער קאָלאָניע „דרייצן הונדערט העקטאַר", עסקריניע נומער 2, טרעסבים, עסקריניע נומער 7, ליניע 2, ליניע 23, ליניע 26 און אקערמאַן נומער 1, אין וועלכע ס'האָבן, אין די ערשטע יאָרן, זיך געלערנט אומגעפער 500 קינדער.

דאָס איז געווען, ווען די דערמאָנטע טעכטער־קאָלאָניעס האָבן זיך פאָרמירט.

אין דער שולע „דוד קאַזעס" איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דער ערשטער אַליאַנץ־לערער מיטן נאָמען ביטבאַל, אַלס דירעקטאָר, און אַלטער בראַצלאַווסקי, אַלס שפּאַניש־אידישער לערער. און אינגיכן האָט מען צוגעגעבן אַ דריטן לערער משה ראַשקאָווסקי.

די שולע „דוד קאַזעס" האָט זיך אויסגעצייכנט פון אַלע איבעריקע שולעס ערשטנס, ווייל במשך פון פיר יאָר איז דאָרטן געווען דער זיץ פון דער אינספּעקציע פאַר אַלע שפּעטערדיקע אַכט שולעס, און צווייטנס, ווייל מ'האָט אַכטונג געגעבן ס'זאָל זיין אַ געקליבענער לערער־פּערזאָנאַל.

מיט אָנשטעלן בראַצלאַווסקין און שפּעטער מ. ראַשקאָווסקין, אַלס לערער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר קולטור־און־ציוניסטישער טעטיקייט.

בראַצלאַווסקי, אַלס משכיל, גוטער העברעער, באַהאַוונטער אין דער רוסישער און העברעאישער ליטעראַטור, האָט אַגב פאַרמאָגט קינסטלערי־שע נייגונגען. אַליין אַ גוטער זינגער און מיט אַ חוש פאַר טעאַטער, האָט ער באַלד אָרגאַניזירט אַ גרופּע ליבהאָבער, וועלכע האָבן, נאָך אַ געהעריקן שטודיום, אָנגעהויבן דורכפירן טעאַטער־פאָרשטעלונגען, ביי וועלכע דער זעלבער בראַצלאַווסקי איז טאַקע געווען דער מחבר, אָנשרייבנדיק זאַכן פון היימישן קאָלאָניסטישן לעבן.

אַזוי צום ב. ש., ווען דער היישעריק פלעגט אַפּעמן די קאָסעטשע, דער קאָלאָניסט פלעגט בלייבן מיט גאָרנישט, און נישט איינמאָל פלעגן אים באַפאַלן דער סוחר, פון איין זייט, און די יק"א פלעגט מאָנען אירס, פון דער צווייטער זייט, איז די פראַגע פון מעל אויפן יאָר פאַרן קאָלאָניסט

אַלטער בראצלאווסקי
דער לערער און ענערגישער
קולטור־טוער.

געשטאַנען אויפֿן טאָג-אָרדנונג. און דאָ האָט בראַצלאַווסקי געהאַט אומ־אויסשעפּלעכע טעמעס פֿאַר זיינע טעאַטער־זאַכן.

אַ „זעקעלע מעל", געזונגען מיטן ניגון פֿון גאָלדפֿאַדנס אַ טעאַטער־לידל, איז געוואָרן דער ליבלינג פֿון קאָלאָניסטישן עולם. עס איז ניט דורכ־געגאַנגען קיין יום־טוב, אָדער צווישן־צייט פֿון נאָכן פֿאַרזייען די פֿעלדער ביז דער קאָסעטשע, ס'זאָל נישט אָרגאַניזירט ווערן אַ גרעסערע צאָל טעאַ־טער-אָוונטן, אין וועלכע עס האָבן צום מערסטן אָנטייל גענומען די עלטערע שילער פֿון יענער שולע און קאָלאָניסטישע יונגע־לייט.

אויך פֿאַר שפּאַנישן טעאַטער איז בראַצלאַווסקי געווען אַ מייסטער, און ער פֿלעגט אָרגאַניזירן שפּאַנישע ספּעקטאַקלען מיט די היימישע טעאַ־טער־ליבהאָבער.

ביי בראַצלאַווסקין אין דירה, ווי נאָר ער האָט זיך באַזעצט לעבן דער שולע, איז אַריינגעשטעלט געוואָרן די קליינע ביבליאָטעק, פֿון וועלכער ער איז טאַקע אַליין געווען דער ביבליאָטעקאַר.

בראַצלאַווסקי האָט אויך איינגעאָרדנט אָוונט־קורסן פֿאַר דערוואַקסענע, און מען קען זאָגן אַז די שילער, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די שולע אונטער זיין האַנט, האָבן זיך שפּעטער פֿאַררעכנט פֿאַר דער אינטעליגענץ פֿון דער קאָלאָניע.

ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון דער ציוניסטישער אויסגאַבע „די אידישע האָפֿנונג", און אַן אינטימער חבר פֿון יעקב יאָסע־לעוויטש, מיט וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן לאַנג־יאָריקע באַציאונגען.

חוץ זיין קולטור־טעטיקייט, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַ נאַציאָנאַלן אונטערשלאַג, און וואָס בראַצלאַווסקי איז געווען דער אינספּיראַטאָר און אָרגאַניזירער, איז ער אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגעלייט, געגרינדעט דעם ציוניסטישן צענטער „בני ציון".

די שולעס אין לוסיענוויל, ווי אין די אַנדערע יק"א־קאָלאָניעס, זיינען געווען געמישטע: אידישע און שפּאַנישע, און זיינען אויפֿגעהאַלטן געוואָרן אינגאַנצן דורך דער יק"א ביז אין יאָר 1920. פֿון דעם יאָר אָן האָבן די קאָלאָניסטן אָנגעהויבן ביישטייערן מיט 40 פּראָצענט פֿון ביודזשעט, און שפּעטער איז דער ביישטייער פֿאַרגרעסערט געוואָרן ביז די עלטערן האָבן גענומען אויף זיך דעם גאַנצן ביודזשעט.

אין די ערשטע יאָרן האָט געהערשט אַ געוויסע אומצופרידנהייט דער־מיט, וואָס די יק״א־פאַרוואַלטונג האָט געפאָדערט, אַז די שפּאַנישע שפּראַך זאָל זיין די הערשנדיקע אַפילו אין די אידישע לימודים, און נישט ווייניק האָבן זיך די עלטערן געקלאָגט ווענן דער צאָל שעהן אין וואָך, וואָס זיינען געווען צו ענג צוגעשניטן פאַר דעם אידישן לימוד.

די יק״א האָט אַפילו שפּעטער אָראָפּגעשיקט דעם ד״ר אשכנזי, וועל־כער האָט געפּרוואווט אַריינפירן געוויסע ענדערונגען אין דעם חנוך, איז ער אָבער פּלוצלינג געשטאָרבן אין דער קאָלאָניע מאַזעסוויל, ווערנדיק זיין טויט באַדויערט אין אַלע קאָלאָניעס.

בכל אופן האָט ער פיל נישט געקענט אויפטון איבער דער אויסגע־שפּראָכענער טענדענץ אין פּאַריז, אַז אין די שולעס מוז הערשן די לאַנדעס־שפּראַך.

ס'זיינען אַפילו געווען אַזעלכע קוריאָזע פאַלן, אַז אידישע לערער, ערשט אָנגעקומענע פון אייראָפּע, פאַר וועלכע ס'איז געווען פרעמד די שפּאַנישע שפּראַך, האָבן באַדאַרפט מיטן קינד איבערזעצן תפילות אין אַ צעקאַליעטשעטן שפּאַניש, וואָס איז זיכער נישט געווען קיין גרויסע טובה פאַר דער שפּאַנישער שפּראַך גופא...

נאָכן ערשטן דירעקטאָר און אינספּעקטאָר, ביטבאַל, איז געקומען אַ צווייטער אַליאַנץ־לערער, ירושלמי — מענטשן מיטן אַליאַנץ־גייסט, וואָס האָבן שטרענג דערפילט מיט די פאַראָרדנונגען פון דער יק״א־דירעקציע און אָפּגעהיט איר גייסט...

די איינציקע מעלה איז געווען, וואָס אַ גרויסער טייל פון די אינער־לעכע דירעקטאָרן פון די שולעס (יעדע שולע האָט געהאַט 2 לערער: איינעם פאַר אידיש, און דעם צווייטן פאַר שפּאַניש. דער שפּאַנישער לערער איז געווען דער דירעקטאָר) זיינען געווען אידישע יונגעלייט, וואָס האָבן גע־האַט אַ הייסן געפיל פאַר אידיש.

דאָס איז געווען אַ מין קעגן־שטראָם, לגבי פיל אידישע אַליאַנץ-לערער, וועלכע זיינען געווען היבש אסימילירט, און אין זייערע שולעס איז דעם אידישן לימוד אויסגעקומען שטאַרק צו ליידן.

אין יאָר 1912 קומט ה' י. עפרון — איצטיקער דירעקטאָר פון די

לערער און שילער פון אַ אידישער שול אין קאָל. לוסיענוויל, אין 1910.—
אין הינטערגרונט די געביידע פון אַ יק"א־שול.

אַ טיפּ אידישע שול אין דער קאָלאָניע.— מיידעלעך און אינגעלעך, אין
ווייסע אוניפאָרמירטע כאַלאַטלעך — אַ מחנה פויגעלעך, אין
דער באגלייטונג פון לערער.— יונגע שמימעס פון
געזונטע הערצעלעך פולן אָן די לופט,
בעתן לימוד און געזאַנג.

„רעליגיעזע קורסן" — אלס אינספעקטאָר, אויפֿן אָרט פֿון ירושלמין, און ברענגט מיט זיך אַ מער אידישן גייסט.

אַליין אַ מענטש, מיט אידישן ווימן, האָט ער אָפּגעשוואַכט דעם אַסי־מילאַציע־גייסט, וואָס האָט תחלת געהערשט, און די אַטמאָספֿער איז פֿאַרט געוואָרן אַ מער אידישע.

י. עפֿרון האָט פֿאַרנומען זיין אַמט ביזן יאָר 1918, ווען די יק"א האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם שפּאַנישן אונטערריכט פֿון די יק"א־קאָלאָניעס דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, צוזאַמען מיט די געביידעס און אינוועטאַר.

די דאָזיקע טראַנספֿאָרמאַציע שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ קריזיס אינם אידישן חנוך. דער אידישער לימוד ווערט פֿאָלשטענדיק אָפּגעטיילט, און פֿאַרן שפּאַנישן לימוד שיקט די רעגירונג אַראָפּ רעגירונגס־לערער, וואָס נישט ווייניק פֿון זיי זיינען אַנטיסעמיטיש געשטימט, און עס קומען פֿאָר רייבונגען צווישן ביידע שולעס, דערפֿירנדיק נישט איינמאָל, צו אַ חילול־השם...

עס וואָלט אונז צו ווייט אוועקגעפֿירט, ווען מיר זאָלן זיך לענגער אָפּ־שטעלן אויף דעם קאַפּיטל. דאָס פֿאָדערט אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג וואָס דער געשיכטע־שרייבער פֿון דעם אידישן חנוך אין די אידישע קאָלאָניעס, וועט וועגן דעם דאַרפֿן אַרויסטראָגן זיין פּסק דין.

מיטן איבערגעבן די שפּאַנישע שולן דער רעגירונג, ווערט געענדערט דער אַפּאַראַט, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט די שולן אין די קאָלאָניעס. דער אידישער לימוד גייט אַרויס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער יקא"־דירעקציע און גייט איבער צו די „רעליגיעזע קורסן", צוערשט אונטער דער דירעקציע פֿון ד"ר חלפֿן, און שפּעטער פֿון ה' ידידי עפֿרון, אונטער וועמענס דירעק־ציע זיי פֿונקציאָנירן נאָך היינט צו טאָג.

עס זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען די יק"א האָט איבערגעגעבן דעם שפּאַנישן לימוד דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, הויבט זי אָן בהדרגה צו באַגרעניצן איר ביישטייערונג פֿאַר די שולעס. שפּעטער שטעלט זי איינגאַנצן אָפּ איר קאָנטריבוציע, און די קאָלאָניסטן דאַרפֿן אַליין אויפֿהאַלטן זיי, זי שטעלט אָבער צו דינסט די אָרטיקע יק"א־אַדמיניסטראַ־

ציע, אַלס אַן איינמאַנונגס־אַפּאַראַט, און האָט אויס אויף אירע הוצאות די אינספּעקציע און אדמיניסטראַציע פון די שולעס.

די קאָלאָניע לוסיענוויל פּרואווט אָרגאַניזירן אַ צענטראַלע אָרטיקע קאָמיסיאָן, וועלכע זאָל שטיין אין ענגן קאָנטאַקט מיט די „קורסן".

די קאָמיסיאָן ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דעלעגאַטן פון די עלטערן פון קינדער אין די פאַרשידענע שולעס, מיט אַן עקזעקוטיוו אונטער דער פּרעזידענץ פון ש. י. הורוויץ.

אַלס אויפגאַב שטעלט זיך די קאָמיסיע דאָס צוגרייטן די קאָלאָניעס זיי זאָלן קענען אויף אייגענער אחריות איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון די שולעס ווען די צייט וועט קומען.

נאָך דריי יאָר אָנפירן די קאָמיסיאָן דורך ש. י. הורוויץ, נעמט איבער די פּרעזידענץ ה' יצחק דוכאָוונע און אַלס סעקרעטאַר א. גאַמבינסקי. די קאָמיסיע האָלט נאָך אַן 2 יאָר, און שטעלט אָפּ איר טעטיקייט.

אַ קליינע צייט ווערט אויך אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר רעפאָרמירן די פּראָגראַם פון די שולעס, אויסברייטערנדיק די טענדענץ פאַר אידיש, אָבער אָן דערפאָלג.

XV.

דער ערשטער ציוניסטישער צענטער אין דער קאָלאָניע

דער רוף פון באַזעלער ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס געפינט אַן אָפּקלאַנג אויך אויף די אידישע סטעפּן פון אַרגענטינע. — ערשטע ציוניסטישע אַגודה „בני ציון" אין לוסיענוויל. — נשמה און גוף געפינען אַ תקון. — התלהבות און ברען ביי ציוניסטישער אַרבעט. — משה ראַשקאָווסקי, אַן איבערגעבענער טוער. — גרונדשטיין פאַר אַ פּעריאָד פון גייסטיקער אויפלעבונג.

באַלד נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, ווען דער רוף צום אידישן פאָלק האָט זיך צעטראָגן אין אַלע וועלט־טיילן מען זאָל זיך אָנשליסן אין די ציוניסטישע רייען, האָט עס אויך אַרומגעכאַפּט דעם ערשט־אויפגעקומענעם קאָלאָניסטן־ישוב פון לוסיענוויל, און דערוויסנדיק

קאָלאָניסטן און לערער, באַטייליגנדיק זיך אויף
אַ ציוניסטישן צוזאַמענפאָר.

זיך, אַז אין דער קאָלאָניע כרמל איז דורכן שוחט, מ. ריקלעס, געגרינדעט געוואָרן אַן אגודה, האָט מען ארויסגעפאָדערט די סטאַטוטן, און געגרינדעט דעם צענטער „בני ציון״.

די ערשטע קאָמיסיאָן איז באַשטאַנען פון בראַצלאַווסקי, אַלס סעק־רעטאַר; משה הורוויץ, וואָלף פינוואַרג, ז. ראַשקין, וואָלף גוטקין, ראַש־קאָווסקי, ש. י. הורוויץ, אַלס וואָקאַלן.

מ׳האָט אויסגעשריבן דעם ציוניסטישן אָרגאַן „די וועלט״, און מען האָט אָרגאַניזירט וועכנטלעכע צוזאַמענקונפטן, יעדן מאָל אין אַן אַנדער קאָלאָניע, און בכדי צו פאַרלייכטערן דאָס צוזאַמענפאָרן זיך האָט ביי יעדן פאַל אַן אַנדער מיטגליד פון דער קאָמיסיאָן באַדאַרפט צושטעלן אַ פור מיט אַ פּאָר פערד, צו פירן קאָלעקטיוו דעם עולם.

די נסיעה איז געווען אַ פרייליכע און אַן אויפמונטערנדיקע. ברודער מיט ברודער האָבן די נשמות צוזאַמענגעגאָסן פאַר איין ציל, איין אידעאַל. דער גייסט איז דערהויבן געוואָרן, און ס׳וועט נישט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז אויך פאַר דער פיזישער אַנטוויקלונג איז דאָס געווען אַ סגולה. די בלוטן האָבן אַנדערש געקאָכט און זעל מיט גוף האָבן אַ תיקון געפונען.

דער טאָג־אָרדנונג פון אַזעלכע צוזאַמענקונפטן איז, צו יענער צייט, געווען: לייענען די ידיעות פון „די וועלט״, פאַרקויפן נאַציאָנאַל־פאָנד־מאַרקן, און ווען־ניט־ווען, איינמאָנען פאַר אַן אַקציע פון דער אידישער קאָלאָניאַל־באַנק.

שפּעטער איז פיל, זייער פיל אויפגעטאָן געוואָרן אין לוסיענוויל אויפן ציוניסטישן געביט, אונטער דער אָנפירונג פון משה ראַשקאָווסקי, וועלכער האָט אַ סך צייט אָוועקגעגעבן פאַר די דאָזיקע צוועקן.

אַלס יונגערער פון בראַצלאַווסקין איז ראַשקאָווסקי געווען מער באַ־וועגלעך, און האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די זייל פון דער ציוניסטישער אַרבעט במשך פון פיל יאָרן.

אַלס כאַראַקטעריסטיק, ווי אַזוי מען האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער ציוניסטישער אַרבעט קען דינען דער פאַקט, אַז דער מיטגליד פון דער קאָמיסיאָן פון דער ציוניסטישער אגודה, ש. י. הורוויץ, וואָס האָט שפּע־

מער שוין געוואוינט אין עסקריניע, 30 קילאָמעטער ווייט פון צענטער, פלעגט פון דאָרט פאָרן צו די קאָמיסיאָן־זיצונגען.

דער זעלבער ברען האָט אויך אַרומגעכאַפּט אַנדערע טוער, ווערנדיק דער פּעריאָד פאַררעכנט אַלס אַנהויב פון גייסטיקער אויפלעבונג.

די אגודת „בנק ציון" האָט, די ערשטע צייט, געהאַט דירעקטע פאַר־בינדונגען מיט ווין, ביז עס האָט זיך געבילדעט דער צ. ק. אין בוענאָס איירעס, אין וועלכן די אגודה האָט זיך גלייך אַנגעשלאָסן.

XVI.

אַגודות און ביבליאָטעקן. — די ערשטע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט

ביבליאָטעקן, קולטור־צענטערן און ציוניסטישע אַגודות ווערן די פאַקלען צו ברענגען גייסטיקע ליכט. — אויפקום און צעפאַלונג פון אייניקע צענטערן. — פילאַנטראָפּיע דורך מענער און פרויען. — באַסאַ־ווילבאַסאָ — דער שפּעטערדיקער צענטער פאַר וואויל־טעטיקע צוועקן.

ווען די „קאָאָפּעראַטיווא סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ" האָט אין יאָר 1911 איבערגעגעבן די ביבליאָטעק אַ ספּעציעלער קאָמיסיאָן, האָט זי אַ טייל ביכער אָפּגעגעבן פאַר עסקריניע, וואו, ווי מיר ווייסן, ס'זיינען קאָלאָניזירט געוואָרן קאָלאָניסטישע זין פון באַסאָווילבאַסאָ.

מיטן אָפּטיילן ביכער פאַר עסקריניע האָט זיך דאָרט אויך געגרינ־דעט אַ ביבליאָטעק, אַרום וועלכער ס'האָט זיך קאָנצענטרירט די גאַנצע קולטור־טעטיקייט.

די ביבליאָטעק איז שפּעטער פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַ גרויסער צאָל ביכער אידישע און שפּאַנישע, ווערנדיק אויך געשאַפן אַ ציוניסטי־שער צענטער אונטערן נאָמען „ציוניסטישע יוגנט", די ערשטע קאָמיסיאָן פון וועלכער איז באַשטאַנען פון יוסף פיין — אַ העברעאישער לערער — ש. י. הורוויץ און יוסף פאַסקאַר.



אַריינגאַנג צום בית־עולם. — אַ גרופּע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען זיך מתעסק מיט חסד של אמת. דער וועג צו אייביקער רו — אַ ברוקירטער פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די אבלים - באַגלייטער.

אויך אין די אזויגערופענע וואלד־גרופעס איז אָרגאַניזירט געוואָרן א ביבליאָטעק און אַן אגודה, דאַסגלייכן אין די „דרייצן הונדערטער", אָבער אין די לעצטע צוויי קאָלאָניעס האָבן די ביבליאָטעקן זיך שנעל אויפגע־לייזט איבער דער נאָענטקייט צו באַסאַווילבאַסאָ, ווערנדיק צוזאַמענגע־שמאָלצן מיט דאָרטיקן צענטער.

די ערשטע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן נאָכדעם, ווי דער פאַרשטאָרבענער קאָלאָניסט מרדכי מאיר הײנבון האָט איבערגע־לאָזט אַ קליינע סומע פאַר אַ גמילת־חסדים־קאַסע.

דער לערער, בראַצלאַווסקי האָט אָרגאַניזירט אַ פרויען־פאַריין אונטערן נאָמען „נשים רחמניות", וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסן, און האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצן מיטן פרויען־פאַריין פון שטעטל באַסאַווילבאַסאָ.

אויך אין עסקרינייע האָט זיך געגרינדעט אַ פרויען־פאַריין, וואָס גיט זיך אָפּ מיט וואוילטעטיקע צוועקן, אויפהאַלטנדיק אַ בעטל פאַר קראַנקע אין האָספּיטאַל „סענטענאַריאָ", און שטיצנדיק מיט קליינע הלוואות אָרימע לייט. דער פאַריין איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון מלכה הורוויץ און חנה און סימע היק.

דער צענטער פאַר וואוילטעטיקע צוועקן איז שפּעטער אריבערגעטראָגן געוואָרן קיין באַסאַווילבאַסאָ, בילדנדיק דעמאָלט מיט זיך די צענטראַלע אָרטעריע פאַר אַלע גרעסערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, און וואָס פאַר־דינט אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

XVII.

חברה קדישא און דער ערשטער בית עולם

ערשטע קבורה אויפן בית עולם אין נאָוועבוג 1. — אידן דערפילן זיך תושבים מיט אויפשיטן דאָס ערשטע בערגל ערד. — דער בית עולם — אַ פּלאַץ פאַר אייביקער רו פון מתים פון אַלע אַרומיקע געגנטן. — קרבנות פון פעלד־אַרבעט און קדושים.

באַלד, ווי די ערשטע 4 קאָלאָניעס זיינען באַזעצט געוואָרן, האָט זיך יעדע קאָלאָניע געזאָלט מאַכן אַ באַזונדערן בית־עולם, אָבער די רעגירונג האָט פאַר דעם קיין דערלויבעניש נישט געגעבן, איז צו שטאַנד געקומען

נאָר איינער, אין נאָוועבוג 1, און איינער אין אַקערמאַן 1.

אַלם צענטראַלער בית־עולם איז געבליבן דער פון נאָוועבוג 1 צוליב דער נעענטערקייט צום אייזנבאַן.

די ערשטע, וואָס איז דאָרט באַערדיקט געוואָרן איז די מוטער פונם קאָלאָניסט פ. לעווית.

א מאָמענט, וואָס איז כדאי צו פאַרצייכנען ,איז געווען דער, פון ברענגען צו קבורה דעם ערשטן מת אויפן נייעם בית עולם.

עפּעס האָט זיך געפילט, אַז מיט אומקערן צו ערד אַ גוף, וואָס איז פון ערד געקומען, האָבן אויך די לעבעדיקע זיך מער באַהאַפטן מיט דער ערד, אויף וועלכער זיי האָבן די נייע היים געבויעט...

דאָס פריש־אויפגעשאָטענע בערגל ערד איז געוואָרן אַן עדות, אַז מיר בלייבן תושבים...

האָט זיך אויף דער לויה געפילט אַ מאָדנע דערדריקטקייט. ס'זיינען געקומען מענטשן גאָרנישט פון דער משפחה, נייערט סתם שכנים און נייגיריקע.

דער קדיש ביים האַלב אָפענעם קבר האָט געקלונגען דומפּיק און טעמפּ. די לופט האָט דאָס ערשטע מאָל אויפגעכאַפּט די טרויער־טענער און זיי צעטראָגן איבערן גאַנצן ליידיקן פעלד...

און ווען קבורה איז פאַרענדיקט געוואָרן, און דער עולם האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין איבער אַ נאָך נישט אויסגעטראָטענעם שטעגל, האָבן אַלע געהאַט דאָס געפיל אין האַרץ פון האָבן איבערגעלאָזט וועמען פון דער קאָלאָניסטישער משפחה...

דער טויער פון אהל האָט צום לעצטן מאָל אַ סקריפּע געטון, דער שלאָס און ריגל האָט טעמפּ אַ קרעכץ געטון ביים פאַרשליסן, און ווי אַן עכאָ האָט אָפּגעקלונגען דאָס אַרויסשטאַמלען פון איינעם פון די אבלים:

— מיר האָבן זיך מיט דער ערד באַהאַפטן... מיר בלייבן שוין תושבים...



דער צענטראַלער בית־עולם פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל. — די מאָדערנע מצבות פון בעסטע מאַרמאָר־שטיינער דערציילן גאָרנישט, אַז דאָס איז אַ בית־עלמין אין קליינעם ישוב.

היינט צו טאָג דינט דער בית עולם פאַר דער באַערדיקונג פון די מתים, וואָס מען ברענגט פון גאַנצן אידישן ישוב, פון דעפּאַרטאַמענט גוּאַלעגוּאַיטשוּ, אוּרוּגוּאַי און אַ גרויסער טייל פון דעם אידישן ישוב אויף דער פּאַראַנאַער ליניע, און איז דער אָפיציעלער בית עולם פון דער אידישער געמיינדע פון דער שטאָט באַסאַווילבאַסאָ.

די תקנות פאַרן בית עולם, די צעמעסטונג און די אַנדערע רעגלאַמענטן זיינען איינגעפירט געוואָרן לויט אַ פּנקס, וואָס איז מיטגעבראַכט געוואָרן פון רוסלאַנד, דורכן קאַלאָניסט, וואָלף הורוויץ, וועלכער איז אויך געווען, צוזאַמען מיט א. פּיטמאַן, די ערשטע צוויי גבאים פון דער חברה קדישא.

איצט ווערט פאַרוואַלטעט די זעלבע פון אַ קאָמיסיאָן, וואָס ווערט געזעצליך אויסגעוויילט אויף אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג און איז פאַראַנטוואָרטליך מיט איר אַרבעט.

די קאָמיסיאָן באַשטייט פון די הערן: יצחק הורוויץ, כוליאָ פרידלענדער (סעק.), ה. הורוויץ, מ. טאָלקאַטשיר, מ. יאַקוב, א. ל. אַרקושין, ליב אַרקושין און פ. לעוויט. עהרן־פּרעזידענט איז ה׳ הירש צענטער.
לעצטנס האָט די קאָמיסיאָן אָפּגעקויפט פון דער יק״א 8 העקטאַר ערד, וואָס גרעניצן זיך מיטן אַלטן בית עולם, באַצאָלנדיק 275 פּעזעס דעם העקטאַר, און עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַלע נויטיקע מאָדערנע מיטלען איבערצופירן דעם מת צום בית עולם.

אַ דאַנק אייניקע יונגעלייט, וואָס אַרבעטן מיט אין דער קאָמיסיאָן הערשט אין דער חברה קדישא אַ גאַנץ מאָדערנער גייסט, און ס׳ווערן צוגעגרייט סטאַטוטן, בכדי צו באַקומען „פּערסאָנעריאַ כורידיקאַ״.

כדאי אויך דאָ צו דערמאַנען די מענטשלעכע קרבנות וואָס די קאָלאָניע האָט צו פאַרצייכנען פאַר דער צייט פון איר אַנטוויקלונג, קרבנות

פון דער פעלד־אַרבעט, ביי סתם אַקצידענטן, אָדער קדושים, אומגעקומענע דורך די הענט פון וואַנדאַלן און באַנדיטן.

די רשימה איז פאָלגנדיקע:

אין אַקערמאַן 1 גייען זיך באָדן די פרוי קראַסיוק מיט אירע 2 טעכ־טער, און ווערן אַלע דערטרונקען.

מאָטל לעוויט, אַ קאָלאָניסט פון נאָוועבוג 1, שפּאַנט איין די פערד אין דער שנייד־מאַשין, זיי צעטראָגן די מאַשין, און ער ווערט דערהרגעט. זיין פרוי, נישט קאָנענדיק איבערטראָגן די צרות, נעמט זיך דאָס לעבן.

קאָלאָניסט משה לעבעדינסקי, יאָר 1900, פאָרנדיק פון קאָלאָניע אַקערמאַן נומער 1 קיין אַקערמאַן נומער 2, וואַרט אים אָפּ זיינער אַ פעאָן און דערשטעכט אים.

די קאָלאָניסטן־פאַמיליע, אַלמנה קרישקאַוואָצקי, אַקערמאַן נומער 2, אין יאָר 1901. די גאַנצע פאַמיליע ווערט אויסגעקוילעט און פאַרברענט. עס ראַטעווען זיך נאָר אַ קליין מיידעלע און אַ ברודערל.

די קאָלאָניסטישע פאַמיליע פון יעקב ארקושין אין יאָר 1908, ווערן באַפאַלן פון אַ באַנדע גאָוטשן־רוצחים, מען בינדט די פאַמיליע, מען קוי־לעט זיי, און די קערפּערס פאַרברענט מען.

צוזאַמען מיט דער פאַמיליע ווערן דערהרגעט צוויי מיידלעך, קינדער פון דער אַלמנה מ. מאַצקין, וואָס זיינען געקומען צו גאַסט.

ישראל קאָוואַל ווערט דערהרגעט פון זיין אייגענעם פּועסטעראָ.

אַ זון פון קאָלאָניסט יוסף נעכאַמקין פאָרט נאָך אַ רעגן און ווערט דערטרונקען אין אַן אָראָזשאָ.

וואָלף הורוויץ, אַ זון פונם קאָלאָניסט ש. י. הורוויץ. עס צוטראָגן אים די פערד מיט אַ וואָגן סנאָפּעס ווייץ, און ער ווערט געהרגעט.

דעם קאָלאָניסט פייקינס אַ אינגל ווערט אַריינגעדרייט אין דער זעג פון אַ מאַשין, און ווערט געטויט.

ש. י. הורוויץ

XVIII.

דאָס סאַניטאַר-וועזן אין לוסיענוויל

מיט אַ שוחט און אַ פעלדשער האָט מען זיך באַזאָרגט נאָך אין דער אַלטער היים. — גרויסע צרות אויפן סאַניטאַרן-געביט אין די ערשטע יאָרן. — קינדער ווערן געבוירן אָן הייב-אַמן, און אָפּעראַציעס מאַכן אויך קאָלאָניסטן אַליין. — פון לוסיענוויל דאַרף מען לויפן קיין דאָמינגעז נאָכן דאָקטער. — די גרינדונג פון אַן אייגענעם שפּיטאָל. — „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" — די איניציאַטאָרין און דער געלט-שדוך. — אויסברייטערונג פון סאַניטאַר-וועזן און שפּעטערדיקע הינטערשטעליקייט.

בשעת פיינבערג האָט אין דער אַלטער היים צוזאַמענגעשטעלט די ערשטע 2 גרופּעס, נאָוועבוג און אַקערמאַן, האָט מען, פאַרן אַרויסשיקן זיי, געזען זיי זאָלן זיין באַזאָרגט מיט אַ שוחט און מיט אַ פעלדשער.

יעדע גרופּע האָט געהאַט אין זיך איינגעשלאָסן אַ שוחט, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אויך געווען קאָלאָניסט.

דער פעלדשער, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט דער גרופּע נאָוועבוג, און האָט באַדינט אויך די קאָלאָניע אַקערמאַן, איז געווען מ. פרידלענדער, ווערנדיק אויסגעהאַלטן פון דער יק"א.

ביי פרידלענדערן איז אויך געווען אַ קליינער „באַטיקין" פאַר ערשטער הילף, און געשטאַנען איז ער אונטער דער אויפזיכט פון ד"ר ירחי אין דאָמינגעז, וואו עס איז געווען דער צענטראַל-האָספּיטאַל (צוערשט אַ „באַראַק", דערנאָך אַ געבויעטער האָספּיטאַל) פאַר אַלע ענטרע ריאָסער קאָלאָניעס, און וואוהין דער קאָלאָניסט האָט געמוזט אָנקומען אין ערנסטע פאַלן פון קראַנקהייטן.

ס'איז זיך משער צו זיין וואָס ס'איז אויסגעקומען די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל אויסצושטיין איבער דער ווייטקייט פון אַ דאָקטער. ווער ווייסט וויפיל מענטשן ס'זיינען אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט צו פאָרן מיט דער אָקס, וועלכע קאָלאָניסטן 50 קילאָמעטער און וועלכע גאַנצע 90, ביז זיי זיינען געקומען צום דאָקטער אָדער אים געבראַכט צו זיך.

אָן אַ שיעור עפּיזאָדן ווערן דערציילט וועגן אַזעלכע פאַלן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף וויפיל די ערשטע פּיאָנערן איז אויסגעקומען איבער־צוטראָגן:

„אין דער קאָלאָניע 1300 העקטאַר, שטייענדיק ביים אויוון, וואו זי האָט געבאַקן ברויט, הויבט אָן אַ פרוי גייען צו קינד, און איידער וואָס, ווער פאַרלירט זי דאָס קינד.

עס ווערט אַ געלויף, אַ טומל, קיין אַקושאָרין איז נישטאָ און אפילו אַ פּשוטע הייב־אַם געפינט זיך נישט אין קאָלאָניע.

וואָס־זשע פאַר אַן עצה גיט מען זיך...

דאָס ערשט געבוירענע עופעלע מיט דער געווינערן וואַלגערן זיך נאָך אַלץ לעבן אויוון... עס קומט אונטער דער דעמאָלט יונגער קאָלאָניסט שמחה באַנטשיק, הויבט אויף דאָס קינד, שניידט אָפּ דעם נאָפּל און די קינפּע־טאָרן ווערט אוועקגענומען פון אויוון... ממש אַ מוסטער פאַר היגיענישער באַהאַנדלונג אין אַ מוטערשאַפט־זאַל...

אָדער אַזאַ פאַל:

אין עסקרינִיע נומער 4. דער קאָלאָניסט אליעזר דיק דרעשט מאַיס. די מאַשין כאַפּט אַריין אַ פינגער און האַקט אָפּ אַ שטיקל, וועלכעס הענגט נאָך.

נישט פאַרלירנדיק זיך, כאַפּט דער בעל־דבר פון פינגער אַ מעסער, שניידט אָפּ דאָס שטיקל, וואָס הענגט נאָך, גיסט אַרויף אַ ביסל „קאַניע" פאַרבינדט אים, און ערשט דערנאָך פאָרט ער צום פעלדשער...

אָט אַזעלכע עפּיזאָדן וואָלט מען געקאָנט אָנציילן אין די הונדערטער פאַר דער צייט, וואָס די קאָלאָניע לוסיענוויל האָט נישט געהאַט איר אייגן סאַניטאַר־וועזן, און באַדאַרפט זיין אָפּהענגיק פונם שפּיטאָל אין קלאַראַ.

פאַרשטייט זיך, דער אַלבאַליבטער דר. ירחי, וואָס איז געווען דער איינציקער דאָקטער אין די קאָלאָניעס פון ענטרע ריאָס, האָט געטון וואָס ער האָט געקאָנט צו ברענגען מעדיצינישע הילף די קראַנקע, אָבער מער וויפיל די כוחות פון איין מענטש, האָט ער ניט געקאָנט אויפטון.

דער פעלדשער פרידלענדער ווערט אין 1906 קאָלאָניזירט און אויף

זיין אָרט ווערט אַנגעשטעלט פון דר. ירחי דער פעלדשער יונה טראַכטענ־בערג, אונטער זיין דירעקטער אויפזיכט.

אין 1907 הויבט זיך אויף אין לוסיענוויל א באוועגונג צו איינאָרדע־נען אן אומאָפּהענגיקן סאַניטאַר־וועזן.

שוין פריער האָט די יקא אָנגעהויבן איינפירן א דירעקטן אָפּצאָל פאַר מעדיצינישער הילף, צוערשט מיט קלענערע ביישטייערונגען, 6 פּעזעס יער־לעך פון יעדער קאָלאָניסט, און שפּעטער צו 5 פּעזעס, אלס ביישטייערונג דעם „פאָנדאָ קאָמונאַל", וועלכער האָט שוין צו יענער צייט איבערגענו־מען אונטער זיין פאַרוואַלטונג דעם שפּיטאָל פון דאָמינגעס.

אין 9—1908, ווען ה' פ. זוסמאַן איז פּרעזידענט פון דער „סאָסיע־דאַד אַגריקאָלאַ" און ש. י. הורוויץ איז סעקרעטאַר, טרעפן זיי אָן איני־ציאַטיוו פון דער פריערדיקער קאָמיסיאָן, אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון צ. צענטער, צו בויען א שפּיטאָל.

די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ", וואָס נעמט צו יענער צייט, ארונטער אונ־טער זיך אַלע קהלה־אינטערעסן, און פאַרמאָגט שוין א היבשן רעזערוו־פאָנד, באַשליסט אונטערצונעמען די בויאונג פון א שפּיטאָל.

דער יקא־אַדמיניסטראַטאָר, באַרוך אַרבעט אויס דעם פּלאַן.

צוערשט ווערט געמאַכט א ביודזשעט צו בויען א שפּיטאָל, וואָס זאָל קאָסטן 35.000 פּעזעס.

שפּעטער אָבער, אז מען האָט שוין אָנגעהויבן די אַרבעט, האָט מען נישט געקאָנט האַלטן זיך ביי די ערשטע ציפערן, און אין יאָר 1910 ווערט באַניימט דער שפּיטאָל מיטן נאָמען „סענטענאַריאָ", אין וועלכן די „סאָסיע־דאַד אַגריקאָלאַ" לייגט אריין 40.000 פּעזעס פון איר רעזערוו־פאָנד און 30.000 פּעזעס דירעקטע קוואָטעס, וואָס די קאָלאָניסטן דאַרפן אויסצאָלן יערלעך.

אויף די געלטער ווערט געמאַכט א הלואה פון 12 טויזנט פּעזעס ביי דער יקא, אויף 10 יאָר אויסצוצאָלן.

די ערשטע איינאָרדנונג פון שפּיטאָל „סענטענאַריאָ", וואָס קומט פאָר אונטער דער פאַרוואַלטונג פון פ. זוסמאַן, ש. י. הורוויץ, צ. צענטער, י. פרידלענדער, מ. טאַלקאַטשיער, לייב מאַצקין און א. אַפּעלבוים, ווערט

איינגאנצן קאָנטראָלירט פון דער „סאָסיעדאַד אגריקאָלאַ".

דער שפּיטאָל ווערט איינגעאָרדנט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן: 2 סאַלעס אַלגעמיינע, אין וועלכע מען שטעלט אריין א געוויסע צאָל בעט־לעך, איין זאָל פאר מענער, און דער אנדערער פאר פרויען, ווי אויך א רייע איינצלנע צימערן פאר פענסיאָניסטן.

ס'ווערט אויך איינגעאָרדנט א זאָל פאר אָפּעראַציעס, אן אויסערלעכע קאָנסולטאַריע, קיך און אַלע איבעריקע אָפּטיילונגען, וואָס א שפּיטאָל האָט נויטיק.

שפּעטער ווערט אויך צוגעבויט א קאָנסולטאַריע אויסער דעם שפּי־טאָל, א הויז פארן דאָקטער, באַזונדערע וואוינונגען פאר אן אַקושאָרין און קראַנקן־וועכטערס, אן איינענע אַפּטייק, און ס'באַקומען זיך אַלע כּירור־גישע מכשירים.

איידער נאָך דער שפּיטאָל איז אויפגעבויט געוואָרן, איז אין קאָלאָניע געבראַכט געוואָרן דר. לייבאָף, דעמאָלט ערשט אָנגעקומען פון איירָאָפּע.

מיטן באַנייען דעם שפּיטאָל, האָט דר. לייבאָף איבערגענומען די דירעקציע.

דער שפּיטאָל און אַפּטייק אַלס איינגנטום פון דער „סאָסיעדאַד אגרי־קאָלאַ" ווערן דורך איר אויך אָנגעפירט צו אויסשליסלעכער דינסט פון דער קאָלאָניע.

דער ערשטער ביודזשעט באַשטייט פון 28.00 פּעזעס יערלעך, וואָס ווערט געדעקט מיט אן אָפּצאָל פון 65 פּעזעס פון א מיטגליד אויסער די הכנסה פון א ספּעציעלער טאַריף פאר נישט־מיטגלידער.

דער מיטגליד באַקומט אַלע מעדיצינישע הילף, פּענסיאָן, און אַפּטייק־זאַכן פאר א מינימאַלן אָפּצאָל.

ס'נעדויערט אָבער נישט לאַנג, די „סאָסיעדאַד אגריקאָלאַ" זעט איין, אז א סאַניטאַר־וועזן און די איינצלנע פונקציעס פון דער קאָאָפּעראַטיוו זיינען נישט אין אָנקלאַנג, וואָרום דער קאָאָפּעראַטיווער אינטערעס איז א ריין קאָנסטרוקטיווער און איז ווייט פון יעדן מאָמענט, וואָס האָט א שייכות מיט וואוילטעטיקייט, בעת א שפּיטאָל איז, אין מערסטע פאַלן, אָנגעוויזן אויף בענעפיטן און געשאַנקען...





א ו י ב ן : דער שפּיטאָל „סענטענאַריאָ" פון „קאָלאָניע לוסיענוויל"
אין באַסאַווילבאַסאָ. — דאָס פּלאַץ, וואו קראַנקע זוכן אַ רפואה —
איינגעהילט און געשיצט פון בוימער־שאָטן. — טעכנישער
פּערזאָנאַל וואָס גייט אַרום די חולאים. א ו נ ט ן : גע־
בּיידעס און הויף פון שפּיטאָל „סענטענאַריאָ", וואָס
געהערן צו דער קאָאָפּעראַטיווע. — ווינטער־
צייט שטייט אַלץ הויל און בּלויז —
אָבּער דערפאַר איינגעטונקען אין
זון און ליכט.

די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" טיילט אויס שפּעטער דעם שפּיטאָל אַלס אַן אויטאָנאָמע אינסטיטוציע. און עס נעמט זי איבער אַ פאָלשטענדיק אומאָפּהענגיקע קאָמיסיע, וואָס טראָגט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונם ביודזשעט, פאַרשטייט זיך, אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער קאָאָפּעראַטיווע, וועמענס קאַפּיטאַלן זיינען פאַרטון אין דעם שפּיטאָל.

מיטן גאַנג פון דער צייט, האָט מען איינגעזען, אַז די שפּיטאַל־פּראַגע איז נישט נאָר די זאַך פון קאָלאָניסטן. די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרע־סערט. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע, האָט זיך אויך די אידישע באַפעלקערונג פון שטאָט באַסאַווילבאַסאַ אויף פיל פאַרגרעסערט, און דער „סערוויסיאָ סאַניטאַריאָ", וואָס איז אַ צייט געווען אונטער דער אויס־שליסלעכער אויפהאַלטונג פון די קאָלאָניסטן, האָט דערנאָך אויך אריינגע־נומען די שטעטישע פאַמיליעס.

ס׳דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז אויך שפּעטער, ווען די מיטגלי־דערשאַפט האָט זיך פאַרמערט מיטן צושטיין פון דער שטעטישער באַ־פעלקערונג, איז דער אַריינגעלייגטער קאַפּיטאַל אין שפּיטאָל צוריק נישט אויסגעצאָלט געוואָרן דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ".

זינט דער צייט, ווען די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" האָט אויסגעטיילט פון זיך דעם שפּיטאָל, און ער האָט באַקומען אַן אויטאָנאָמע־פאַרוואַלטונג, האָבן זיך פילע קאָמיסיאָנען געביטן, ביז היינט. ווען אָט די געשיכטע פון דער קאָלאָניע ווערט געשריבן. אייניקע קאָמיסיאָנען האָבן זיך מער אויסגעצייכנט, אַנדערע ווייניקער. אויך אַ געוויסע צאָל דאָקטוירים האָבן זיך פאַר דער צייט געביטן. — אַזוי צום ביישפּיל האָבן פאַר דער צייט אַקטואירט אַ לענגערן אָדער קורצערן פּעריאָד פאָלגנדע דאָקטוירים: לייבאָף, דעבענעדעט, בערגמאַן, גאַרפונקעל און לעצטנס גאָלדשטרייך.

לעצטנס ווערט דאָס סאַניטאַר־וועזן אָנגעפירט פון אַ קאָמיסיאָן באַשטייענדיק פון פאָלגנדע פּערזאָנען:

ב. קופּערוואַסער — פּרעזידענט; ש. אַרקושין, א. מאַסקין, א. העקער און בעלאַבאָקאָף — וואָקאַלן; און ח. פריידענבערג אַלס סינדיקאָ.

חוץ דעם איז פאַראַן אַ צווייטע אָרגאַניזירטע גרופּע אויפן געביט פון סאַניטאַר־וועזן אין באַסאַווילבאַסאַ, צו וועמענס דינסט עס שטייט דר. אוטשיטשעל.

צווישןביידע אנשטאלטן גייען אָן פארהאנדלונגען פאר א צוזאמענ־שמעלצונג.

XIX.

דר. ירחי ז״ל און מ. סאַכאַראָוו

דער הײנט כמעט־לעגענדאַרישער טיפּ איד און מעדיקער. — אַ מלאך רפאל, וואָס היילט דעם חולה מער מיטן טרייסט־וואָרט און מיטן וויץ, ווי מיט דער מעדיצין. — דער טור איבער אידישע קאָלאָניעס פאַר אַן ערשטן קאָ־לאָניסטישן פארבאַנד. — מ. סאַכאַראָוו — דער וועטעראַן פון קאָאָפּעראַטיוויזם אין דער אידישער קאָלאָניע.

כדאי ביי דער געלעגנהייט, הגם אונזער ציל איז געווען צו באציען זיך אויסשליסלעך צו דער קאָלאָניע לוסיענוויל, זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מערקווירדיקן טיפּ איד און מעדיקער, דר. ירחי ע״ה, ארום וועמענס אקטו־אַציע מען וואָלט בפירוש ביכולת געווען צו שאַפן אַ באַזונדער בוך, ווי אויך וועגן אומדערמידלעכן קאָאָפּעראטיוויסט, מיגעל סאַכאַראָוו.

דר. ירחי איז געקומען גלייך מיט די ערשטע קאָלאָניסטן, אלס מעדיקער און מיט רעכט מעג מען אויף אים זאָגן, אז ער האָט דורכגעמאכט דעם גאַנצן פּיאָנערן־וועג פון אידישן ערד־ארבעטער, אויף די פּוסטע ארגענ־טינער סטעפּן.

דר. ירחים אקטואציע איז פול מיט איבערמענטשלעכע קרבנות, פול מיט איבערנאַטירלעכער ארבעט, ווערנדיק פארוועבט, פאַרן איצטיקן דור, שוין כמעט ווי א לעגענדארישע פיגור, א מין מלאך רפאל, אין מענטשלעכן געשטאַלט, וועמענס וואָרט פון טרייסט, פון טיפּיש־אידישן וויץ, און „גם־זו״־פּסיכאָלאָגיע, האָט דערגרייכט צום חולה נאָך ווייט פריער פון דער מעדיצין, וועלכע, צוליב דער הינטערשטעליקייט אין צייט, האָט אויך געמוזט זיין בכלל הינטערשטעליק...

א שלל עפּיזאָדן וועבן אַרום דעם מערקווירדיקן מעדיקער, פון וועלכע ער לייכט ארויס מיט זיין כסדר גוטמוטיקן שמייכל, מיט דער העלקייט פון

דר. נ. ירחי — דער מערקווירדיקער מענטש און מעדיקער. — זיין
וואָרט איז אַ טרייסט געווען פאַר נויטליידנדיקע, און זיין
באַהאַנדלונג — אַ רפואה פאַר קראַנקע.

א פּערזאָן, וואָס האָט זיין אייגענעם „איך” געשטעלט אין הינטערגרונט, ווען ס׳האָט זיך געהאנדלט פון „יענעם”, פון טובת הכלל.

דר. ירחי האָט, ווי א גייענדיקער קוואַל, ווי א פּערזאָן מיט איבער־פלוס אין ענערגיע, נישט באַגנוגנט זיך בלויז מיט היילן חולאים, נייערט ער האָט אויך גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער פאַרייניקונג פון די אידישע קאָלאָניעס.

אזוי זעען מיר אים אין 1908, צוזאמען מיט זיין שוואָגער מיגעל סאַכאַראָוו — דער היינטיקער וועטעראַן פון אידישן קאָלאָניזאַציע־וועזן און קאָאָפּעראַטיוויזם — מאַכן א פּראָפּאַגאַנדע־טור איבער אלע אידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, דער רעזולטאַט פון וועלכן איז געוועזן די גרינ־דונג פון דער „אידישער אגראַר־קאָנפעדעראַציע”, הגם נישט מיט קיין איבריק גוטן מזל, וואָרום איבער פאַרשידענע סבות פון יענער צייט, לייזט זיך שנעל אויף די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע.

מ. סאַכאַראָוו איז געקומען קיין אַרגענטינע, אלס א קינד פון רייכע עלטערן, מיטן איינציקן אידעאַל צו קאָלאָניזירן זיך, ווערנדיק איינגעאָרדנט דורך דער יקא אין דער קאָלאָניע באַראָנעטשע.

אָפט, זייער אָפט קענען מיר נישט באַגרייפן די וועגן פון דער השגחה, וועלכע דערפירט זאַכן, אלס א וואונדער איבער וואונדער, צו אַן אנטגיל־טיקן ציל, ווי ס׳וואָלט פריער אויסגערעכנט געוואָרן...

אזעלכעם דאַרף געזאָגט ווערן ווען גליקלעכן צופאַל פון ברענגען צו די אַרגענטינער ברעגן, און צובינדן צו דער אידישער קאָלאָניע דעם באַ־ליבטן מ. סאַכאַראָוו.

א מענטש מיט א גרויסער אינטעליגענץ־ירושה פון זיין אלטער היים, ווערט ער שנעל דער נערוו און דאָס בלוט פון דער קאָלאָניע קלאַראַ, הגם זיין טעטיקייט שליסט זיך נישט אָפּ פאַר זיינע אייגענע ד׳ אמות, נייערט זי גייט אַריבער ווייט און ברייט אין אלע ווינקלען, וואו ס׳לעבט און ס׳איז טעטיק א אידישער קאָלאָניסט.

מ. סאַכאַראָוו ווייסט בכלל נישט פון קמצנות און אייגן־נוץ, און זיין האַנט איז אַן אָפענע און א ברייטע פאַר יעדן, וואָס באַט אַן זיין הילף, אמאָל שוין אפשר צו אָפן, וואָס דערפירט דעם גוט איינגעפונדעווע־

טן און בפירוש רייכן ערד־אַרבעטער, מ. סאַכאַראָוו צו מאַטעריעלער קאַטאַ־סטראָפע...

מענטשן האָבן פון זיין גוט הארץ און פון זיינע גוטע מדות ממש מיסברויכט...

אָבער קיין זאַך איז נישט ביכולת אָפּצושוואַכן און חלילה אָפּטויטן אין סאַכאַראָוון זיין ענערגיע־שטראָם. סיי ווען סאַכאַראָוו איז אַליין מאַ־טעריעל געשטאַנען גרויס, אַזוי אויך היינט, ווען דער פאַל איז, צום באַ־דויערן, אַנדערש, האָט זיין קאָלאָניע, ווי אויך דאָס גאַנצע אידישע אַגראַר־וועזן אין אים אַ געטרייען טרעגער פון אַלע פּרעגניותן, אַן אומדערמידלעכן קעמפער פאַרן וואויל פון זיינע מיטברידער קאָלאָניסטן.

זיין נאָכאַנאַנדיקע און אומאיבערגעריסענע טעטיקייט, האָט מ. סאַ־כאַראָוון ארויסגערוקט אין פראָנט פון דער קאָלאָניסטישער כלל־ארבעט.

פאַרנעמענדיק אין 1908 דעם אַמט אַלס פּרעזידענט פון „פאָנדאָ קאָמונאַל" פאַרטראַכט ער צוזאַמען מיט דר. ירחי דעם דערמאָנטן טור איבער די קאָלאָניעס.

דורכפאַל און ברוך אין פּרואוון און עקספּערימענטן שרעקן נישט אָפּ סאַכאַראָוון.

צעפאַלן די ערשטע „קאָנפעדעראַציע", שטייט ער אויך שפּעטער ביי דער ארבעט און ביים רודער פון אַלע קאָלאָניסטישע פאַרבאַנדן, און די פאַרשידענע פאַרוואַנדלונגען, ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף, וואָס ראַנגלט זיך צווישן בייזע כוואַליעס־מיילער...

אויך היינט פאַרנעמט ער זיין אַמט אין דער „פראַטערנידאַד אַג־ראַריאַ", וועלכער ער האָט געגעבן זיין צייט, זיין ענערגיע און געזונט. אויף אַ רגע פאַרלאָזט נישט דער געטרייער קאָלאָניסטישער זעלנער זיין פּאָסטן, און זיין וואָרט איז אָפט די קויל קעגן באַוואוסטזיניקע אדער אומבאַוואוסט־זיניקע שטערער פון פאַרייניקטן גאַנג, איז אָפט די עצה פאַר דער אויס־פלאַנטערונג פון קנוילן, וועלכע טאַרמאָזירן דאָס קאַטשען זיך פון דער אַגראַר־ראָד.

אַלע רעספּעקטירן אים — דעם וועטעראַן פון אונזער אַגראַר־וועזן — און ער האָט דעם דרך־ארץ פאַרדינט.



מיכל סאַכאַראָוו — דער וועטעראַן פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג
אין די אידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע.



די פאַרוואַלטונג און פערזאָנאַל פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל״
אין יאָר 1931־32, ווען דאָס בוך „קאָלאָניע לוסיענוויל״
איז געשריבן געוואָרן.

XX.

ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַריין *)

(איצט „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל”)

די געשיכטע פון דעם ערשטן „לאַנדווירטשאפטס־פאריין” איז אייגנט־לעך די געשיכטע פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל.

אזוי ווי אָבער, דער לעזער געפינט אין באַזונדערע קאַפּיטלען שילדערונגען וועגן דעם לעבן און אנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע, וועט אונז אויסקומען אסך זאַכן דאָ אויסצולאָזן.

אינם יאָר 1900, ווען אין די ענטרע ריאסער קאָלאָניעס איז געוועזן אַלס גענעראַל־אַדמיניסטראַטאָר דער באַוואוסטער לאַפּין, און אונטער אים האָט ער געהאַט אַ גרעסערע צאָל אַגענטן, איז קיין לוסיענוויל אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַלס אַגענט דער אַגראָנאָם לעאָן נעמיראָווסקי, וועלכער איז גע־שטאַנען אונטער די פאַראָרדנונגען פון לאַפּין.

היות ווי די קאָלאָניע לוסיענוויל איז געווען אַ באַזונדערער טייל פון די יקא־קאָלאָניעס אין ענטרע ריאָס, ווארום צווישן איר און דער קאָלאָניע קלאַראַ איז געווען אַ מרחק פון אַ 50 קילאָמעטער, נישט קיין אידישע פעל־דער, איז דער אַגענט פון לוסיענוויל אין געוויסער מאָס שטענדיק געווען מער אויטאָנאָם, ווי אַנדערע. לעאָן נעמיראָווסקי איז געווען פון דער רוסישער אינטעליגענץ, אידעאַליסטיש געשטימט, און מיט פּראָגרעסיווע אידעען.

ווי אזוי אזאַ פערזאָן איז אָנגעקומען אַלס אַדמיניסטראַטאָר, אין דינסט פון דער יקא, דערוויסן מיר זיך פון זיינער אַ רעדע ביים אוועקגיין פון דער קאָלאָניע, וואָס וועט קומען שפּעטער.

דער פאַקט איז, אַז זייענדיק אַגענט פון דער יקא און דערפילנדיק מיט די פאַראָרדנונגען פון די העכערע באַאַמטע, האָט ער אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו העלפן דעם קאָלאָניסט.

אזוי זעען מיר אים אין דער ערשטער צייט געבן אַגראָנאָמישע קאָנפע־

*) זע סטאַטיסטישע טאַבעלע אויף זייטן 136-137.

רענצן, יעדן שבת אין אן אנדער קאָלאָניע, ער ברענגט אראָפּ פארשידענע זריעות, און צווינגט די קאָלאָניסטן צו אָפּגעבן זיך מיט גארטנוואַרג. ער פאָרט יעדן פּריוואַט אינספּעקציאָנירן, צי איז אויף דעם געביט עפּעס געטון געוואָרן, ווער עס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פּראָדוצירן גרינ־וואַרג באַקומט פון אים א פּרעמיע, און ווער עס האָט פאַרנאַכלעסיקט, זאָגט ער אָפּ פון געוויסע פּריווילעגיעס, ווי אויסבייטן א קי, א פערד, אָדער אנדערע זאַכן, מיט וועלכעס דער קאָלאָניסט האָט באַדאַרפט אָנקומען צו אים.

אָט דער נעמיראָווסקי האָט עס דער ערשטער אריינגעבראַכט די אידעע די קאָלאָניסטן זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין א פאַריין.

אין אויגוסט 1900 האָט ער צונויפגערופן זיינע עטלעכע באַקאַנטע קאָלאָניסטן, מיט וועלכע ער האָט זיך געחברט, און האָט זיי פאָרגעגעבן די אידעע זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין א לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַריין.

דער אופן, ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען איז געווען עפּעס אזוי, ווי ווען רוסישע סאָציאַליסטן פלעגן אָרגאַניזירן זייער קרוזשאָק, אין דער־צייט פון צאַר. ערגעץ אין א הינטער־גאַס. עס האָט געטראָגן דעם כאַראַק־טער, ווי עפּעס א געהיימער צוזאַמענקונפט.

פאר וואָס דאָס איז אזוי געווען, איז אפשר צו פארשטיין. צו יענער צייט וואָלט זיך פאַררעכנט פאר א חטא, אז אַן אדמיניסטראַטאָר פון דער יקא זאָל אזוי אינטים פאַרבינדן זיין מיט די קאָלאָניסטן, ווייל צוליב אזא אינטימקייט קען אים פעלן דער נויטיקער מוט דורכצופירן די פאָר־אָרדנונגען פון די העכערע באַאַמטע, וועלכע זיינען נישט שטענדיק אויפגע־נומען געוואָרן מצד די קאָלאָניסטן.

אָט צוליב די מאָטיוון, נישט צו חברן זיך צופיל מיטן קאָלאָניסט, כדי מען זאָל דעם אַגענט נישט חושד זיין, אז ער האַלט מער מיטן קאָלאָניסט ווי מיט דער יקא, האָט עס נעמיראָווסקי געמוזט דורכפירן די אָרגאַניזאַ־ציאָנס־ארבעט אויף א כמעט געהיימען אופן.

אין חודש יולי פון 1900, הויבט אָן נעמיראָווסקי אָפּט קומען אין דער קאָלאָניע נאָוועבוג נומער 1, סודעט זיך מיט די נאָענטע באַ־קאַנטע, און אין קאָלאָניע הויבט מען אָן רעדן, אז עס איז עפּעס נישט

פראָנט פון דער אייגענער געבײדע פון דער קאָאָפּעראַטיווע „סאָסיעדאַד
אַגריקאָלאַ״. — אַ טאָג פון גרעסערער באַוועגונג. — מיטגלידער
מיט זייערע פערד און וועגעלעך, געקומענע פון ווייטע
ווינקלען אויסצופירן פאַרשידענע עסקים.

גלאַטיק, וואָס דער אדמיניסטראַטאָר קומט אזוי אָפּט אין קאָלאָניע, ביז דער סוד איז ארוים.

דעם 12־טן אויגוסט זיינען אין הויז פונם קאָלאָניסט מרדכי מאיר היינבון זיך צוזאַמענגעקומען 15 קאָלאָניסטן, נעמלעך: הירש צענטנער — מענדל קאסאי, ש. פריידענבערג, אהרן וויסאָקאָווסקי, ש. שעוועליאקי, מיכל פרידלענדער, מ. א. בלעכער, מ. ענבון, וו. פינוואַרב מ. הורוויץ, ז. נוטקין, ה. שוואַרצמאַן, ח. פּטאשניע, ה. ראַבקינד, דער אגענט נעמיראָווסקי און דער לערער בראַצלאַווסקי, און עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער אידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַריין.

אינם אקט, וואָס איז דעמאָלט פאַרשריבן געוואָרן, אין א מין דייטש־מעריש אידיש, זאָגט זיך:

„דען 12־טען אגוסט 1900 יאָהר וואַר דער ערשטער אידישער לאַנדווירטשאַפטליכער פעריין געגרונדעט אונד אמזעלבען טאָג און דער פאַרזאמלונג אין קאָלאָניע גאָוועבוג נומער 1, ווארען פאלגענדע עסטאַטוטען אוסגעאַרבייט”:

„1) דער נאָמען דעם פעראוינע איסט:

„דער ערשטער יודישער לאַנדווירטשאַפטליכער פעראיין” און אין שפּאַניש:

“Primera Sociedad Agrícola Israelita”

„2) דער צוועק דער פעראיין איסט:

לאנדווירטשאַפטליכע קענטעניס צו ערווערבען, פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטליכע פערזוכבע צי מאַכען, אונד ווי מעגליך אלס וואַס פיר דעם קאָלאַניסט נוטיק איסט ביליג צו קופען”.

„ארט 26) אַלע פּראָטאָקאָלען מוסען אין יודישן זשארגאן געשריבען ווערען”.

אזוי ווי דער פּאקטישער גייסט און אָנפירער איז געווען נעמיראָווסקי, וועמענס אומגאנגס־שפּראַך איז געווען די רוסישע, הגם ער האָט אויך גערעדט דייטש, איז צו דרינגען פון דעם פונקט 26 פון די סטאטוטן, אַז ער האָט שוין געהאַט א געוויסע טענדענץ צו דערנענטערן זיך צו דער אידישער פאָלקס־שפּראַך, און אריינפירן זי אין די עפנטלעכע אקטן אינם אָרגאַניזאַציאָנס לעבן פון דער קאָלאָניע, פאַרשטייט זיך אין דייטשמערישן סטיל, ווייל קיין בעסערן אידיש האָט מען נישט געקענט...

די ערשטע קאָמיסיאָן, וואָס איז ביי דער גרינדונג געוויילט געוואָרן,

איז באַשטאַנען פון די קאַלאַניסטן: מ. פרידלענדער, פרעזידענט; א. פרייי־דענבורג, קאַסיר; וואָקאַלן: מ. א. בלעבער און י. שוועליאַף און סעקרעטאַר, טאַקע דער אגענט פון דער יקא, נעמיראָווסקי; פראַ סעקרעטאַר, מ. קאַסאַי און סינדיקאַ א. בראַצלאַווסקי.

די ערשטע זיצונג פון „פאַריין" (אַזוי האָט מען אים דערנאָך גערופן), איז פאָרגעקומען דעם 21־טן אויגוסט, אויף וועלכער ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון איינקויפן אויף א קאָאָפּעראַטיוון אופן „פּיעסעס" צו די שנייד־מאַשינען.

אינם אקט פון דער דערמאָנטער זיצונג ווערט געזאָגט:

„עס וואַר דערנאָך פאָרגעשלאָגען דאָס יעדער מיטגליד נאָך זיינעם ווונטש זאָל 10 פעזאָס היין אַריינטראָגען אונד נאָך דער סומע, וואָס עס ווער געביל־דעט ווערען אוסשרייבען איניגע פּיעסען פיר די שנייד־מאַשינען אונד אוף דיעזער ווייזע זאָהל דער קאָלאָניסט ניט דאַרפען צאָהלען דאָפּפּעלע פרייזן פיר איין פּיעסע ווען ער ברוכט זי".

די ערשטע פאַרזאַמלונגען פונם „פאַריין" זענען, ווי ס'איז צו זען פון ערשטן אקטן־בוך, פאָרגעקומען וועכנטלעך, און יעדעס מאָל אין אַן אַנדער קאַלאַניע, כדי די קאָמיסיאָנס מיטגלידער, וואָס האָבן געוואוינט אין באַזונ־דערע קאָלאָניעס, זאָלן נישט דאַרפן שטענדיק פאָרן. אַזוי זעען מיר, אַז די צווייטע זיצונג קומט פאָר אין נעוועבוג 1־2 און אויף דער פאַרזאַמלונג ווערט באַהאַנדלט אַלס הויפּט־זאַך: „אַגראָנאָמישע און וועטערינאַרע פראַגן".

דאָ זעען מיר, ווי נעמיראָווסקי טיילט מיט דער קאָמיסיאָן וועגן קראַנקהייטן איבער פלאַנצן, וועגן גערעכט אָדער שיטער זיין, וועגן ווייץ, וואָס ווערט אין שטרוי אוועק צוליב צופיל רעגן און אויך וועגן פאַלן, וואָס די קעלבער פגרן ביים געבורט.

ס'וועט זיין ניט איבעריק צו ציטירן די טיילן פון יענעם אקט אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי זיינען געשריבן געוואָרן:

„פאַן הערען נעמיראָווסקי וואַר מיטגעטיילט פון דער קראַנקהייט דען האַלם טויטעט (אַ מין ראַזשאַ מסתמא). דיעזע קראַנקהייט עקסעסטירט שון פאַן לאַנגע, אָבער ערשט אין דער לעצטער צייט וואַר זי אונטערזוכט, דיא

די ערשטע קאָמיסיאָן פון דער קאָאָפּ. „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ”, וועלכע
איז שנעל נאָך איר גרינדונג געוואָרן די אַקס, אַרום וועלכער
ס'האָט זיך געדרייט די גאַנצע ראָד פון ווייטער־
דיקער טעטיקייט.

פלאנצען, הויפטזעכלאך דיא ווייצען, ווערדען פון דיזען קראַנקהייט אָפט און זייער לייכטע פארמע באַפּולען זיי, דאס מען באמערקט זי גאר ניכט, אבער עס האט שון א אנפלום אוף דער ערנטע — אפט מיינט מאן, דאס עס וואַר ניכט גוט געארבייט, אדער דאס וועטער איז געוועזן שלעכט, אין דער ווירקליכקייט איסט דאַס די פאלגען פאן דיזער קראנקהייט. מען זעהט דארום וויפיל באַדינגונגען באאיינפלוסען דען רעזולטאַט דער ערנטע. מען דארף פיל פראקטיקע און קענטעניש האבען אום די אורזאכע פינדען".

און ווייטער:

„אַמשלום האָט הערר נעמיראָווסקי נאָך מיטגעטיילט וועגען די אורזאַכען דער קעלבער שטאַרבן באַלד נאָכן געבורט".

די דריטע פארזאמלונג קומט שוין פאָר אין אקערמאן נומער 1, וואו נעמיראָווסקי האַלט אַ פארטראָג וועגן „פיעברע אַפטאָסאַ", וועגן אקער; צוויי מאָל א. אַז. וו.

ביי אַ שפּעטערדיקער זיצונג, אין מאָנאַט סעפּטעמבער, (יום־טובים־צייט) ווערט באהאנדלט וועגן אַן אָוונט־אונטערנעמונג, און זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט איז, וואָס פאר אַן ערנסטע באַציאונג דער „פאַריין" האָט געהאט פאר די באדערפעגישן פון פארוויילונג פארן קאָלאָניסט. ווערנדיק אָנגענומען פאָלגנדיקע באשלוסן:

„1) דער אווענד־אונטערהאלט וויט חול המועד סוכות שטאַטפינדען.
„2) דער פעריין וועט מאכען די אוסגאבען פאר געטרענקע און פארבייסונג, און יעדער מיטגליד וועט איינע ענט אדער הון געבען.
„3) די טרענקע וועט יעדער אנוועזענדע באקומען אָנע צו באצאלען, אָבער פיר די פלייש־שפּייזען זאל איין באשטימטע פרייז זיין פון 10 ביז 20 סענט פיר יעדען פּארציאן.
„5) מוזיק ווירד פון די טאנצענדע בעצאלט ווערען".

אין אָקטובער טרעפן מיר זיך מיט אַן אָקט פון אַ זיצונג, וואו עס ווערט אפּגעגעבן א באַריכט מיט אַלע איינצלהייטן, ווי אזוי די מאַסךנעסט זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן, ווי אַזוי די ראָלן פון דער פיעסע „שמואליק שאלטיק" (פארפאַסט פון לערער בראַצלאַווסקי) זיינען אויסגעפירט געוואָרן א. אַז. וו.

דערפאר אָבער ווערט אויך אויף אַ שפּעטערדיקער קאָמיטעט־זיצונג באַהאַנדלט, ווי אראָפּצובערענגען אַ מעכאַניק צו די מאַשינען, ווי אזוי

איינצוקויפן פּיעסעס מיט א געהעריקער הנחה, און עס ווערט שוין באַ־טראכט די פראַגע פון פאַרזיכערן די קאָסטעטשע פון פייער.

מיר טרעפן דאָרט אויך א פאָרשלאַג פון מ. א. בלעכער, אונטער־געשטיצט פון ה. צענטנער און פעלדמאַן, אַז אַלע קאָלאָניסטן זאָלן צוזאַמען קויפן זעק מיט פּאָדים, ווארום אין קעגנפאַל האָט דער פאַריין קיין צוועק נישט. נעמיראָווסקי, פאַרקערט, דענקט: אַז מען קען נישט צווינגען די מיט־גלידער קויפן אין איין אָרט, און עס אַנטוויקלט זיך א דיסקוסיע, ביי וועלכער נעמיראָווסקי, אַלס דער פּאַטער און אינספּירירער פון פאַריין אַנטוויקלט אין א לענגערער רעדע זיינע מיינונגען, וואָס איז דער בעסטער עדות, ווי ווייט דער קאָאָפּעראַטיוויזם איז היינט צו טאָג שוין אוועק לגבי יענער צייט.

פאַר אַן אילוסטראַציע איז כדאי דאָ צו ציטירן זיין רעדע לויט דער שפּראַך, מיט וועלכער זי איז פאַרשריבן אין אקט פון „פאַריין" אונטערן דאַטום 25־טן אָקטובער 1900.

דאָרט זאָגט זיך:

„ה. נעמיראָווסקי נעמט דאס ווארט און באמערקט, פאלגענדעס: מיר רו־סישע אידען זינד וויניגער באקענט דאמיט ווי פעראיינען דארפען זיך פירען, ווייל בא אונז אידען איזט איבערהויפט זייער וויניג פעראיינען דא.

„בא אנדערע פעלקער איז זייט אַ לאנגע צייט ווי עס עקזיסטירען בא זיי פארשידענע פעראיינען, מיר דארפען דערום זעהן ווי זיי פירען זיך, אונד ביי איהנען לערנען, ווייל זיי האבן געוויס מער פראקטיק אלס מיר. ביי זיי הערשט פאלגענדער פרינציפּ:

„די פעראייניגונגען זוכען צו ערייכען גוטע באדינגונגען פאר די מיט־גלידער, די מיטגלידער שטייהט דאס פרייה, מיט דיזע באדינגונגען צו פרא־פעטירען, אדער ניין. מאן גייט אויס דיזען געדאנק הערויס — דאס יעדער ווייסט בעסער זיינע אינטערעסען, און יעדער קאופט דאָרט ווי ער ביליגער באקומט. צווינגען דארום איז גאנץ איבעריג".

ווייטער באַגרינדעט נעמיראָווסקי, אַז צווינגען דעם מיטגליד קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען מען דאַרף באַיקאָטירן א קאָמערץ־הויז אָדער ווען עס איז, וואָס ברענגט שאָדן דעם פאַריין, אָבער מען קאָן נישט פאַרלאַנגען

די ביוראָען פון דער קאָאָפּעראַטיווע „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל"
מיט די העכערע באַאַמטע, וועלכע פירן אָן דעם
רודער פון אַזאַ גרויסן אַפּאַראַט.

פון אַ מיטגליד ער זאָל ניט קויפן דאָרט וואו אים ווייזט זיך אויס, אַז ער קריגט ביליקער.

היינט צו טאָג, פאַרשטייט זיך, וואָלט דאָס געווען די שעדלעכסטע טעאָריע פאַרן לעבן פון אַ קאָאָפּעראַטיווע, בעת פאַר דעמאָלטדיקער צייט, ווען דער פאַריין האָט דעם הויפּט־צוועק געהאַט: לאַנדווירטשאַפטלעכע אינסטרואירונג און דאָס א ו י ס מ י ט ל ען אַז דער מיטגליד זאָל זיינע אַרטיקלען ביליקער קויפן, אָבער נישט אויף דער אייגענער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פון „פאַריין", איז די טעאָריע געווען אַקצעפּטירבאַר.

לאַנג האָט אָבער נישט געדויערט אָט די טעאָריע, ווייל באַלד איז דער „פאַריין" צוגעטראָטן דירעקט אויף אייגענעם אחריות מאַכן זיינע איינ־קויפן פאַר די מיטגלידער.

אויף אַ זיצונג פון 25־טן אָקטובער 1900 זעען מיר, ווי נאָכדעם, ווי נעמיראָווסקי באַריכטעט, אַז ער האָט מיטגעטיילט לאַפּינען וועגן דער גרינדונג פון דעם „פאַריין", און יענער האָט געגעבן זיין הסכמה, ווערט אַריינגעטראַגן אַ פאָרשלאָג פון זעלבן נעמיראָווסקי צו ווענדן זיך קיין אורוגואַי און אַנפרעגן, צי וועלן די קאָמערץ־הייזער מאַכן הנחות, אויב דער פאַריין וועט ביי זיי קויפן זעק, פאָדעם און בוימל.

אויף דער זעלבער זיצונג שלאָגט פאָר מ. א. בלעכער: די מיטגלידער זאָלן צוזאַמען פאַרקויפן ליאָן און ווייץ, אין נאָמען פון „פאַריין".

דאָס מיטטיילן דער יקא־דירעקציע וועגן דער גרינדונג פון פאַריין און די פראַגן פון אונטערשרייבן קאָנטראַקטן.

אויף אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג פון פאַריין, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ 1901, ווען דער מערסטער טייל קאָלאָניסטן זיינען שוין געווען אָנ־געשלאָסן, ווערט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט, און צווישן די פיל אַריינגעטראַגענע פאָרשלאָגן קומט אַ פאָרשלאָג פון א. בראַצלאַווסקי, אַז: „דער קאָמיטעט זאָל מיטטיילן דער יקא־דירעקציע וועגן דער גרינדונג פונם „ערשטן אידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַריין", דאָס זעלבע, ווי מען האָט דעם ה' לאַפּין מיטגעטיילט.

דער פאָרשלאָג פון בראַצלאַווסקי ווערט נ י ש ט א ו י ף ג ע נ ו ־

מ ע ן, ווייל דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט, נעמיראָווסקי, וויל נישט פּי־גורירן אין דער מיטטיילונג.

אין אַקט זאָגט זיך, אַז אַסך מיטגלידער זיינען איבערציינגט, אַז אַזוי ווי לאַפּין האָט אויפגענומען מיט צופרידנהייט די גרינדונג פונם פאַריין, וועט די יקא־דירעקציע אויך אַזוי אויפנעמען די מיטטיילונג, דאָך בלייבט אָפן די פראַגע פאַר אַן אַנדער מאָל צו באַהאַנדלען.

אין די אויבענדערמאָנטע שורות שפּיגלט זיך אָפּ די מורא און אונ־טערטעניקייט פון די נידעריקערע יקא־באאַמטע צו די העכערע, אין יענער צייט, אפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזאַ אומשולדיקער זאַך, ווי די מיטטיילונג וועגן דער גרינדונג פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַריין...

אויף דער זעלבער גענעראַל פאַרזאַמלונג קומט אַן אויפפאָדערונג פון אַסך מיטגלידער, אַז דער קאָמיטעט זאָל טעלעגראַפירן לאַפּינען, אַז אַלע מיטגלידער האָבן אונטערגעשריבן די קאָנטראַקטן מיט דער יקא.

דער טייל אַקט פון יענער פאַרזאַמלונג לייענט זיך:

„נאכהער ווירד פאן פילע מיטגלידער דעם „פעריין" געפאדערט דאס דער קאמיטעט זאל מיט איינער טעלעגראמע מיטהיילן דען הערן לאפין, דאס אלע מיטגלידער פון פעריין, האבן אונטערגעשריבן די קאנטראקטען, וואס די י. ק. א. האט געמאכט מיט די קאלאניסטען; דיזער אופטראג איזט ערפילט געווארדען און די טעלעגראמע איז געשיקט געווארדען".

אויף דער טעלעגראַמע איז אונטערגעשריבן ה. ש. פריידענבערג.

אינם באַריכט פאַר דער גענעראַל פאַרזאַמלונג פון אַפּריל 1901 זעען מיר שוין, ווי עס פיגורירן פאַרשידענע געקויפטע אַרטיקלען ביי „גאַרבינאַ און פאַרמאַ" פון גוואַלעגואַיטשו. מען האָט שוין אויך גענומען 4 פּראָצענט הנחה.

מען האָט אויך געקויפט 11.000 תבואה־זעק פאַר די מיטגלידער.

דער פאַריין הויבט אָן אַרויסגעבן קליינע הלוואות די מיטגלידער, איינקויפן קאָסטשע אַרטיקלען און שרייבט אויס בלעטער.

ביי דער צווייטער יערלעכער גענעראַל פאַרזאַמלונג, וואָס קומט פאָר אין נאָוועמבער נום. 1, אין אויגוסט 1902, ווערט באַנייט די קאָמיסיאָן מיט



אינערלעכער אויסזען פון דער אָפּטיילונג פאַר אַרטיקלען פון ערשטן
געברויך אין דער קאָאָפּעראַטיווע. — אָנגעשטעלטע און טעכנישער
פּערזאָנאַל, מיט אַ רייע קאָלאָניסטישע קונים.

מ. א. בלעכער, אלס פרעזידענט און משה הורוויץ, וויצע, און אלס פראַ־סעקרעטאַר ווערט געוויילט בראַצלאַווסקי. וואַקאַנץ: ווײַנשטיין, הירש צענטנער און ש. י. הורוויץ. דער פּאַקטישער סעקרעטאַר ווערט בראַצלאַווסקי.

ס'ווערן אויך געענדערט די סטאַטוטן, אַזוי אַז יעדער מיטגליד האָט געדאַרפט אײַנצאָלן צו 10 פּעזעס פאַר אַ „לײַ־און־שפּאַר־קאַסע".

אין לויף פון יאָר האָט די פּראַקטישע טעטיקייט זיך קאָנצענטרירט אויף צו מאַכן געוויסע קליינע הלוואות די מיטגלידער. מיט זיכערע באַוואָרענישן. די באַוואָרענישן זײַנען באַשטאַנען פון סערטיפיקאַטן אויף סקאָט.

ביים אונטערקומען פון דער קאַסעטשע, צום צווייטן יאָר עקזיסטענץ פון פאַריין, שווימט ווידער אַרויף די פראַגע, ווי אַזוי מען זאָל האַנדלען אין באַצוג צום אײַנקויפן קאַסעטשע־אַרטיקלען.

ביי אַ קאָמיטעט־זיצונג ווערט באַשלאָסן צו בעטן דערלויבעניש ביי די מיטגלידער פון „לײַ און שפּאַר־קאַסע", צו באַנוצן דעם קאַפּיטאַל פון דערמאָנטן פאַנד פאַרן צוועק פון אײַנקויף.

פון דעם מאָמענט אָן, דאָס הייסט פון אָקטובער 1901, ווען דער אויבנדערמאָנטער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, איז דער „פאַריין" געוואָרן אַ פּערמאַנענטער פאַקטאָר אין דער פאַרמיטלונג פון אײַנקויף פאַר די מיטגלידער, באַזונדערס אין דער צייט פון קאַסעטשע.

בראַצלאַווסקי לייגט אויך פאָר: עס זאָל געדונגען ווערן אַ לאָקאַל פאַרן „פאַריין" און ער זאָל אין דער זעלבער צייט דינען אלס לייען־זאַל.

דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען און עס ווערן באַלד אויסגעשריבן פאָלגנדע צייטונגען: „דער יוד", „בלעטער פון ראַבינאָוויטש" און „אַר־בעטער צייטונג".

צו דער זעלבער צייט קומען פאָר סכסוכים צווישן קאָלאָניסטן־שכנים. און דער קאָמיטעט פון פאַריין גיט זיך אָפּ זיי צו רעגולירן. שפּע־טער ווערט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע אַרביטראַזש־קאָמיסיע, וואָס נעמט אויף די פאַרשידענע אָנקלאַגעס, און ס'ווערט אויך באַשטימט: אויסצו־שליסן די יעניקע מיטגלידער, וואָס וועלן נישט אויספאָלגן דעם פּסק פון דער קאָמיסיאָן.

דער פאַריין מאַכט ביי דער יקא די ערשטע הלואה, און ס׳שווימט אַרויף די פראַגע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן.

צום דריטן יאָר פון דער עקזיסטענץ פונם פאַריין, אין סעפּטעמבער 1903, פאַרמאָגט דער פאַריין 2.451 פּעזעס, וואָס ווערן צוזאַמענגעשטעלט פון די איינצאָלונגען אין דער „ליי און שפּאָר קאַסע" דורך די מיטגלידער, און 4.000 פּעזעס, אַלס הלואה ביי דער יקא. מיט דער דאָזיקער סומע פון 6.451 פּעזעס, ווערן געמאַכט קליינע הלואות די מיטגלידער און עס ווערט אויך מיטגעהאָלפן מיט זריעה צו די, וועלכע האָבן געליטן פון אַ שלעכטער גערעטעניש.

ביי אַ קאָמיטעט־זיצונג סוף סעפּטעמבער 1903, ווערט פאָרגעשלאָגן פון נעמיראָווסקין, אַז דער פאַריין זאָל אַרויס פון די ענגע גרעניצן פון מאַכן קליינע הלואות און ער זאָל אונטערנעמען צו מאַכן געוויסע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן.

נעמיראָווסקי לייגט פאָר אויסצולייען געוויסע סומען די קאָלאָניסטן, וואָס ווילן אָנפירן ביי זיך שאָף־צוכט. דער פאָרשלאָג ווערט געשטיצט פון: ש. י. הורוויץ, ראַפּף, שעוועליאָף, אָבער מיט אַ מערהייט פון שטימען ווערט דער פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן און דער פאַריין בלייבט ווידער ביי זיין באַגרעניצטער טעטיקייט אַלס אַ „ליי־און־שפּאָר־קאַסע", מיט דער אויסנאַם וואָס אין צייט פון ערב קאָסעטשע, האָט מען זיך אויך אָפּגעגעבן מיטן איינקויף פון פאָדעם, זעק און פּיעסעס.

אין אָקטובער 1903, איידער עס קומט פאָר די יערלעכע גענעראַל־פאַרזאַמלונג, פאַרופט נעמיראָווסקי ווידעראַמאָל אַ קאָמיטעט־זיצונג, און דערקלערט, אַז עס איז שוין צייט אַרויסצוגיין פון דעם באַגרעניצטן קרייז פון „גמילת חסד"־טעטיקייט א. ד. גל., באַשטייענדיק פעסט אויף זיינע פריערדיקע פאָרשלאָגן, אָפּצוגעבן זיך מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטער־נעמונגען, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן דעם נאָמען „ערשטער אידישער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער פאַריין".

ער פאָדערט אויף ס׳זאָלן צונויפגערופן ווערן אַלע דעלעגאַטן, כדי די פראַגע צו באַהאַנדלען.

(עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין יענע צייטן איז געווען איינ־

געפירט א „דעלעגאטן סיסטעם". יעדע גרופע האָט געהאט איר דעלעגאט, וואָס אין פאַל מען האָט נישט געקאָנט פאַררופן קיין גענעראַל פאַרזאַמלונג, זיינען די זאַכן באַשלאָסן געוואָרן אויף א פאַרזאַמלונג פון דעלעגאַטן).

ביי דער דערמאָנטער גענעראַל פאַרזאַמלונג, איז דער נעמיראָווסקי־פאָרשלאָג ווידער דורכגעפאַלן, אין אכט נעמענדיק די באַגרעניצטקייט פונם קאַפּיטאַל.

ס'איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז כאָטש נעמיראָווסקי איז באַ־שטאַנען אויף זיינעם, און אויסגענוצט זיין אויטאָריטעט אַלס אדמיניס־טראַטאָר, האָבן דאָך די קאָלאָניסטן געהאַנדלט זעלבסטשטענדיק און האָבן געשטימט קעגן.

פונם באַריכט פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע ווייזט זיך אויך ארויס דער נאַציאָנאַלער סענטימענט פון די קאָלאָניסטן. צו יענער צייט קומט פאַר דער קישעניאָווער פּאָגראָם און דער פאַריין באַשליסט מיטשטייערן מיט 300 פּעזעס.

די יקא גיט פאָרשוסן אויף קאָסעטשע. — פאָרשטייער פון „פאַריין" צו דער יקא־דירעקציע.

אין נאָוועמבער 1903 באַשליסט די יקא ארויסצוגעבן דעם קאָלאָניסט צו 4 פּעזעס אויף יעדן פּאַרזייטן העקטאַר, כדי ער זאָל קאָנען אראָפּנע־מען די קאָסעטשע און נישט עקספּלאָטירט ווערן פון דער קאָמערץ. אויף א זיצונג פון פאַריין, דעם 17־טן נאָוועמבער, ווערט אָנגענומען א באַשלוס בעטן דער יקא־דירעקציע זי זאָל פאַרגרעסערן די הלואה צום „פאַריין" פון 4000 אויף 5000, מאָטיווירנדיק אַז אסך קאָלאָניסטן דאַרפן האָבן שנייד־מאַשינען און קויפנדיק ביי די לאָקאַלע סוחרים קומט זיי אויס איבערצו־צאָלן צו 140 פּעזעס אויף א מאַשין.

ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזוי ווי די יקא־דירעקציע גיט ארויס די פאָרשוסן צו 4 פּעזעס אויף א העקטאַר, זאָלן די אַלע קאָסעטשע־אַרטיקלען געקויפט ווערן פאַר גרייט געלט און אויף א קאָלעקטיוון אופן.

אין פעברואַר 1904, ווען דער רעזולטאַט פון דער קאָסעטשע איז א שלעכטער, אַנטשטייט א באַוועגונג צווישן א סך קאָלאָניסטן איינצופירן שאָף־צוכט אין קליינעם מאסשטאַב. יעדער קאָלאָניסט איז גרייט מיט

איינגענע מיטלען איינקויפן שאָף, און זיי ווילן נאָר דער „פאַריין” זאָל זיי מיט קליינע סומעס מיטהעלפן. דער פאַריין באַטראַכט אויפסנײַ די פרי־ערדיקע באַשטימונג, נישט צו פאַרטון קיין געלט אויף שאָף־צוכט און באַשטימט אַ סומע פון 1000 פּעזעס פאַר דעם צוועק.

איבערן שלעכטן יאָר גייט די איינמאָנונג צו שלעכט און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די געמיינזאַמע איינמאָנונג פון די חובות ביי די קאָלאָניסטן צוזאַמען מיט דער יקא, גיט קיין רעזולטאַט נישט און עס ווערט באַשטימט אָנשטעלן אַן איינגענעם קאָבראַדאָר.

די קאַסעטשע פון 3־1904 איז געווען ערגער פון שלעכט: רעגנס, זייער נידעריקע פרייזן אויף ווייץ און ליאָן און שלעכטע קוואַליטעט פון פּראָדוקט, איבער די נאָכאַנאַנדיקע רעגנס.

די קאָלאָניע פאַלט אַריין אין אַן עקאָנאָמיש שווערער לאַגע. דערצו איז, אין יענעם יאָר, פאַרגעקומען די טראַנספאָרמאַציע פון 50 העקטאַר אויף 150 העקטאַר. און אַ סך קאָלאָניסטן האָבן זיך באַדאַרפט איבער־קלייבן אויף די נייע פעלדער, וואו זיי האָבן זיך פונדאָסנײַ באַדאַרפט איינאָרדנען. ס'איז אויך געווען אין די יאָרן נאָך די רוסישע פּאָגראָמען און אַסך פאַמיליעס, פריינט פון די קאָלאָניסטן, זיינען אַריבערגעקומען קיין אַרגענטינע און די קאָלאָניסטן האָבן זיי באַדאַרפט אויסהאַלטן. די קאָ־לאָניסטן, וואָס זיינען פאַרבליבן אויף זייערע ערטער, האָבן אויך באַ־דאַרפט געלט־מיטלען צו רעפאָרמירן זייער באַלעבאַטישקייט, פון די פרי־ערדיקע 50 העקטאַר אויף 150 העקטאַר. דאָס האָט געפאָדערט מער אַלאַמבראַדאָס אויף די פעלדער, וועלכע זיינען איינגעקויפט געוואָרן אויף קרעדיט.

זריעה צום פאַרזייען די קומענדיקע קאַסעטשע איז אויך ביים גרעסטן טייל פון די קאָלאָניסטן נישט געווען.

דאָס אַלץ האָט פאַראורזאַכט אַ פּאַניק אין דער קאָלאָניע, ווערנדיק פאַררופן אַן אויסעראָרדענטלעכע גענעראַל פאַרזאַמלונג, אין אַפּריל 1904, וועלכע האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן:

1) אַזוי ווי די רעזולטאַטן פון דער קאַסעטשע זיינען זייער טרויערי־קע און די קאָלאָניסטן זיינען געבליבן אָן זריעה.

2) אזוי ווי פיל קאָלאָניסטן האָבן נישט געקענט דערפילן מיט זייערע פארפליכטונגען לגבי דער יקא.

3) אזוי ווי די אַלע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך איבערגעקליבן אויף זייערע נייע פעלדער און פונדאָסניי זיך איינגעאָרדנט, קענען זיי נישט צאָלן דער יקא.

4) אזוי ווי פיל קאָלאָניסטן האָבן געמאַכט אַלאַמבראַדאָס און קענען אויך נישט צאָלן דער יקא.

5) אזוי ווי פיל פריינט פון די קאָלאָניסטן זיינען געקומען און בעטן מען זאָל זיי פארדינגען לאַנד, זיי זאָלן האָבן ביי וואָס צו ארבעטן. — באַשטימט די גענעראַל פארזאַמלונג צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין בוענאָס איירעס, זי זאָל זיך זען מיט דער יקא־דירעקציע, בכדי געמיינזאַם צו באַטראַכטן די פראַגן און געפינען אַ לייזונג צו זיי.

אַלס דעלעגאַציע זענען אויסגעוויילט געוואָרן די הערן הירש צענטנער און א. וויסאָקאָווסקי.

דעם 18־טן מאַי 1904, ווערט פאַררופן אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די געשיקטע דעלעגאַציע אונטערצוהאַנדלען מיט דער יקא־דירעקציע גיט אָפּ איר באַריכט, און מיר לייענען איגם אַקט:

"די דעליגירטע זייגען עמפאנגען געווארען פון די הערען דירעקטאָרען 3 מאל, און האבען מיט פערגעניגענד אונד גענוי ווי אוך געדולדיג אויסגיעהרט זייערע פארשלאגען, זייערע ביטעס אונד אומענדערונגען אין די פאדערונגען פון אייבצאלען שולדען פאן די קאלאניסטען.

„די רעזולטאטען וואהרען דאנק די פארטרויאונג צו אונזער „פעריין" מיט גוטען ערפאלג. אונד נעמליך: 1) פון א געוויסער צאל קאלאניסטען איזט אינגאנצען אראפגענומען געווארען די צאלונג. פון פילע האָט מען ביז האלב פארקלענערט.

„2) די דירעקציאן האט פארגרעסערט די הלואה אוף סעמיללע פון 4000 אויף 6000 פעזאס און מיט דעם באדינג דאט דער קאמיטעט האָט דאס רעכט צו לייהען אלע אן אונטערשייד מיטגלידער, נור אויסער די וועלכע האבען נים באצאלט זייער שולדען דער י. ק. א. לויט אפמאך.

„3). די קאלאניסטען צו וועמען עס זיינען געקומען פריינד וועלען קאָנען דינגען לאנד פאר זיי.

„אלע מיטגלידער האבן אוסגעשפראכען זייער צופרידענהייט וועגן דעם רעזולטאט, וואס די דעלעגאטען האבן געבראכט".

נעמיראָווסקי זאָגט זיך אָפּ פון זיין פּאָסטן אַלס אַדמיניסטראַטאָר און פּאַרט אָפּ קיין איירָאָפּע. — דער „פאריין" ווערט דער פּאַק־טישער פאַרמיטלער צווישן די קאָלאָניסטן און יקא־דירעקציע.

נעמיראָווסקי, וואָס זינט 1897 פארנעמט ער דעם פּאָסטן פון יקא־אדמיניסטראַטאָר אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל, און וועלכער, דערפילנדיק מיט זיין חוב אַלס יקא־באאמטער, איז ער אָבער אויך נישט גלייכגילטיק צו די אינטערעסן פון די קאָלאָניסטן, קומט אים אויס צו פירן אַ דאָפּלטן קאַמף: פון איין זייט דערפילן מיט זיין פליכט, אַלס באאמטער, און פון דער צווייטער זייט פאַרהיטן די אינטערעסן פון דער קאָלאָניע.

דאָס האָט זיך אים אָבער נישט שטענדיק איינגעגעבן, און ווייזט אויס, אַז ער האָט זייער אָפּט פאַרציכטעט אויף די אינטערעסן פון דער יקא, איידער צו מאַכן ליידן די קאָלאָניסטן.

אין ווינטער פון 1904, האָט נעמיראָווסקי באַשלאָסן צוריקציען זיך פון זיין פּאָסטן.

מען דאַרף זיך משער זיין, אַז נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו באַקומען פאָרוואורפן פון די העכערע יקא־באאמטע, אַז ער פאַרנאַכ־לעסיקט זיינע פליכטן צו דער יקא.

אין יוני 1904 דערוויסן זיך די מיטגלידער פון „פאריין" (און דאָס מיינט אַלע קאָלאָניסטן) פון דעם באַשלוס וועגן נעמיראָווסקיס אָפּפאָרן.

אויפן 13־טן יוני ווערט פאַררופן אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג פון אַלע קאָלאָניסטן, אויף וועלכער נעמיראָווסקי דאַרף נעמען אָפּשייד פון דער קאָלאָניע.

ס'איז זיך לייכט פאַרצושטעלן, אַז די קאָלאָניסטן האָבן זיך דערפילט דערדריקט פון אָט דער — עפּעס ווי אַ בליץ אין מיטן העלן טאָג — ידיעה, ווייל נעמיראָווסקי איז געווען נישט נאָר דער גרינדער פון „פאריין", נאָר זיין שטענדיקער גייסט. די גאַנצע 4 יאָר עקזיסטענץ פונם פאַראיין ביז זיין אָפּפאָרן.

די מיטגלידער האָבן זיך נישט געקאָנט אויסמאָלן דעם „פאריין" אָן

נעמיראָווסקין, און דערפאַר, איז דער געזעגענונגס-אַקט, וועלכען מיר האלטן פאַר נויטיק עס זאָל פאַרצייכנט ווערן אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל אלס אַן עמאָפּ אינם לעבן פון פאַריין, — אינטערע־סאַנט אַן און פאַר זיך, ווייל ער אילוסטרירט, וויפיל די קאָלאָניזאַציע גע־ווינט, ווען עס איז פאַראַן קעגנזייטיקער צוטרוי און ליבע, צווישן די פאַרוואַלטער פון דער יקא און אירע קאָלאָניסטן.

דער אַקט פון דער גענעראַל פאַרזאַמלונג, פון 13־טן יוני 1904, וואָס באַציט זיך צו דער געזעגנונג מיט נעמיראָווסקין, לייענט זיך אַזוי:

„אלע מיטגלידער פון פעריין און קאלאניסטען פון די זייטיגע קאלא־ניעס זיינען געקומען באוואהנען די גענ. פארז., וואס האט געהאט דעם איינעם צוועק: צו ערפילען מיט דער ווונש פונם סעקרעטאר פון „פעריין", נעמי־ראווסקי, ער זאל זיך קאנען זעגענען מיט די מיטגלידער איידער ער פארט אפף, און די מיטגלידער זיינען געקומען אלע צו זעגענען זיך מיטן שעפער און גרינדער פון פעריין".

נאָכדעם, ווי ס'ווערט געשילדערט אין אַקט, ווי ענג ס'איז געווען, בעת דער געזעגנונג איבערן גרויסן עולם, און ווי ס'האָט זיך געפילט אַ מין פאַרצווייפלונג ביי די מיטגלידער, ווייל מען פאַרלירט אַ וויכטיקן מיט־בויער אין נעזעלשאַפטלעכע בנינים — ווערט איבערגעגעבן נעמיראָווסקיס רעדע, פון וועלכער דאָ ווערט געבראַכט אייניקע אויסצוגן:

„ווער עס האט רעכענונגען מיט מיר פריוואט, אדער אלס סעקרעטאר פון „פעריין" זאל ער, איידער איך פאר אפף, קומען מאכען די נויטיגע אויפ־קלערונגען, און צורעכענען זיך".

איידער נעמיראָווסקי האלט זיין רעדע, מאַכט ער פאָלגנדיקן אַפּיעל צו די קאָאָלניסטן:

ער לייגט פאָר אויך אויסצעוויילן אַ פּרעזידענט און וויצע, ווייל דער פּרעזידענט און וויצע, מ. א. בלעכער און משה הורוויץ, וואָס האָבן אַק־טואירט ביז דעמאָלט אין „פאַריין" האָבן זיך אָפּגעזאָגט. זיין פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען.

און ער גייט איבער זעגענען זיך מיט די מיטגלידער:

„היינט — זאגט נעמיראווסקי — ווערט 7 יאָר זייט איך האב באַ־

טראַטען מיין פּאָסטען ביי דער י. ק. א. זאל זיין גיבענשט יענער טאג. ווייל מיין ווונש מיין שטרעבונג צו דינען מיינע אַרימע געדריקטע ברידער איזט ערפילט געוואָרען.

„נאָך אין מיינע יונגע יאָרען, ווען איך האָב געשטודירט און דער צייט פון אידישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, שוין יענער צייט, ווען די אי־דישע אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען, נאָך דאַן האָב איך באַשלאָסען צו באַגלייטען מיינע ברידער, אונד גראַד צו יענער צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען די קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג פון באַראָן הירש.

„איך בין געוועזן דאַן אָנגעשטעלטער אויף די גיטער פון באַראָן גינז־בורג, אונד אין טאַלנע האָט זיך פאָרמירט אַ גרופּע אימיגראַנטען איבערצופאָ־רען קיין אַרגענטינאַ אונד האָט מיר בעאויפטראַגט צו זיין איר פאָרשטעהער, איך האָב דעם פאָרשלאַג אָנגענומען, אונד האָב וועגן דעם גימעלדעט דעם באַ־ראָן גינזבורג, ער זאָל מיר רעקאָמענדירען צום באַראָן הירש, אַט ווי איר זעהט בין איך 7 יאָר געוועזן צוזאַמען מיט אייך אין מיין פאַראַנטוואָרטליכען דינסט אַלס אַדמיניסטראַטאָר פון דער י. ק. א., וועלכע איך האָב געהן ערפילט נאָך מיינע קרעפטען.

„איך האָב אָבער אויך ניכט פאַרגעסען צו ערפילען מיט מיין פליכט צו צוהערען זיך צו דער שטיממע פון די פאָלקס־מאַסען, וואָס איז די שטיממע פון גאָט, און האָב זיי געהאָלפען פאַרטיידיגען — לויט מיינע קרעפטען — זייערע אינטערעסען, וועלכע זיינען געוועזן ביי מיר טייערער ווי מיינע אייגענע.

„דעם „פעריין", וועלכען איך האָב געגרינדעט צו אייער גונסטען ווי איר זעהט, גייט אריין אין אַ פאַזע ווי ער ווערט דער פאַרמיטלער צווישען אייערע אינטערעסען אין די אינטערעסען פון דער י. ק. א. איצט ווען איך פאַרלאַז מיין פּאָסטען, אונד שייד זיך פון מיין אַקטיווע מיטווירקונג אין „פעריין" בלייבט פאַר אייך צו שטיצען מיט אַלע מיטלען אַט די אינ־סטיטוציע פון פרידן צווישען אייך און די אַדמיניסטראַציע, איך ראָט אייך יעדער זאַך דורכצופירען דורכ'ן קאָמיטעט אָן קריג און רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונגען, נאָר מיט ראַזאָן און דורך פריידליכע איינפאַרשטענדניש וועט איר אַלס דורכפירען מיט דער גיזעללשאַפט י. ק. א., וועלכע זוכט און ווונשט אייער וואָהלזיין".

דער רעדנער דערקלערט ווייטער, אַז זיין באַציהונג צו די קאָלאָניסטן זיינען געוועזן אינסטינקטיוו, נישט קיין געקינצלטע א. א. וו. עס וואָלט אונז אָבער פאַרפירט צו ווייט צו ציטירן דאָ די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען „פונם גרינדער און פאַקטישן פירער פונם ערשטן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַר־

ריין" — די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע און די אידישע יקא־קאָלאָניעס און אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס.

ביי דער ערשטער קאָמיטעט־זיצונג פון „פּאריין" אונטער דער פּרעזי־דענץ פון הירש צענטנער און סעקרעטאַר א. בראַצלאַווסקי, ווערן צווישן אַנדערע באַשלוסן אָנגענומען פאָלגנדיקע:

1) די ביבליאָטעק פון „פּאריין" זאָל טראָגן דעם נאָמען ל. נעמי־ראָווסקי.

2) בעטן ה׳ נעמיראָווסקין, ער זאָל שיינקען זיינס אַ בילד, וואָס זאָל אויפגעהאַנגען ווערן אין לאָקאַל פון „פּאריין" צו זיין אָנדענק.

3) אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם אין וואָס פאַר אַ פאָרם איינצואָרדנען אַן אָפּשייד אין דעם טאָג פון נעמיראָווסקיס אָפּפאָרן.

4) איינשרייבן נעמיראָווסקין אין גאָלדענעם בוך פון נאַציאָנאַל פאָנד.

באַלד נאָך דער גענעראַל פאַרזאַמלונג קומט פאַר אַ קאָמיטעט־זיצונג פון „פּאריין" און מע באַשטימט פאַרלייגן דער יקא, אַז דאָס פּאַרדינגען יקא־הייזער אין שטעטל באַסאַווילבאַסאָ, זאָל איבערגיין צום „פּאריין", וועלכער זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט אַלע אַנדערע אָנגעלעגנהייטן אין דער פאַרמיטלונג צווישן דער יקא און די קאָלאָניסטן, וואָס וועט, איינציי־טיק, קענען אריינברענגען געוויסע בענעפיטן דער פּאריינס־קאַסע.

אויך גייט איבער דער יקא־נאָלפאָן פאַר תבואה אין אַרענדאַמענט צום „פּאריין".

אינטערעסאַנט איז, ווען אויף אַ זיצונג פון „פּאריין" ווערט אָנגענו־מען, אַז דער ע. קאָמיטעט זאָל זיך פאָטאָגראַפירן צוזאַמען מיט נעמי־ראָווסקין, אלס אָנדענק, ווערנדיק באַשטימט, אַז דער פּאריין זאָל באַשטייערן נאָר מיט 10 פּ. און דאָס איבעריקע זאָלן די מיטגלידער פון קאָמיטעט אַליין באַצאָלן.

מיטן אָפּפאָרן פון נעמיראָווסקין, דעם 26־טן יוני 1904, גייט אריין דער פּאריין אין אַ נייער פאַזע פון טעטיקייט. אנשטאָט וואָס בשעת דער יקא־אדמיניסטראַטאָר איז געווען סעקרעטאַר, האָט די יקא־דירעקציע זיך פאַרהאַלטן פאַסיוו, ווערט דער פאריין, נאָך נעמיראָווסקיס אָפּפאָרן, דער

פאַקטישער אָרגאַן, מיט וועלכן די יקאַ־דירעקציע רעכנט זיך ביי אַלע אירע באַציהונגען מיט די קאַלאָניסטן.

דער „פאַריין״ ווערט שפּעטער, אין דער פולער מאָס, דער פאַרמיט־לער אין אַלע אינטערעסן פון דער קאַלאָניע.

אַזוי צ. ב. ווערן אויפגעפאָדערט די מיטגלידער, זיי זאָלן קומען אין דער סעקרעטאַריע זיך פאַרצייכנען מעל אויפן יאָר און זאָלן ברענגען סערטיפיקאַטן אַלס גאַראַנטיע.

עס ווערט געמאַכט אַ ליסטע פון ביכער פאַר דער ביבליאָטעק.

עס ווערט באַשטימט אויפקויפן סקאָט, וואָס די יקא האָט נויטיק פאַר די נייע קאַלאָניסטן.

עס ווערט רעגולירט אַ רעקלאַמע פון סאַפּאַזניק־פּיטמאַן וועגן 3 העק־טאַר ערד און די אַדמיניסטראַציע באַוויליקט צו גונסטן די זעלבע.

עס ווערט באַשלאָסן בעטן ביי דער יקא, אַז די געביידעס פאַר אַ קוזניע און יאַטקע זאָלן באַלד אויסגעבויט ווערן אין באַסאַווילבאַסאָ.

ס׳ווערט דיסקוטירט דער פאָרשלאַג פון דער יקא־אַדמיניסטראַציע, מען זאָל אָנווייזן מיט וואָס פאַר אַ מיטלען וואָלט די לאַגע געקענט אויס־געבעסערט ווערן.

ס׳ווערט מיטגעטיילט, אַז עס זיינען אָנגעקומען נייע גרופּעס אימי־גראַנטן־קאַלאָניסטן און דער „פאַריין״ האָט פאַר זיי צוגעגרייט הייזער וואו זיי זאָלן איבערזיין, ביז זיי וועלן ארויף צו זיך אויפן פעלד.

ס׳איז פאַר זיי, דורכן פאַריין, פאַרגרייט געוואָרן גאַליעטן, פלייש, ליכט, שוועבעלעך, און אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס זיינען נויטיק פאַר די ערשטע טעג. אין דער זעלבער צייט, וואָס דער קאָמיטעט האָט צו פאַר־האַנדלען ערנסטערע אינטערעסן פון דער קאַלאָניע, ארבעט אויך די אַר־ביטראַזש - קאָמיסיע. דאָרט זעען מיר: אַ סכסוך וועגן אַ ספר תורה, וועגן אַלאַמבראַדאָס, א. א. וו.

דער פאַריין ווידמעט זיך ערנסט דעם פאָרשלאַג פון דער יקא צו באַ־טראַכטן די לאַגע פון די קאַלאָניסטן, צושיקנדיק אים צו אַלע דעלעגאַטן פון קאָלאָניעס און גרופּעס, וואו יעדער קאַלאָניסט זאָל זיך וועגן דעם ארויסזאָגן.

פאַלגנדיקע ענטפערס האָבן זיך דערהאַלטן: שעוועליאָף, אין נאָמען פון נאָוועבוג 2: יעדער קאָלאָניסט זאָל באַקומען 200 העקטאַר לאַנד; די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל 20: סקאָט און 200 העקטאַר לאַנד. לוסיענוויל 18: סקאָט און 250 העקטאַר לאַנד.

דער פאַריין באַשליסט אויף זיין קאָמיטעט־זיצונג פון 5־טן סעפּ־טעמבער 1904, פאָרצולייגן דער יקא, אַז אויסער די 150 העקטאַר, וואָס ווערט יעדן קאָלאָניסט געגעבן, זאָל אים פאַרדונגען ווערן נאָך אַ צאָל העקטאַר לאַנד (עס ווערט נישט אָנגעוויזן קיין צאָל) און ס'זאָל געגעבן ווערן אַ הלוואה פון 1000 פּ. פאַר יעדן קאָלאָניסט, מיט דער גאַרנטיע פונם פאַר־ריין, אויף אויסצוצאָלן אין 4 יאָר.

די איבעריקע שולדן דער יקא זאָלן אויסגעצאָלט ווערן אין 25 יאָר, וואָס מאַכט אויס צו 3 פּ. פון העקטאַר.

וואָס שייך דעם ענטפער פונם פאַריין צו דער יקא־דירעקציע וועגן בעסערן די סיטואַציע אין דער קאָלאָניע, און וועגן די צאָלונגען, זיינען אינטערעסאַנט צוויי בריוו פון נעמיראָווסקין, וואָס קומען פון אייראָפּע, נאָך זיין אָפּפאָרן פון אַרגענטינע — צום קאָלאָניסט הירש צענטנער.

ס'זאָגט זיך דאָרט, אַז קומענדיק קיין פּאַריז האָט ער קיינעם נישט געטראָפן, נישט לעווענען, נישט צדק כהן, און נישט זאָנענפעלד'ן. ער האָט געוואַרט אַ וואָך אין פּאַריז, און ער האָט באַקומען אַ בריוו, אַז באַראָן דוד גינזבורג קומט, און אַז מיט אייניקע טעג שפּעטער וועט אויך קומען פיינבערג.

ווייטער שרייבט ער, אַז ער דאַרף נישט זאָגן דאָס די ערשטע פראַגע פון באַראָן גינזבורג איז געווען, וואָס מאַכן אונזערע קאָלאָניסטן אין אַר־גענטינע און ער האָט פון אים געפאָדערט ער זאָל אים אַ ד אָ ק ל אַ ד צושטעלן איבער די הויפּט־פראַגן, וואָס באַשעפטיקן די קאָלאָניסטן, — נעכ־לעך איבער די פראַגן פון צאָלן.

ווייטער: ווען פיינבערג וועט קומען וועט ער אים איבערגעבן דעם ד אָ ק ל אַ ד, וועלכער וועט זיין געשריבן אין פראַנצויזיש, און פיינבערג וועט דאָס אונטערהאַנדלען מיט דער יקא אין פּאַריז.

ער שרייבט אין בריוו, אַז דער „דאָקלאַד אַנטהאַלט אַלעס וואָס איז

נויטיק". און: „קיין איינציקער קאָלאָניסט, פון בלעכערן ביז ברענער אָדער משה פיטמאַן וואָלטן גאָרנישט האָבן צוצוגעבן צו דעם".

ווייטער גייען די פונקטן, וואָס דער דאָקלאַד אנטהאלט:

1) איין פינפטל פון דער קאָסטעטשע פאַר דער געזעלשאַפט.

2) דרעשען און זעק אויפן רעכנונג פון דער געזעלשאַפט.

3) יעדער קאָלאָניסט דאַרף זייען נישט ווייניקער ווי 35 העקטאַר.

4) דער, וואָס וועט זייען ווייניקער ווי 35 העקטאַר, דאַרף יעדנפאַלס באַשטימען 7 העקטאַר פאַר דער געזעלשאַפט.

5) יעדער קען פאַר דעם דרעשען אין געלט באַצאָלן זיין פינפטל, ווייניקער די ראַסכאָדן. אַלס באַזע צו באַרעכענען דאָס פינפטל, דאַרפן דינען די רעזולטאַטן פונם דרעשען ביי די ערשטע דריי קאָלאָניסטן.

6) יעדער איז פריי די באַדינגונגען אָנצונעמען, אָדער נישט. דער, וואָס וועט עס נישט אָננעמען, וועט האָבן צו צאָלן לויט די באַשטימונגען פון דער דירעקציע.

ווייטער שרייבט ער: דאָס איז מיין פאָרשלאַג — אָבער איך גיב צו אויסדריקלעך אינם דאָקלאַד: „די באַדינגונגען דאַרפן אויסגעאַרבעט ווערן פונם אדמיניסטראַטאָר מיט פאָרשטייער פון די קאָלאָניסטן".

איך ווייס — שרייבט ער ווייטער, — אז אייניקע קאָלאָניסטן זיינען געווען מיט דער מיינונג, מען זאָל צאָלן פון העקטאַר, אָבער איך האָב פון דעם אַפילו נישט דערמאָנט, צוליב פאָלגנדיקע מאָטיוון :

1) די דיפערענץ, וואָס פאַרשידענע קאָלאָניסטן זייען, איז נישט זייער גרויס, אזוי, אז אַלע וועלן האָבן גלייכע סומען צו צאָלן, אַפילו ווען איינער וועט האָבן אַ גוטע קאָסטעטשע.

2) ווען עס זאָל געצאָלט ווערן פון העקטאַר, וועט אויסקומען, אז אַלע וועלן צאָלן גלייכע סומעס און שטענדיק די זעלבע און דאָס הייסט ענדערן דעם קאָנטראַקט, ווייל דער קאָנטראַקט זאָגט צו באַצאָלן אין 20 יאָר און צאָלן פון העקטאַר קען אויסקומען צו באַצאָלן אין 30 יאָר אָדער נאָך מער; בעת, ווען אַ טייל פון דער קאָסטעטשע, ווען ס'קומט אַ גוט יאָר, קען מען עס באַצאָלן פריער.

אין אַ צווייטן בריוו פון אָרעס, דעם 13־טן נאָוועמבער פון 1904,

שרייבט נעמיראָווסקי צום זעלבן קאָלאָניסט, אין שייכות מיט זיין אָפּ־פּאָרן פון אַרגענטינע:

„עס איסט מיר צו שווער געוועזען צו זיין אָבּהענגיג פאָן מענשען, וועלכע פערשטעהען זאָ וועניג, אונד זיין א איספּאלניטיעל פאן פאָסטאַנאוו־ליעניעס, וועלכע זינד געוועזען געגען מיינעם פערשטאנד אונד סאוויעסט״.

ווייטער שרייבט ער:

„עס פרויעט מיך וואס איהר ווירד דיעזעס יאַר צאַהלען פאָן העקטאר, עס איסט פור מיך עינע פערזאנליכע בעפריעדיגונג. ווי עס שיינט האבען מיינע בריעף געווירקט מאַן זאל זיך מעהר ניט דינגען מיט אייך.

„ווי עס דארף אייך בעקאנט זיין, בין איך צוואַר ניט דער מיינונג דאָס מיין זאָל צאלען פאָם העקטאר, אבער יעדענפאלס עס איסט שוין בעססער אַלס פריהער ווען אפילו נאר אוף איין יאַר״.

ער שרייבט ווייטער אין דער זעלבער בריוו:

״אויסער דעם „דאקלאד״, וואס איך האב פור הערן פיינבערג געשריבען, האט פאן מיר ד״ר זאנענפעלד פארלאנגט אוך זאל אים א „דאקלאד״ צושטעלען. איך האב דאס געטאן.

„דאָס וואס מען ווארפט אראפ פאָן אייך א טייל פאָן די שולדען איז דאס וויכטיגסטע: —

„איך האב דערפאר געדאנקט דעם ה׳ וועגעציאני׳ן... עס מאכט ניכטס: פאָן אַ איבעריגען פאקלאן — זאגט מיין, טיט דער קאָפּף ניט וועה, אונד פאָן אַן איבעריגען דאַנק טוט אייך דאָס מויל ניכט וועה. ווען עס וועט אָבער אמאָל ביי אייך דער ד״ר זאנענפעלד זיין זאללט איר ניט פאַרגעסען אים צו דאנקען, אין דיזער פאל וועט איר בעסער טרעפען...״

דאָס איז אַן עפּיזאָד, וואָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, נישט נאָר אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, נאָר אלס פאַקט פאַר אַלע אַלטע יקא־קאָלאָניעס.

וועגן די 1000 פּעזעס, וואָס דער „פאריין״ האָט פאָרגעשלאָגן די יקא זאָל אויסלייען יעדן קאָלאָניסט, שרייבט נעמיראָווסקי אין זעלבן בריוו:

„דאס וואס מען האט אייך אבגעזאגט אין דעם קרעדיט פאָן 1000 פּ. האָט עס אייך, ווארשיינליך, ניט געוווּנדערט. אין קלארא אונד לוסיענוויל זענען פראן 500 קאלאניסטן. יעדען צו 1000 פּ. איז אַ מיליאָן פראנק. אונד

קאָלאָניע לוסיענוויל

דאס איז צופיל, דער סאָוויעט וועט ניעמאלס אזא סוממע באוויליגען.

„מיין מיינונג דארום איז איר זאלט ביטען א קרעדיט פאָן א 15 ביז 20 טויזנט ב. פאר עין קאלאניע. אונד שפעטער זאל א צווייטע קאלאניע ביטען א קרעדיט. איך מיין, אַז דאָס זאל די קאָלאָניע זעלבסט ביטען".

ווייטער איז ער מיט דער מיינונג מען זאָל פאָרלעגן, אַז אָט די קרעדיטן זאָל מען נישט צורעכענען צו די „אָבשטשע שולדן" און ער גיט צו מערקן, אַז „ווען איין קאָלאָניע צאָלט נישט די שולדן איז נישט דאָס זעלבע, וואָס ווען אַלע קאָלאָניסטן צאָלן נישט", און דערפאַר זאָלן נישט אַלע קאָלאָניסטן פון ענטרע ריאָס בעטן אַן איינהייטלעכע אויסלייע צו 1000 פּ. פאַר אַ קאָלאָניסט.

אָט די ארויסגעזאָגטע מיינונגען, פון נעמיראָווסקין אין זיינע בריוו צו הירש צענטנער, און די פאַרהאַנדלונגען מיט דער יקא דורכן „פאַריין" איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט, נישט נאָר פאַר דער קאָלאָניע לוסיענוויל. אין אַ געוויסער מאָס שפיגלט זיך עס איצט אָפּ אין די קאָלאָניעס נאָרסים לעווען און אין אַנדערע, וואו די לאַגע איז נישט זיכער.

די שווערע סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך דער קאָמעטשע פון 1904, נאָרמאַליזירט זיך. — דער „פאַריין" און זיין טעטיקייט.

צום באַלאַנס פון 1905 זעען מיר שוין, ווי דער „פאַריין" מאַכט אַן אומזאַץ פון 62.000 פּעזעס. דער אייגענער קאַפּיטאַל באַשטייט פון 6000 פּעזעס און אַ פּערמאַנענטן קרעדיט ביי דער יקא פון 10.000 פּעזעס.

אין מערץ 1906 ווערט באַשטימט 1000 פּעזעס פאַר אויפקויף פון זריעה, חוץ געוויינלעכע הלואות פון דער „לייַ־און־שפּאָר־קאַסע".

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון 22־טן אויגוסט 1906 ווערט באַטראַכט די פראַגע וואָס צו טון מיט דער „קרעמעריאַ" פון לוסיענוויל־עסקריניאַ. וועלכע שטייט אונטער דער אויפזיכט פון פאַריין, ווען ביי יענע קאָלאָניסטן זיינען פאַראַן ווינציק מילך־קי.

עס ווערט אויך מיטגעטיילט, אַז דער פאַרזוך צו זייען „סאָרגאָ־פּאַשע" האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן, באַזונדערס זומער, ווען די פּאַשעס ווערן טרוקן, דאַך זאָגן זיך אייניקע ארויס, אַז אַ מער לוינענדיקע געזייטע פּאַשע איז האָבער.

ס'ווערט באַטראַכט די פראַגע וועגן אַ דאָקטאָר פאַר דער קאָלאָניע

לוסיענוויל, וואס איז ביז דעמאלט אויסגעקומען מיט א פעלדשער און מ'איז געווען מיטגלידער פון שפיטאל „קלארא", אין דאמינגעז.

די פארזאמלונג זאגט זיך ארויס פאר אן אייגענעם דאקטאר (זע קאַפּיטל סאניטאר־וועזן).

ווען גאנג פון דער ביבליאטעק, וואס שטייט אונטער דער אויפזיכט פונם פאריין, ווערט באריכטעט, אז ס'זיינען פאראן מער פון 100 לייענער, ווערנדיק באשטימט צו פארגרעסערן די צאל ביכער.

ס'ווערט אויך באשלאסן צו מארקירן די אלע סקאטן, וואס שטעלן מיט זיך פאר א גאראנטיע פאר די חובות פון „פאריין".

לסוף ווערט אויך באהאנדלט די פראגע ווי אזוי צו פארוואלטן די טשאקרע פון די יתומים לעוויט, און א רייע אנדערע פראגן פון קלענערער באדייטונג.

מיט דער פארזאמלונג פון 22־טן אויגוסט 1906, ווערט אפגעשלאסן א קאפיטל אין דער געשיכטע פונם „פאריין".

אין יענעם יאר ווערט באקומען „פערסאנעריא כורידיקא" פארן „פאריין", אונטערן נאמען: ''Sociedad Agrícola Israelita''
און עס ווערט איינגעפירט רובריקירטע ביכער. דער אקטן־בוך ווערט אנגעפירט אין דער לאנדעס־שפראך און די „סאסיעדאד אגריקאלא" ווערט פולשטענדיק אפהענגיק אין אירע אקטן.

(ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז נעמירוואסקי דערמאנט אין זיינע בריוו פון איינפע איינצופירן א ריכטיקע בוכפירונג).

דער „פאריין" מיט „פערסאנעריא כורידיקא" אונטערן נאמען „סאסיעדאד אגריקאלא איסראעליטא" אין 1906. — די קאלאניסטן הויבן אן פארזייען גרעסערע שטחים לאנד. — די קרעדיטן צו דער קאאפעראטיווע מצד דער יקא פארגרעסערן זיך און די חובות ביי דער מיטגלידערשאפט ווערן אויך גרעסער, ביז ס'דערפירט צו א פאראליזירונג אין דער טעטיקייט פון „פאריין" אין 1912־13.

פון 1906 ביז 1908, אין וועלכן פעריאד ס'איז פרעזידענט ה' פ. זוסמאן און סעקרעטאר ש. י. הורוויץ, דערגרייכט דער קרעדיט, וואס דער „סאסיעדאד אגריקאלא" ווערט אויסגעליען פון דער יקא צו 100.000 פ.

ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, נעמט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" ארום אַלע צווייגן פון די קאָלאָניסטישע באדערפענישן, פונם אויסלייען זריעות און איינקויפן מעל, ביז אַלע פאַרשידענע אַגריקולטור־מאַשינען, וואָס דער קאָלאָניסט האָט נויטיק, ווי אויך דער איינקויף פון זעק, פאַר־דעם, בוימעל, צו דער קאָסטשע. דער קרעדיט פון „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" און די קאָמערץ־הייזער ווערט פאַרפעסטיקט און אויסגעברייטערט און די יקא גיט איר פינאַנציעלע הילף דעם קאָלאָניסט אין די קריטישע פּע־ריאָדן, דורך דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" און אויף איר פאַראַנטוואָרט־לעכקייט.

א געוויסער טייל הינטערשטעליקע קאָלאָניסטן, די עקזיסטענץ פון וועלכע די יקא האָט געוואָלט העלפן זיכערן מיט הלוואות, האָט זי דאָס פאַרגעלייגט צו טון דורך דער „ס. אַגריקאָלאַ" מיט דער פאַרזיכערונג, אַז די קאָאָפּעראַטיווע וועט פון דעם נישט ליידן.

די דאָזיקע ספּעציעלע הלוואות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, שטענדיק באַגלייט מיט אַ ליסטע, וועמען עס זאָל פאַרטיילט ווערן דער קרעדיט און וויפיל יעדן, האָבן צולעצט דערגרייכט צו 60.000 פּעזעס. אויסער די דירעקטע קרעדיטן צו דער קאָאָפּעראַטי־ווע, וועלכע האָט זיי אויסגענוצט פאַר איר טעטיקייט צווישן די מיטגלי־דער.

אין יאָהר 9־1908, אונטער דער פּרעזידענץ פון קעסעלמאַן און סעקרעטאַר ירושלמי, דערגרייכן די חובות צו דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" מצד די מיטגלידער צו 110.000 פּעזעס. אין יאָר 1909 קומט אַן אויס־סערגעוויינלעך גוט יאָר. די קאָלאָניע הויבט זיך אַרויס פון אירע חובות און אונטער דער פּרעזידענץ פון ה. צענטנער און סעקרעטאַר ל. רעזניצקי, רעדוצירט זי די חובות צו דער קאָאָפּעראַטיווע אויף 30 פּראָצענט.

אין 1910־11 הויבן אָן די קאָלאָניסטן אויסברייטערן דעם פאַר־זייאונגס־שטח — ווי עס איז שטענדיק דער פאַל נאָך אַ יאָר פון גערע־טעניש.

צוליב דער שטאַרקער אויסברייטערונג פונם ווירטשאַפטלעכן סיסטעם האָט זיך געפאָדערט פאַרגרעסערטע קרעדיטן דורך דער „סאָס. אַגריקאָלאַ"

און אזוי קומט צו די קאָאָפּעראַטיווע צו אַ פּונקט, אַז צווישן אירע מיט־גלידער ווערט צעטיילט; אין פאַרשוסן אויפצוהויבן די קאַסעטשע, זעק, פּאַדעס, שנייד־מאַשינען, צוזאַמען מיט הינטערשטעליקע חובות פון פריערדיקע יאָרן, אַ סומע פון 190.000 פּעזעס.

אין יאָר 12 - 1911, אונטער דער פּרעזידענץ פון ש. באַנטשיק, האָבן די שולדן פון די מיטגלידער צו דער קאָאָפּעראַטיווע, ווי ס'ווערט אויבענגעזאָגט, דערגרייכט צו 270.000 פּעזעס און שוין דעמאָלט האָט די עקסטענסיווע פאָרם פון לאַנדווירטשאַפט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ סכנה פאַר דער קאָלאָניע, איבער איר שפּעקולאַטיוון כאַראַקטער.

די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" האָט שוין אָבער דעמאָלט נישט געקענט כאַפּן צוריק די גרויסע סומען, וואָס זי האָט געהאַט פון דער יקא. (צוויי הונדערט טויזנט פּעזעס) און די קאַפּיטאַלן זיינען געבליבן שטיין צווישן די מיטגלידער, און איין האָפענונג איז ביי אַלעמען געווען — „אַריינכאַפּן" אַ גוט יאָר, און מיט איינמאָל פּטור ווערן פון די חובות.

דאָס יאָר 11 - 1910 האָט באַדאַרפט זיין דער הויפּט־טרעף און דאָ האָט געטראָפן, וואָס עס טרעפט אָפט, ווען מען וואַרט אויפן הויפּט־טרעף. דאָס דערוואַרטעטע יאָר, אָנשטאָט, דורך אַ גערעטעניש, אַרויסהויבן די קאָלאָניסטן פון דער געשאַפענער לאַגע, האָט עס די לאַגע אויף אַזוי פיל פאַרערגערט, אַז די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" איז געצוואונגען געווען אָפּצושטעלן איר טעטיקייט ביזן יאָר 18 - 1917.

די נאַטור אין אַלגעמיין איז אַ קאַפּריזנע, נאָר אין יענעם יאָר, האָט זי ווי געוואָלט באַווייזן די קאָלאָניסטן, אַז זי וועט זיי נישט דערלאָזן אָנפירן אַ רייכן סיסטעם אין דער לאַנדווירטשאַפט. זיי זאָלן עקספּלאָאַטירן דאָס לאַנד, וויפל עס לאָזט זיך נאָר.

די קאַסעטשע פון 11 - 1910 האָט זיך געלאָזט גוט פאַראַרבעטן, און די קלימאַט־באַדינגונגען זיינען אויך געווען אויסגעצייכנטע. די קאָלאָניסטן האָבן דערוואַרטעט אַן אויסעראָרדנטלעכע גערעטעניש.

אויף אָראָפּצונעמען די קאַסעטשע האָט מען זיך געגרייט מיטן גאַנצן טעמפּ, וואָס אַזאַ מאָמענט פאָדערט. מורא האָבנדיק צו פאַרלאָזן זיך אויף די אַלטע שנייד־מאַשינען, האָט מען זיי אָפּגעשטעלט אָן אַ זייט, און

עס זיינען איינגעקויפט געוואָרן נייע. ס'איז אויך פארגרייט געוואָרן פאָדעם און זעק, אין גרויסע צאָלן, ווערליך מען ריכט זיך אויף אַזאַ גערויטענעם יאָר.

בלויז די שנייד־מאַשינען, וואָס די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" האָט אין דעם יאָר געקויפט פאַר די מיטגלידער, האָבן באַטראָפן 65.000 פעזעס אויסער די אַלע איבעריקע קאָסטעטשע־אַרטיקלען, וואָס האָבן דערגרייכט אין די צענדליקער טויזנטער פעזעס (64.000).

ווען די גאַנצע צוגרייטונג פאַר דער קאָסעטשע איז געמאַכט געוואָרן, און נאָנט שוין פאַרן ארויסגיין שניידן, האָבן אָנגעהויבן גיין שטאַרקע רעגנס, און די קאָסעטשע איז אזוי גוט ווי פארלוירן געגאַנגען.

ניט נאָר איז דעם קאָלאָניסט ניט מעגלעך געוואָרן צו צאָלן חובות, נאָר פאַרקערט: די קאָלאָניע איז נאָכמער פארשולדיקט געוואָרן. די חובות פון די קאָלאָניסטן צו דער קאָאָפעראַטיווע, אנשטאָט 190.000 פ. פריער מיט אַ יאָר — זיינען זיי פארגרעסערט געוואָרען מיט 80.000 פעזעס.

זעקס יאָר אומטעטיקייט פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ". — זי ליקווידירט דעם שותּפותדיקן קאַפּיטאַל און רעאָרגאַניזירט זיך.

זינט דעם יאָר 1911-12 האָט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" געמוזט שטופנווייז אָפּשטעלן די טעטיקייט, און אין 1912-13, אונטער דער פּרעזידענץ פון פ. זוסמאַן און סעקר. מ. קאַסאָי, האלט זי נאָך אָן אַ געוויסע באוועגונג: מען קויפט איין פאַר די מיטגלידער קאָסעטשע־אַרטיקלען, מען טיילט אויס זריעה, מען קויפט איין מעל פאַר די מיטגלידער אויפן יאָר.

די קאָאָפעראַטיווע־מאַשין גייט אָבער שווער. ס'קומען אונטער צאָלונגען, מען מוז בייטן די וועקסלען און עס דערגרייכט צו אזאַ מדרגה, אַז אייניקע קאָמערץ־הייזער לייגן פאָר מ'זאָל זיך „גלייכן" מיט זיי.

די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" קען אָבער אפילו דעם געדאַנק נישט דערלאָזן פון „גלייכן זיך" מיט די קאָמערץ־הייזער, און זי וואַרפט אָפּ אַזעלכע פאָרשלאָגן. זי האָט דעם צוטרויען, אַז די מיטגלידער, אלס פּראָדוקטאָרן און אַרבעטסזאַמע פאַמיליעס, וועלן ביזן לעצטן סענט באַצאָלן. און ווען מען זאָל אפילו דאַרפן אָפּשטעלן זיך אויף אַ פּאָר יאָר, בכדי צוריקצוגעוואונען כוחות, לוינט עס זיך, אַבי אויפצוהאַלטן דעם מאָ־

ראלישן פרעסטיזש פון דער אינסטיטוציע, און גלייכצייטיק פון דער קאלאָ־ניע. די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" האָט אָפּגעשטעלט איר טעטיקייט, זי וועט איינמאַנען וויפל נאָר מעגלעך, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט זי ווידער אָנהויבן ארבעטן.

א וויכטיקער פאַקטאָר פאַר וועלכן מ'איז געצוואונגען געווען אָפּ־צושטעלן די טעטיקייט פון דער „סאָס. אַגריקאָלאַ" איז אויך געווען דאָס, וואָס דער גרעסטער טייל פון „רעזערוו־פאָנד" — וואָס אין יעדער אינס־טיטוציע שטייט ער צו הילף אין מאָמענט פון קריזיס, איז ער דורך דער קאָאָפּעראַטיווע פארטון געוואָרן אויף דעם „שפּיטאַל סענטעגאַריאָ", א זאַך, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אין די שווערע יאָרן.

ווי עס איז אויבן אָנגעוויזן זיינען אין יאָר 11 - 1910, פון די אָפּע־ראַציעס, וואָס די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" האָט דורכגעפירט פאַר אירע מיטגלידער, און וואָס האָט באַטראָפן די סומע פון 865.000 פעזעס — הינטערשטעליק געבליבן מיטגלידער מיט א חוב פון 190.000 פעזעס און אין 12 - 1911, אין וועלכן יאָר די אָפּעראַציעס מיט די מיטגלידער האָבן זיך רעדוצירט, האָבן זיך די חובות פון די מיטגלידער צו דער קאָאָפּע־ראַטיווע פאַרגרעסערט ביז צו א סומע פון 270.000 פעזעס.

פון דעם דאָזיקן יאָר און ווייטער, זיינען צוגעקומען פּראָצענטן אויף דער אויבנדערמאָנטער קאָלאָסאַלער גרויסער הינטערשטעליקייט, ווערנדיק פּאַראַליזירט יעדע קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט, אויסער רעגולירן חובות און איינמאָנען חובות.

אין די ווייטערדיקע יאָרן, אונטער דער פּרעזידענץ פון צענטנער־ראַ־בעי, הייגבוים־קאַסאַי, און ג. גורמאַן - ב. טאַלקאַטשיער, נישט קענענדיק גאָרנישט איינמאָנען, ווערן די סומעס פאַרגרעסערט.

אין 17 - 1916 דערגרייכן די חובות צו א סומע פון 313.000. אין דעם יאָר איז נאָר דער יקא אליין געקומען 230.000 פעזעס, און די קאָאָ־פּעראַטיווע האָט איר איבערגעגעבן די דאָקומענטן פון די מיטגלידער אין „קאָמיסיאָן". די יקא אינטערווענירט אין דער איינמאָנונג ביים קאָלאָ־ניסט, און אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר ווערט דער חוב איינגעמאָנט. אַזוי צ. ב.: אין יאָר 1916 רעדוצירט ער זיך ביז 240.000; אין 19 - 1918 ביז

155.000; אין 20 - 1919 אויף 120.000. פון די 7 יאָר צייט: פון יאָר 11 - 1910, ווען די ערשטע הינטערשטעליקע חובות האָבן באַטראָפן 190.000 פעזעס ביז 1916־17, ווען זיי האָבן דערגרייכט צו 313.000 פעזעס, זיינען 5 יאָר געווען פאָלשטענדיקער שטילשטאַנד.

מיטן אָפּשטעלן די קאָמערציעלע אָפּעראַציעס, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט די אַזוי גערופענע סאָציאַלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט, וואָס די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ” האָט שטענדיק אויסגעאיבט אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל.

דאָס זיינען געווען די סאַמע מלחמה־יאָרן, ווען אַלץ און אַלעם האָט שפּעקולירט. יעדער איינער איז געווען פאַרטון מיט מאַכן „אַמעריקע”, דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פאַרכאַפּט פון שפּעקולאַציעס פון יעדן מין און די קאָלאָניסטן האָבן זיך אויך אַוועקגעלאָזט אויף יענע וועגן.

די קאָמערץ איז אָבער פלינקער געווען, ווי דער קאָלאָניסט און ביי אַלע נינסטיקע באַדינגונגען פון מלחמה־צייט, איז דער קאָלאָניסט געווען דער, וואָס האָט פאַרלוירן. צי איז דאָס געווען ביי די הויכע פרייזן פון זעק, צי גרויסע קאָסטשעס אָדער ביי אָפּקויפן סקאָט מער וויפיל זיין פעלד האָט געקאַנט אויפהאַלטן.

אין יאָר 19 - 1918, קומען זיך צוזאַמען אָנפירנדיקע עלעמענטן פון דער קאָלאָניע אויף אַ באַראַטונג, און באַטראַכטנדיק די סיטואַציע פון דער קאָלאָניע און איר קאָאָפּעראַטיווע, קומט מען צום שלוס, אַז אויב עס זאָל אַזוי לענגער דויערן, וואַרטנדיק אויף אַ טאָטאַלער איינמאָנונג, וואָס זאָל געבן די מעגלעכקייט ווייטער צו אַרבעטן, שטייט פאַר די געפאַר אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך פון זיך אויפלייזן, ווייל גרייטער קאַפּיטאַל צו דער אַרבעט וועט אַזוי גיך נישט זיין, און דער רעזערוו־פאָנד איז פאַרטון אין אַ אומבאַוועגלעך אייגנטום.

דערצו איז צוגעקומען 60.000 פעזעס, וואָס די יקא האָט אויסגעליען קאָלאָניסטן דורך דער קאָאָפּעראַטיווע, מיט אַ צוזאָג, אַז די קאָאָפּעראַטיווע וועט נישט ליידן פון דעם.

דאָס זיינען געווען הלוואות פאַר אַזעלכע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען איבער דער צודרינגלעכקייט אינם איינמאָנען, דורך דער יקא, אַוועק פון

זייערע קאמפן, און עס איז נישט געווען ביי וועמען צו מאנען.

שפעטער איז וועגן דעם געשאפן געווארן אן אפמאך מיט דער יקא, אז זי וועט ליידן 50 פראצענט פון די פארפאלענע חובות און די אנדערע 50 זאל צעווארפן ווערן אויף די פעלדער, וואס וועלן שפעטער קאלאני־זירט ווערן, אבער אויך דאס לעצטע האט זיך נאר אין זעלטענע פאלן רעאליזירט.

אין אכט נעמענדיק אט די אלע פאקטארן, איז באשלאסן געווארן: אויפלייזן דעם שותפותדיקן קאפיטאל, וואס די „ליי און שפאר־קאסע" האט פארמאגט (וואס איז באשטאנען פון 40.000 פעזעס און האט פאק־טיש פיגורירט נאר אין די ביכער) און אפעלירן צו די מיטגלידער זיי זאלן צוזאמענברענגען צו 50 פעזעס גרייטע געלט, כדי די קאאפעראטי־ווע זאל באלד קענען עפעס אנהויבן טון און שטעלן זיך אין קאנטאקט מיט די מיטגלידער.

40 מיטגלידער האבן זיך אפגערופן אויף דעם רוף, און עס איז אויך באשלאסן געווארן ענדערן די סטאטוטן, אין דער פארם, אז אויף ווייטער זאל די קאאפעראטיווע זיין באזירט אויף אן אקציע־קאפיטאל, דארפנדיק, צו דעם צוועק, יעדער מיטגליד אריינברענגען א סומע, וואס זאל זיין גלייך צו דעם באטרעף, וואס יעדער האט געהאט אין דער ליי און שפאר־קאסע אדער 210 פעזעס.

נאכדעם, ווי דער אויבנדערמאנטער באשלוס איז אנגענומען געווארן, ווערט רעארגאניזירט די „סאסיעדאד אגריקאלא" אלס קאאפעראטיווע מיט א שותפותדיקן קאפיטאל אויף דער באזע פון אקציעס.

אין 1918־1919 באשטייט דער נייער שותפותדיקער קאפיטאל פון 10 טויזנט פעזעס, צוזאמען מיטן רעזערוו־פאנד, וואס באשטייט פון אומבא־וועגלעכן אייגנטום אויף א סומע פון 77.910 פעזעס, מיט א צאל מיט־גלידער פון 107.

פונם יאר 1918־19 ביז 1925־26, ווען די קאאפעראטיווע נארמא־ליזירט איר עקזיסטענץ אויף נייע יסודות, ווערט זי אנגעפירט אונטער דער פרעזידענץ פון ש. י. הורוויץ און סעקרעטאר י. היינבאן.

אין 1919־20 פארגרעסערט זיך די צאל מיטגלידער און דער שותפות־

דיקער קאַפּיטאַל, און די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" גייט אַריין אין איר פולער טעטיקייט. אין דעם יאָר גרייכן אירע אָפּעראַציעס מיט די מיטגלידער צו 240.000 פּעזעס. דעם צווייטן יאָר — 1920 — צו 685.000 פּ., מיט אַ צאָל מיטגלידער פון 172. אין 22-1919 — צו אַ טאָטאַל פון 1.055.000, מיט אַ צאָל מיטגלידער פון 219, און אין 25-1924 דערגרייכן די פאַרשידענע אָפּעראַציעס פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" צו אַ טאָטאַל פון 1.639.802 און צאָל מיטגלידער פון 284.

דער אַגריקולטור-קאָנקורס.

אין דעם יאָר אָרדנט איין די פּראָווינציעלע רעגירונג, אונטער דער אויפזיכט פון דער קאָאָפּעראַטיווע, צוזאַמען מיט דער יקא-אַדמיניסטראַציע אַן „אַגריקולטור-קאָנקורס", אין וועלכן עס באַטייליקן זיך אַ גרויסע צאָל קאָלאָניסטן פון דער פּראָווינץ.

צום אַגריקולטור-קאָנקורס קומט דער גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ מיט זיינע מיניסטאָרן, ווי אויך קאָלאָניסטן פון אַלע דעפּאַרטאַמענטן פון דער פּראָווינץ. דער אַגריקולטור-קאָנקורס צייכנט זיך אויס מיט דער גרויסער צאָל עקספּאָנענטן, מיט אַלערליי פּראָדוקטן, וואָס קומען מערסטנס פון די אידישע קאָלאָניעס, ציענדיק אויך די גרעסטע צאָל פּרעמיעס די פּראָדוקטן פון די אידישע קאָלאָניסטן, סיי אין קערנער, גרינוואַרג, אין דיינע ראַסן פון סקאָט און פערד.

דער 25-טער יובילעאום פון דער סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ.

אין אויגוסט 1925 פייערט די קאָאָפּעראַטיווע איר 25-יאָריקן יובילעאום. די פייערונג קומט פאָר אונטער זייער גינסטיקע אומשטענדן. פון אַלע אידישע קאָלאָניעס אין דער רעפּובליק קומען באַגריסונגען, און די ענטרע ריאָסער אידישע קאָלאָניסטן נעמען אַנטייל אין מאַסן אין דעם גרויסן יום-טוב.

דער אַקט איז דערעפנט געוואָרן דורכן פּרעזידענט פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ", ש. י. הורוויץ, און רעדעס ווערן געהאַלטן פון פאַרשידענע פאָרשטייער פון די באַטייליקטע קאָאָפּעראַטיוון און דער יום-טוב ענדיקט זיך מיט אַ מיטיק פאַר עטלעכע הונדערט פּערזאָן.

אויפן נאָמען פונם פּרעזידענט ש. י. הורוויץ זיינען אָנגעקומען באַ-



די פייערונגען אַרום אַגריקולטור־קאָנקורס. — שול־קינדער אין רייען געשלאָסענע, מיט אַרגענטינער פאָנען אין די הענט פאַרקלינגען די לופט מיט די אַקאָרדן פון אַרגענטינער הימן. — די גאַנצע שטאָט איינגעטונקען אין יום־טוב.



אַ פערד פון קאָלאָניסט מאַפּראָנטשיק, אַ קי, און אַ בוהאַי פון קאָלאָניסט
ראָוונער, וואָס האָבן באַקומען אַ פּריז אויפן
ראַיאָנס־קאָנקורס, אין 1924.

דער גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ, מיורא, צוזאַמען מיט דער עלטסטער
קאָלאָניסטקע, שוואַרץ, ווי אויך פאָרשטייער פון דער
קאָאָפּעראַטיווע און יק״א.

גריסונגען פאַר דער קאָאָפּעראַטיווע פונם גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס, פון זיין רעגירונגס־מיניסטער, פון דער יקאַ־דירעקציע, פון אַלע ענטרע ריאָסער נישט־אידישע קאָאָפּעראַטיוון, פון אַלע אידישע קאָאָ־פּעראַטיוון פון דער רעפּובליק און פון פילע אינסטיטוציעס, פון דער ציוני־ניסטישער פעדעראַציע אין אַרגענטינע, פון די רעליגיעזע קורסן און פון פיל פּערזאָנען.

אין אָנדענק פון 25־טן יובילעאום איז די „פאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" איינגעשריבן געוואָרן אין גאָלדענעם בוך פון נאַציאָנאַל פאָנד. און עס ווערט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלער אַלבום, וועלכער אנטהאַלט, אין קורצע שטריכן די געשיכטע פון „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ", פאַרשידענע סטאַטיס־טישע דאַטן פון איר טעטיקייט און מיטאַרבעטונגען פון פאַרשידענע גע־זעלשאַפטלעכע טוער.

אין יאָר 1925 טרעט אַרויס פון דער קאָאָפּעראַטיווע דער סעקרעטאַר־בערענטע און זיין אָרט פאַרנעמט י. רוזשאַנסקי, וועלכער האָט אַקטואירט במשך פון פיל יאָרן אַלס בוכהאַלטער פון דער קאָאָפּעראַטיווע.

נאָך דער רעאָרגאַניזירונג פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ", וואָס קומט פאָר אין 1918־19 ביז 1925, אונטער דער פּרעזידענץ פון ש. י. הורוויץ און סעקרעטאַר י. הײנבאָן, דער לעצטער פון וועלכע פאַרלאָזט די קאָאָפּעראַטיווע, שטעלט זיך די פראַגע וועגן די אָנפירנדיקע פּערזאָנען פאַר דער נייער ליטונג.

ש. י. הורוויץ נעמט אויף זיך די סעקרעטאַריע און ש. באַנטשיק ווערט געוויילט אַלס פּרעזידענט. די יאָרן 25־1926 גייט אָן די קאָאָפּע־ראַטיווע נאָרמאַל מיט איר טעטיקייט. דאָס זעלבע אין יאָר 1927, ווען די קאָאָפּעראַטיווע ווערט אָנגעפירט אונטער דער פּרעזידענץ פון ש. באַנ־טשיק און סעקרעטאַר א. הײנבאָן. אין 1928־29, 1929־30 און 1930־31 גייט ווידער איבער די פּרעזידענץ צו ש. י. הורוויץ און סעקרעטאַר י. פרידלענדער.

אין 1928 שליסט זיך אָן די „ס. אַגריקאָלאַ" אין דעם געזעץ 11.388 און איז געצוואונגען אומצובייטן דעם נאָמען פון „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איסראַעליטאַ", אויף „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל".

אַלע נעביטן פון עקאָנאָמישן לעבן פון די מיטגלידער, סיים ביים פּאַרטון דעם פּראָדוקט, סיי ביים איינקויפן אַלץ, וואָס דער קאָלאָניסט האָט נויטיק, קאָנצענטרירן זיך אין דער קאָאָפּעראַטיווע.

דער פּרעסטיזש פון דער „סאָס. אַגריקאָלאַ" סיי אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל גופא, ווי אין דער באַנק און קאָמערץ־וועלט, סיי אַלס געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר, איז בעסער ווי געווינטשן.

אַלס קליינע אילוסטראַציע קען מען זען פאָלגנדיקע דאַטן:

ביי דער „באַנקאָ דע לאַ נאַסיאָן" האָט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" אַ קרעדיט פון 100.000 פּעזעס, און אויסערדעם האָט די באַנק צו דער קאָסעטשע פון 1930־31, דורך דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ", ארויסגעגעבן 200.000 פּעזעס אַלס פאַרשוסן פאַר די קאָלאָניסטן, אויפצוהויבן די קאָסעטשע.

מ'דאַרף אָבער דאָ אָנווייזן, אַז די סיטואַציע אין איצטיקן מאָמענט, ווען ס'ווערט געשריבן די דאָזיקע געשיכטע פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, דאָס הייסט אין 1931, לעבט איבער די אַגריקולטור אין דער גאַנצער וועלט אַ קאַטאַסטראָפאַלן קריזיס, וואָס רופט זיך אָפּ אויפן גאַנצן גאַנג פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן ביי די פעלקער. אַלץ, וואָס דער קאָלאָניסט פּראָדוצירט איז דעוואַלאָריזירט. ווייץ איז געקומען צו אַ פּרייז פון אונטער 3 פּעזעס די הונדערט קילאָ. אויך די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל, מיטגלידער פון דער סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ, קרעכצן אונטערן יאָך פון דעם אויסערגעוויינטלעכן קריזיס, לעגנדיק זיך דער קריזיס אויך שווער אויפן גאַנג פון דער קאָאָפּעראַטיווע.

אין דעם יאָר האָט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" 310 מיטגלידער, דער אַקציען־קאַפּיטאַל צוזאַמען מיטן רעזערוו־פאָנד באַטרעפט 158.313 פּ. און דער אַלגעמיינער אומזאַץ, כאָטש די געשעפטלעכע אָפּעראַציעס האָבן זיך פאַרגרעסערט, צוליב דעם, וואָס אַלץ קאָנצענטרירט זיך אין דער קאָאָפּעראַטיווע, וועט איבער דער דעוואַלאָריזאַציע פון אַלע פּראָדוקטן דערגרייכן צו אַ מיליאָן פּעזעס.

נאָכן ערשטן קאָלאָניסטישן קאָנגרעס אין ב. איירעס, אין 1911. — ערשטער
עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער „קאָנפעדעראַסיאָן אַגריקאָלאַ אַרכענטינא
איסראַעליטאַ", מיט ה' מ. סאַבאַראָף, אַלס פרעזידענט און ש. י.
הורוויץ, אַלס וויצע. — געגרינדעט דעם 17־טן נאָוועמבער
1911, און אויפגעלייזט זיך נאָך אַ פּאָר יאָר עקזיסטענץ.
ס'זיצן פון רעכטס צו לינקס: ד. טשערטקאָף, ש. י.
הורוויץ מ. סאַבאַראָוו, אַ. באַב און אברהם
האראוויץ. — ס'שטייען פון רעכטס צו
לינקס: ב. מעזשיבאָווסקי, ל. באַיטאַ־
וויטש, שמעון פוסטילניק, באַווקין
און קאַליער.

קאָלאָניסטישער צוזאַמענפאָר אין בוענאָס איירעס, אין 1916. — אַ טייל
דעלעגאַטן, אין פאַרטרעטערשאַפט פון אַלע אידישע קאָלאָניעס,
בתוכם די דעלעגאַציע פון קאָל. לוסיענוויל.

ש. י. הורוויץ

די קאָאָפּעראַטיווע און איר אָנטייל אין דער גרעמיאַלער באַוועגונג. אַנדערע טעטיקייטן אין די לעצטע יאָרן.

אין די באַזונדערע קאַפּיטלען פון דער געשיכטע פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, וואו ס'דערציילט זיך וועגן איר סאָציאַלער און קולטורעלער אַנטוויקלונג, ווערט שוין דערציילט די שייכות פון דער סאָסיעדאַד אַג־ריקאָלאַ צו די אַלע טעטיקייטן.

דאָ וועט נאָר אָנגעוואָרפן ווערן אין קורצע שטריכן יענע טיילן פון איר טעטיקייט אויסער דער קאָלאָניע.

אין 1908 ווערט געפּלאַנט אַ פּראָפּאַגאַנדע־טור איבער די אידישע קאָלאָניעס אין דער רעפּובליק, צוליב פאַרייניקונגס־צוועקן, באַטייליקנדיק זיך די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" דורך אירע דעלעגאַטן הירש צענטנער און ש. י. הורוויץ, צוזאַמען מיט די „פאָנדאָ־קאָמונאַל"־דעלעגאַטן, וואָס באַ־שטייען פון דר. ירחי, סאַבאַראָף, ד. הורוויץ און שמעון פּוסטילניק.

אין 1910 פּראָיעקטירט זיך די „קאָנפעדעראַסיאָן אַגריקאָלאַ איס־ראַעליטאַ", און עס ווערט צוזאַמענגערופן אַ צוזמענפאָר אויף וועלכן די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" באַטייליקט זיך, און צוזאַמען מיט „פאָנדאָ קאָ־מונאַל" גרינדעט זי די צייטשריפט „דער קאָלאָניסט".

אין 1912 באַטייליקט זי זיך אויף אַ געמיינזאַמער באַראַטונג מיט פאָנדאָ קאָמונאַל, מיט דער באַטייליקונג פון אַגראָנאָם עטינגער, אויף צו אויסאַרבעטן אַן איינהייטלעכן מיפּ סטאַטוטן פאַר אַלע קאָאָפּעראַטיוועס.

אין 1916 באַטייליקט זיך די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" אויפן אידיש־קאָלאָניסטישן צוזאַמענפאָר אין בוענאָס איירעס, וואו עס שווימט אַרויף די קאָנטראַקטן־פראַגע מיט דער יקא, דערהויפּט אין דער קאָלאָניע מאָו־ריסיאָ.

אין יאָר 1922 אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די אידישע קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס אין סאַן סאַלוואַדאָר.

אין 1919 אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ענטרע ריאָסער אַלגעמיינע קאָאָ־פּעראַטיוון אין אורדינאַראַין.

אין 1920 אויף אַ קאָאָפּעראַטיווען קאָנגרעס אין ריאָ קוארטאָ. און אין זעלבן יאָר אין לוקאַס גאָנסאַלעס.

אין 1921 קומען פאַר אַרבעטער־אומרוען אין לאַנד, און אין ווי־

זשאגואי, ענטרע ריאָס, און נאָכדעם ווי עס קומען פאָר פיינטלעכע ארויס־טרעטונגען קעגן אידן, פלאַנט די „ליגאַ פּאַטריאָטיקאַ" אַ מאַניפעסטאַציע אין באסאווילבאסאָ, אָבער נאָך אַן אונטעררייד מיטן גובערנאַטאָר, ס. מארקאָ דורך ש. י. הורוויץ און י. היינבאַן — דעלעגאַטן פון דער „סאָס. אגריקאָלאַ" — ווערט די מאַניפעסטאַציע פארקירעוועט קיין גואלעגואי־טשו, (וואו עס איז פאָרגעקומען אַ בלוט־באָד).

אין זעלביקן יאָר טרעט ארויס אַ נאַציאָנאַלער דעפּוטאַט מיט אַ רעדע אין פּאַרלאַמענט און דריקט זיך אויס, אַז די אידישע קאָלאָניזאַציע איז אַ געשוויר אויפן קערפּער פון ענטרע ריאָס.

די „סאָסיעדאַד אגריקאָלאַ" און „פאָנדאָ קאָמונאַל" שטעלן צו אַ מעמאָריאַל צום פּאַרלאַמענט און דורך זייערע פאָרשטייער ש. י. הורוויץ מ. זאַס און ל. סידי, האָבן זיי אַן אונטעררייד מיט אַ פאָרשטייער פון דער דעפּוטאַטן־קאַמער וועגן דעם ענין.

אין 1922 האָבן די פאָרשטייער פון דער „סאָס. אגריקאָלאַ", ש. י. הורוויץ און י. היינבאַן און דער אדמיניסטראַטאָר פון דער יקא ש. קאַפּלאַן אַ זיצונג אין פּריוואַט־הויז פונם גובערנאַטאָר א. מיורא, אין וועלכן ס'באַ־טייליקן זיך אויך זיינע מיניסטאָרן, וואו עס ווערט באַטראַכט די פראַגע פון „סאָברעטאַסאַ" (אַ העכערע אָפּשאַצונג פון די יקא־לענדערייען, ווייל זי ווערט באַטראַכט אלס לאַטיפונדיסט און אַט דער העכערער אָפּצאָל רעכנט די יקא אַרויף אויף די קאָלאָניסטן, וואָס באַזיצן דאָס לאַנד).

אין 1924 קומט פאָר אַ באַוועגונג צו אָרגאַניזירן די אידישע קאָ־לאָניעס אין אַרגענטינע.

די הויפּט־טענדענץ, וואָס האָט אינספּירירט די איניציאַטאָרס פאַר אַט דער פאַראייניקונג, איז געווען די לאָזונג: „אַ קאַמף קעגן דער יקא." (די „סאָסיעדאַד אגריקאָלאַ" שטעלט זיך קעגן אַט יענער טענדענץ, האַל־טנדיק, אַז אַלץ קען מען דערגרייכן נאָר דורך אַ קעגנזייטיקער איינפאַר־שטענדעניש.

אַט די נישט־איינפאַרשטענדעניש געדויערט דריי יאָר. אין 1928

5־טער קאָלאָניסטישער קאָנגרעס אין באַסאַווילבאַסאָ. — ס׳זיצן פון רעכטס צו לינקס: פּ. מאָיסענקאָ (ג. קאַמפּאָס); הרכבי (מאָזעסוויל); ש. י. הורוויץ (באַסאַווילבאַסאָ); ש. באַנטשיק (באַסאַווילבאַסאָ); גוטערמאַן, (מאָנטעפּיאָרע); י. קאַפּלאַן (סעקרעטאַר פון פּ. ראַט); י. א. קאַפּלאַן פּ. ראַט); א. באַב (ריווערא); צ. לעוויט (בערנאַסקאָני). ס׳שטייען פון רעכטס צו לינקס: רויטמאַן (אובאַכאַי); באַרגמאַן (פּ. ראַט); י. רוזשאַנסקי (סעק. אין אידיש פון ק.); מירסאָן (ס. סאַלוואַדאָר); גרינשטיין (אובאַכאַי); חפץ (מאָזעסוויל); מ. נ. שפּרינבערג (פּנימער און פּנימלעך); נ. קריטשמאַר (די פּרעסע); שמואל גלאַזערמאַן (די אידישע צייטונג); י. פּוסטילניק (דאָמינגעז); סידי (סינדיקאָ פון פּ. ראַט); אינזשעניער טענענבוים (סעק. אין שפּאַניש פון ק.); שאַמשאַנאָווסקי (פּ. ראַט); כ. פרידלענדער (באַסאַווילבאַסאָ); ר. סאָקאָלאָווסקי (געהילפס־כראָניקער).

פארלירט די טענדענץ איר שארפקייט און עס טרעטן איין נארמאלע באַ־ציונגען. די „סאָסיעדאד אגריקאָלא״ נעמט אָנטייל אינ׳ם אויפהאלט פון דער „פראַטערנידאד אגראַריא״, וואָס פארבייט די געפּלאַנטע „פעדעראַ־סיאָן אגראַריא איסראעליטא״, ווי אויך פון איר פארקויף־ביוראָ אין בוענאָס־איירעס.

אין 1929 קומט פאָר אין באַסאַווילבאַסאָ דער פינפטער קאָלאָניסטי־שער קאָנגרעס, ביי וועלכער גילענגהייט אַלע באַטייליקטע דעלעגאַטן און פאָרשטייער פון געדרוקטן וואָרט באַקענען זיך פון דער נאָענט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער „סאָס. אגריקאָלא״ און פון די אַנדערע געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס.

ווי אין אַנדערע קאָלאָניעס, בעת דורכפירן קאָלאָניסטישע קאָנגרעסן, איז אויך אין באַסאַווילבאַסאָ געווען צו מערקן גרויס ענטוזיאַזם פון דער קאָלאָניע ארום קאָנגרעס, אָנקומענדיק קאָלאָניסטישע פאַמיליעס פון אַלע עקן קאָלאָניעס אין שטעטל אריין, מיט וועלכן ס׳איז צוגעגעבן געוואָרן יום־טובדיקייט דעם אַקט.

וועגן דער דינסט־מעגלעכקייט פון דער ביוראָ אין באַצוג צו די קאָאָ־פּעראַטיוועס, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער די פארשידענע פּראָווינצן פון דער רעפּובליק, איז שפּעטער מחולק דער פאָנדאָ קאָמונאַל.

דאָך ווערט די ביוראָ געשטיצט פון אַלע קאָאָפּעראַטיוועס. די „ביור־ראָ״ אין בוענאָס איירעס קען זיך אָבער נישט אויסאַרבעטן קיין עקזיס־טענץ־מעגלעכקייטן. אין יאָר, ווען די שורות ווערן געשריבן, קומט פאָר אַ פינאַנציעלער קריזיס, פאַר דער „ביוראָ״.

דערצו אַנטשטייט אַ באַוועגונג פון אָרגאַניזירן, צום צווייטן מאָל, די ענטרע־ריאָסער אַלגעמיינע קאָאָפּעראַטיוועס, צוליב דעם, וואָס דער עלע־וואַטאָר פאַר תבואות הויבט זיך אָן אימפּאָנירן אין דער אַגריקולטור־ווירט־שאַפט, אַלס נייער פאַקטאָר, און דאָס וועט פירן צו דער טראַנספאָרמירונג פון די עקזיסטירנדיקע אַגריקולטור־פאַרבאַנדן.

קאָלאָניע לוסיענוויל

די „סאָס. אגר.״ האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די פעדעראַציע פון די ענטרע ריאָסער קאָאָפּ., אין עקזעקוטיוו פון וועלכן ס'איז אויך מיטגליד דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער קאָאָפּ., ש. י. הורוויץ.

אויך אין „נאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון קאָאָפּעראַטיוועס״, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוענאָס איירעס, דעם 20־טן, 21, 22, און 23־טן מערץ 1923, נעמט די „סאָס. אגר.״ אָנטייל דורך אירע דעלעגאַטן: ש. י. הור־וויץ און י. רוזשאַנסקי, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגעאַרבעט אין דער קאָמיסיע פאַר קאָאָפּעראַטיווער געזעצגעבונג.

נעמענדיק אין אַכט די נישט־שטאַנדהאַפטיקייט פון דער ביוראָ פון דער פראַטערנידאַד, וועלכע איז נישט בכוח געווען צו קאָנצענטרירן דעם קויף און פאַרקויף פון די קאָלאָניעס, האָט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ״ לעצ־טנס געשטיצט די מיינונג, אַז די „פראַטערנידאַד״ זאָל זיך אָפּגעבן נאָר מיט די ספּעציפישע אידיש־קאָלאָניסטישע אינטערעסן, אָפּשאַפנדיק די ביוראָ.

דאָ איז, אין כראָנאָלאָגישן סדר, אויסגערעכנט דער אָנטייל פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ״ אין די מער וויכטיקע אונטערנעמונגען פון גרע־מיאַלן כאַראַקטער, אויסלאָזנדיק די פון קלענערער באַדייטונג.

אויפן געביט פון סאָציאַלער קולטורעלער טעטיקייט אין דער קאָלאָניע גופא, וועט זיין גענוג צו באַטאָנען, אַז די „ס. אַגריקאָלאַ״ איז די מו־טער פון דעם גרעסטן טייל עקזיסטירנדיקע קהלה־אינסטיטוציעס, וואָס געפינען זיך אין באַסאַוויל־באַסאָ, ווי: חברה קדישא, סאַניטאַר־וועזן, ביב־ליאָטעקן, עזרה, פרויען־פאַריין און אַנדערע, וואָס וואָלט פיל פאַרנומען אויסצורעכענען און וועלכע זיינען איצט אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס.



דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון קאָאָפּעראַטיוועס אין בוענאָס
איירעס, מאַרץ 1932. — בעת הפסקה רוען אַף דער קאַטעדראַ־
טיקער דיאַס אַראַנאַ(1), אייניקע דעלעגאַטן, און די דע־
לעגאַציע, פון „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ", ש. י.
הורוויץ(2) און יהודה רוזשאַנסקי(3).



עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון ענטרע ריאָסער קאָאָפּ.־פעדעראַציע, בײַ דער געלעגנהייט פון נאַציאָנאַלן קאָאָפּ.־קאָנגרעס אין ב. איירעס. —
פון רעכטס צו לינקס: דר. לעבטמאַן, מ. קיפּען, באַקאָ, אינזשעניער מ. דאָרפמאַן, קאַסאַנאָוואָ, ש. י. הורוויץ.

— XXI —

די יקאַ־אַדמיניסטראַציע און די קאָלאָניע לוסיענוויל

באַציאונגען צווישן דער קאָלאָניע און דער יק״א־אַדמיניסטראַציע. — די סבות פאַר וועלכע אין לוסיענוויל האָט געהערשט אַ מער קעגנזייטיקע איינפאַרשטענדניש. — פאַרשידענע אַדמיניסטראַטאָרן, וועלכע מער איבערגעגעבענע די אינטערעסן פון קאָלאָניסט, און וועלכע ווייניקער. — די האַרטקייט פון אַדמיניסטראַטאָר לאַפּין. — דאָס אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם פון „דעסאַלאָכאָס” נישט אין אַזאַ שאַרפקייט, ווי ערגעץ אַנדערש. — „סאָסיעדאד אַגריקאָלאַ” — די דירעקטע פאַרמיטלערין צווישן קאָלאָניסט און יק״א־דירעקציע.

אינם גאַנג פון אונזערע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, איר באַזעצונג, דאָס אָרגאַניזירן זיך אין אַ קאָאָפּעראַטיווע, און אין אַלגעמיין אַנטוויקלונג, איז געווען אומפאַרמיידלעך נישט צו באַרירן די יקאַ־אַדמיניסטראַציע.

דאָס איז געווען נאָר פאַרבייגייענדיק, אויף אַזוי פיל, וויפיל עס איז נויטיק געווען פאַר דער באַהאַנדלונג פון אַ געווויסן פּעריאָד.

ס׳איז אָבער נויטיק צו דערציילן דאָ גענויער און ברייטער די באַציאונג פון דער יקאַ־אַדמיניסטראַציע צו די קאָלניסטן פון לוסיענוויל און פאַרקערט, אויב אַפילו די געשיכטע פון דער יקאַ־אַדמיניסטראַציע, אין באַצוג צו לוסיענוויל, איז אפשר נישט אַזוי רייך, אין פּאַסירונגען, ווי די אַדמיניסטראַציעס אין אַנדערע קאָלאָניעס.

אין גרויסן רוב איז די קאָלאָניע לוסיענוויל באַזעצט געוואָרן מיט געוועזענע פעלד־אַרבעטער פון די אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד (פון כערסאָן און בעסאַראַביע), און זייער אַ קליינער פּראָצענט פון אַ שטאָטישן עלעמענט. די צופּאַסונגס־פעאיקייט צו דער פעלד־אַרבעט אינם נייעם לאַנד איז נישט פאַרגעקומען מיט אַזוי פיל שוועריקייטן, ווי דאָס האָט פּאַסירט אין יענע יקאַ־קאָלאָניעס, וואו די ערשטע באַזעצטע אימיגראַנטן־

קאָלאָניסטן זיינען רעקרוטירט געוואָרן פונם אידישן קליינעם שטעטל, וואו די הויפט־באַשעפטיקונג איז געווען מסחר.

איבער דעם הויפט־מאָטיוו איז דער ערשטער פּיאָנערן־פּעריאָד נישט געווען אַזאַ פאַרביטערטער, אנטוויקלענדיק זיך אויף אַ מער נאָרמאַלן אופן, הגם ס'איז אַ פאַקט, אַז די באַוועגונגען אין די ערשטע יאָרן אין אנדערע קאָלאָניעס קעגן דער אדמיניסטראַציע, האָבן אויך געהאַט אַ שוואַכן אָפּ־קלאַנג אין לוסיענוויל.

ס'איז שוין אויף אַן אַנדער אָרט אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די קאָלאָניע לוסיענוויל בילדעט אַן אָפּגעשלאָסענעם שטח, אָפּגעטיילט פון די אַלע אי־בעריקע יקא־קאָלאָניעס אין ענטרע ריאָס, אַ מין באַזונדערער טייל, און דער־פאַר, ווען זי איז אַפילו געשטאַנען אונטער דער צענטראַלער אדמיניסטראַ־ציע פון דער קאָלאָניע קלאַראַ, האָט עס זיך נישט געלאָזט אזוי פילן, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט די קאָלאָניעס, וואָס זיינען געווען אוממיטלבאַר פאַרבונדן און נאָענט פון דער אדמיניסטראַציע.

ס'איז שוין אויך דערמאָנט געוואָרן, אַז ביי דער באַזעצונג פון דער קאָלאָניע האָט זיך די צענטראַלע אדמיניסטראַציע געפונען אין „קולין״ (קאָלאָניע קלאַראַ) מיטן אדמיניסטראַטאָר ראַפּאַפּאָרט, אַלס פאַרוואַלטער, וועלכער איז געווען זייער אַ ווייכער מענטש און די קאָלאָניסטן האָבן זיך מיט אים זייער היימיש פאַרהאַלטן.

אזוי אַ שטייגער, ווען די קאָלאָניסטן האָבן געהאַט געוויסע טענות און תביעות אויף די דעלעגאַטן (די פאַרמיטלער צווישן דער אדמיניסטראַ־ציע און קאָלאָניסטן), וועגן שטיצע אָדער וועגן אַ קי, אַ וואָגן, א. ד. ג., — פלעגט מען פאָרן צו ראַפּאַפּאָרטן, ביי אים האָט מען געגעבנטיקט און גע־געסן, ווייל אזוי איז געווען די פאַראָרדנונג פון ראַפּאַפּאָרטן.

צווישן דער אדמיניסטראַציאָנס־הויז און צווישן די קאָלאָניסטן, האָט געהערשט אַ מין פאַמיליען ־ פאַרבינדונג, און ס'פלעגט אויך פּאַסירן, אַז די עלעמענטן, וואָס האָבן זיך מער געקהל'ט, פלעגן דאָרט בלייבן גאַנצע טעג, באַקומען עסן פון דער אדמיניסטראַציאָנס־קיך, און זיך דאָרט טרעפן מיט די פאַרשידענע אָנפירנדיקע עלעמענטן פון די ערשטע קאָלאָניסטן אין קלאַראַ.

דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר אַ געוויסע צייט, במשך פון וועלכער ס'זיינען פאָרגעקומען די ערשטע קאָלאָניסטישע באַוועגונגען קעגן דער אַד־מיניסטראַציע, ברענגענדיק דערצו, אַז פיינבערג מיט זאָנענפעלדן זאָלן אַראָפּקומען קיין ארגענטינע, מאַכן אַן אונטערזוכונג.

בעתן באַזוך פון פיינבערג און זאָנענפעלד, זיינען פאָרגעקומען פער־מאַנענטע צוזאַמענפּראַלן פון קאָלאָניסטן.

וועגן יענער צייט גייט אום פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

„אַ גרופּע קאָלאָניסטן האָבן אַרומגערינגלט פיינבערגן, פאָדערנדיק ער זאָל זיי אָפּשיקן אַהיים, ווארום אויב נישט, לאָזן זיי אים נישט אַרויס פון זייערע הענט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַריינגעריסן אַ פרוי פון אַ קאָלאָניסט און האָט אויסגעשריען:

— דו, אַלטער בחור דו, וועסט אונז אָפּשיקן אַהיים, צי נישט?

און גלייך דערויף האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביים לאַץ און גענומען מיט אים טרייסלען, אַז ס'איז אַ גליק וואָס פיינבערג איז בלויז אָפּגעקומען מיטן דערשרעק...

מיר האָבן שוין געזען דעם קאַמף אַרום אונטערשרייבן די יקאַ־קאָנ־טראַקטן; די רייבונגען צווישן „רעוואָלוציאָנערן" און די אַזוי גערופענע „משומדים", אין וועלכע געשעענישן דער יקאַ־אַדמיניסטראַציע איז אויסגע־קומען נישט אָנצונעמען זיך מיט גרויס נחת...

דאָס זיינען אָבער נאָר געווען שוואַכע אָפּשפּיגלונגען פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין אַנדערע קאָלאָניעס.

אין יאָר 1897 פּאָרט אָפּ ראַפּאָפּאָרט און עס קומט דער באַוואוסטער לאַפּין, ווערנדיק איינגעפירט אַ גאַנצע רעאָרגאַניזאַציע.

אַנשטאַט צוויי צענטראַלע אַדמיניסטראַציעס — באַלוואַנעראַ און קולין — נעמט איבער לאַפּין די פאַרוואַלטונג איבער אַלע עקזיסטירנדיקע קאָלאָ־ניעס און די דירעקציע איבערן אויפבוי פון דער ענטרע ריאָסער יקאַ־קאָ־לאָניזאַציע פאַר יענער צייט.

לאַפּין, וואָס איז פון דער נאַטור געווען אַ האַרטער מענטש, האָט איינגעפירט אַן אייזערנע דיסציפּלין. קודם כל האָט ער איינגעטיילט די

קאָלאָניעס אין דיסטריקטן און אויף יעדן דיסטריקט האָט ער באַשטימט אַן אַגענט, וואָס איז געווען אונטערגעוואָרפן זיינע פאַראָרדנונגען.

קיין שום קאָלאָניסט פון איינעם אָדער אַ צווייטן דיסטריקט, איז ניט אַטענדירט געוואָרן, ביז ער האָט נישט געהאַט אַ בריוו פון דעם באַטרעפנדיקן אַגענט.

לאַפּין, אַ גרויסער שוויינער פון דער נאַטור, און מיט דער אַנשויאונג, אַז דער אידישער קאָלאָניסט דאַרף זיך געוואוינען צו אַזאַ קאַרגן לעבן, ווי עס פירט דער ליטווישער פּויער (ער האָט געשטאַמט פון דער ליטע), האָט ער געהאַלטן, אַז 50 העקטאַר איז איבער גענוג פאַר אַ קאָלאָניסט, ווי אויך אַז דער אידישער קאָלאָניסט דאַרף פאַרענדיקן מיט זיינע געוואוינהייטן, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פונם רוסישן שטעטל.

מען דערציילט פון אים פאַרשידענע עפּיזאָדן, אַלס כאַראַקטעריסטיק פון וועלכע עס קענען דינען פאָלגנדיקע:

„ס'קומען אויף די „זיץ־פלוגן", און איניקע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געקענט אָפּשפּאָרן עטוואָס געלט, האָבן זיך שוין איינגעשאַפט אָט דעם — פאַר יענער צייט — לוקסוס־אינסטרומענט.

אַ קאָלאָניסט, וואָס וואָלט זיך וועלן איינשאַפן אָט דעם פלוג, קומט צו לאַפּינען „פועלן" ביי אים, אַז אַנשטאָט וואָס די יקא האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל און אַזוי פיל אויף אָקסן, זאָל זי גיבן ווייניקער מיט אַ פּאָר אָקסן און דאָס געלט זאָל ער האָבן צו שטייער אויף אַ „זיץ־פלוג".

דערויף זאָל אים לאַפּין האָבן געענטפערט:

— איך קען אייך געבן אַ עצה ווי אַזוי איר זאָלט זיך איינשאַפן אַ זיץ־פלוג.

דער קאָלאָניסט קוקט אים אָן און וואַרט אויף דער עצה.

— מען דינגט אַ פּעאָן — זאָגט ווייטער לאַפּין — און אַליין זיצט מען אין דער היים, וועט איר האָבן אַ זיץ־פלוג. (אַ פּעאָן פלעגט מען צאָלן גאַנצע 8 פּעזעס מאָנאַטלעך).

הונדערטער לעגענדס פלעגן אַרומגייען וועגן לאַפּינס האַרטקייט און דיסציפּלין.

אַזוי פלעגט מען דערציילן, אַז זיינע אַגענטן, וועלכע זיינען צום

מערסטן געווען רוסישע אינטעליגענטן, אפילו אייניקע אגראנאמען, פלעגן שטייען אונטערן טיר.

ביז דער טיר־היטער האט נישט געהאט קיין פאראָרדנונג זיי אריינ־צולאָזן צו אים, פלעגן זיי נישט קענען צוקומען, און אָפט פלעגן זיי אָפּ־שטייען גאנצע טעג. פון קאָלאָניסטן איז שוין אָפּגערעדט...

אין יאָר 1897 קומט ל. נעמיראָווסקי, וועמענס אקטואציע ס'איז באַ־קאנט דעם לייענער פונם קאפיטל „די גרינדונג פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן פאריין".

אלס גרינדער און פאָטער פונם אזוי גערופענעם „פאריין" — די אייגנטלעכע איצטיקע „סאָסיעדאד אגריקאָלאַ", וואָס האָט געהאט אינם לעבן פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל און איר באַציאונג צו דער יקא אזא אומגעהויערע ראָלע, האָט אָט דער פאַקט זיכער מיטגעבראַכט, אז די באַ־ציאונגען מיט דער יקא זאָלן אין דער קאָלאָניע זיין פריינטלעכערע ווי אין אַנדערע קאָלאָניעס.

ל. נעמיראָווסקי איז געווען דער פריינט פון די קאָלאָניסטן, מ'האָט אים ליב געהאט און אנערקענט, און פאַר די 7 יאָר, וואָס ער איז געווען אַגענט פון דער יקא, ווי אויך אפילו אונטער דער הערשאַפט פון לאַפינען (פון 1897 ביז 1904), האָט מען דערגרייכט, אז עס זאָל הערשן מער איינ־פאַרשטענדניש צווישן דער יקא־אדמיניסטראַציע און די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס איידער ס'האָט נאָך עקזיסטירט אין אַנ־דערע קאָלאָניעס וועלכע נישט איז אָרגאַניזירטע קאָלאָניסטישע קערפּער־שאַפט, האָט שוין דער „פאריין" פון לוסיענוויל געהאט ביי דער יקא אַ קרעדיט פון 10.000 פּעזעס און איז שוין זינט 6 יאָר געווען דער פאַק־טישער פאַרמיטלער צווישן די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל מיט דער יקא, איז דער בעסטער עדות פון קעגנזייטיקער איינפאַרשטענדניש.

נישט געקוקט אָבער, וואָס לאַפּין, אלס הויפּט־אדמיניסטראַטאָר, איז געווען דער פּאַקטישער הערשער איבער אַלע קאָלאָניעס, און נישט איין קאָלאָניסט פלעגט אים פאַרשעלטן פאַר זיין שטרענגקייט און האַרטקייט, (כאָטש אַלע האָבן אנערקענט, אַז ער מיינט לטובה די קאָלאָניסטן, נאָר

אויף זיין שטייגער), און אַ סך זענען טאַקע אפשר צוליב זיינע אַדמיניסט־ראַטיווע מעטאָדן זיך צעלאָפּן — ווער קיין אַמעריקע און ווער קיין בוע־נאָס איירעס (טאַקע פון זיינע אייגענע ליטוואַקעס), האָט אין דער קאָלאָ־ניע לוסיענוויל זיך נישט געלאָזט אַזוי פילן זיין שטרענגע אַדמיניסטראַ־ציע, נייערט פאַרקערט: אַ סך האָבן נאָך פון אים שטאַרק געהאַלטן.

אַזוי צום ביישפּיל איז די ערשטע קאָלאָניזירונג פון קאָלאָניסטישע זין, אָפּטיילנדיק זיי פון זייערע עלטערן אין די קאָלאָניעס נאָוועבוג און אַקערמאַן, שאַפנדיק די קאָלאָניעס לוסיענוויל־עסקרינאַ, געווען דער פּראָ־דוקט פון לאַפּינס איניציאַטיוו.

ל. נעמיראָווסקים טענדענץ פאַר קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג איז אויך שפּעטער געוואָרן די טראַדיציע פונם „פּאַריין", וועלכער איי גע־גאַנגען אויף אויסגעטראָטענע וועגן.

אין 1903, ווען די שלעכטע גערעטענישן און דער היישעריק האָבן פאַראָרעמט די קאָלאָניע און עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי וועט מעגלעך זיין צו עקזיסטירן אויף 50 העקטאַר? און די יקא האָט אָנגעהויבן צו ווערן צודרינגלעך מיטן איינמאָנען די יערלעכע קוואָטעס, האָט זיך אָנ־געהויבן אַן אומרואיקייט: אייניקע קאָלאָניסטן האָבן פאַרלאָזט די קאָלאָ־ניע, קאָלאָניסטישע זין האָבן זיך אוועקגעלאָזט זוכן פּרנסה אין די שטעט און שטעטלעך, וואו עס איז באמת געווען פּלאַץ צו „מאַכן אַמעריקע".

דעמאָלט איז אַראָפּגעקומען, צום צווייטן מאָל, זאָנענפעלד, אין דער באַגלייטונג פון אוּוערבוך'ן צו שטודירן אויפן אָרט די לאַגע.

בעת זיין באַזוך אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל־עסקרינאַ, אין הויז פון ש. י. הורוויץ, וואו עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די קאָלאָניסטן פון אַרום, האָט איינער אַ קאָלאָניסט, שיינבערג, פאָרגעשלאָגן, אַז די יקאַ זאָל אויס־בויען אַ פאַבריק אין באַסאַווילבאַסאָ וואו די קאָלאָניסטישע יונגע זין זאָלן אין דער צווישן־צייט — צווישן אַקער און שניט — גייען אַרבעטן.

זאָנענפעלד איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַט אַזאַ פאָרשלאָג און האָט אויסגעשריען:

„בכדי צו מאַכן פון די אידן פאַבריק־אַרבעטער, האָט דער באַראָן זיין גרויסן פאַרמעגן נישט געדאַרפט אַוועקגעבן".

דער פּועל יוצא פון זאַנגענפעלדס באזוך איז געווען, אַז מ'האָט דער־נאָך, אין 1904, די קאָלאָניסטן צוגעגעבן יעדן איינעם ביז צו 150 העקטאַר, ווי מיר האָבן שוין געזען אין אַ פריקן קאַפּיטל.

נאָך נעמיראָווסקיס אָפּפאָרן, אין יולי 1904, קומט אלס אַגענט לעאָן סידי, אַ שילער פון מקוה ישראל אין פּאַלעסטינע. אַ ספרדישער יונגערמאַן, וועלכער איז שוין פריער געווען אַ געוויסע צייט אין דער קאָלאָניע מאָאוריסיאָ.

די קאָלאָניסטן האָבן נאָך דער טראַנספאָרמאַציע פון 50 העקטאַר אויף 150, זיך גענומען מיט מער באַגייסטערונג צו דער אַרבעט. די סיטואַציע האָט זיך נישט אַזוי גיך פאַרבעסערט, היישעריק און אַנדערע קלימאַטישע באַדינגונגען האָבן היבש פאַרפּאַלגט דעם קאָלאָניסט. און דערצו איז צוגעקומען, וואָס דער קאָלאָניסט האָט נויטיק געהאַט נייע געלט־מיטלען אויף אַלאַמבראַדאָס און אייניקע אויף הייזער און ברונעמס איינצואָרדנען זייערע נייע ווירטשאַפטן.

אָט דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען האָט אָבער דעם קאָלאָניסט נישט אַנטמוטיקט, נייערט פאַרקערט, עס האָט געהערשט אַ מוטיקע שטימונג און דער „פאַריין" איז געוואָרן די אינסטיטוציע, וואָס האָט פיל מיטגעהאָלפן אין די באַציהונגען מיט דער יקא.

נאָך פאַר נעמיראָווסקין איז די אַדמיניסטראַציע פון לוסיענוויל אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער אַדמיניסטראַציע פון „באַלוואַנעראַ" און איז געשטעלט געוואָרן אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער יקא־דירעקציע.

ל. סידי איז געגאַנגען אויף די אויסגעטראָטענע וועגן פון נעמיראָווסקין און אין דער שטענדיקער האַרמאָניע מיטן „פאַריין" ביז אינם יאָר 1906, ווען ער ווערט איבערגענומען צו אַ העכערן פּאָסטן, אַלס אַדמיניסטראַטאָר אין דער קאָלאָניע קלאַראַ.

באַרוך איז דער, וואָס פאַרנעמט דעם פּאָסטן פון אַדמיניסטראַטאָר אין לוסיענוויל, נאָך סידין. די באַציאונגען מיט דער קאָלאָניע ענדערן זיך אָבער נישט, הערשנדיק אַ כסדרדיקע איינפאַרשטענדעניש.

פון צייט צו צייט קומט אַראָפּ אַ דירעקטאָר פון בוענאָס איירעס, ווענעציאַני אָדער מאָס, צו באַהאַנדלען די פאַרשידענע אָנגעקליבענע פראַגן

מיט די פאָרשטייער פון „פאריין”. קיין באזונדערע אינצידענטן קומען נישט פאָר.

אין 1907 רופט די יקא־דירעקציע די פאָרשטייער פון אַלע קאָלאָניעס קיין בוענאָס איירעס, צו באטראכטן די פראגן פון קאָנטראקטן אונטערשרייבן. אין יענער צייט האָבן די קאָלאָניסטן באדארפט אומקערן די אַלטע קאָנטראקטן אויף די 50 העקטאר, וועלכע האָבן פארמאָגט געוויסע פריווילעגירטע פונקטן פארן קאָלאָניסט, ווי אַ צוזאָג פאר שענקען 25 פראָצענט, בוררות אין פאַל פון סכסוכים צווישן דער יקא און קאָלאָניסט א. ד. ג.

די קאָנטראקטן האָבן באדארפט פארביטן ווערן אויף די באוואוסטע „פראָמעסא דע ווענטא”־קאָנטראקטן, וועלכע מ׳האָט גרוים חשק נישט געהאט אונטערצושרייבן.

נאָכן צוריקקער פון דער דעלעגאציע, וואָס דער „פאריין” האָט געשיקט, אין באשטאנד פון הירש צענטנער און ש. י. הורוויץ, און נאָכדעם ווי ס׳איז אויפגעקלערט געוואָרן דער גרויסער אונטערשייד צווישן דעם ערשטן קאָנטראקט און צווייטן, האָבן אַ סך זיך טאקע אָפּגעהאלטן פון אונטערצושרייבן.

די אָפּהאַלטונג האָט אָבער געדויערט בלויז אַ קורצע צייט, ווארום שפּעטער האָבן אַלע קאָלאָניסטן אונטערגעשריבן די קאָנטראקטן פון „פראָמעסא דע ווענטא”.

בארוך האָט פארנומען זיין פּאָסטן אין די יאָרן פון 1906 ביז 1909. ער איז דאָס געוועזן דער, וואָס האָט אויסגעארבעט דעם פּלאַן פארן שפּיטאָל, וואָס די קאָאָפּעראטיווע האָט אויסגעבויט אין באסאווילבאסאָ.

נאָך בארוך׳ן פארנעמט דעם פּאָסטן אַלס אדמיניסטראטאָר, סימאָן ווייל — איצטיקער דירעקטאָר פון דער יקא אין בוענאָס איירעס, — פארוואַלטנדיק די קאָלאָניעס פון 1909 ביז 1912.

אין זיין צייט זיינען געווען אַ סך אימיגראנטן אין לוסיענוויל, וואָס זיינען דורך אים רעקרוטירט געוואָרן פאר די קאָלאָניעס אובאכאי און מאָנטעפיאָרע, וואָס האָבן דעמאָלט געהאלטן אין פאָרמירן זיך.

די שטימונג אין קאָלאָניע איז דעמאָלט געווען אַן אומרואיקע איבער

קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל ביי אַ געזעגנונגס־אַקט מיטן אַדמיניסטראַטאָר,
הוגאָ באַרוך אין 1910, וועלכער האָט פיל מיטגעהאָלפן אין דער
אויפבויאונג פון „שפּיטאַל סענטענאַריאָ".

דעם, וואָס כאָטש די קאָלאָניסטן האָבן שוין זינט עטלעכע יאָר באַקומען צו 150 העקטאַר, וואָס איז אויסגערעכנט געווען צו ווערן אַ פעסטע באַזע פאַר דער עקזיסטענץ פונם קאָלאָניסט, האָבן דאָך די יאָרן נישט באַגלייט.

אַ סך קאָלאָניסטן האָבן געהאַט עטלעכע יאָרן הינטערשטעליקע מיט זייערע יערלעכע אָפּצאָלונגען צו דער יקא, און די דאָזיקע פראַגע איז ווי־דער אַרויפגעשוואומען אין דער גאַנצער שאַרפקייט.

דאָס וואָרט „דעסאַלאָכאָ" האָט אָנגעהויבן באַקאַנט ווערן אין די קאָלאָ־ניעס. העגנענדיק אַ דראָענדיקע שווערד איבערן קאָפּ פון געליטענעם קאָ־לאָניסט, און אויב אין לוסיענוויל זיינען אין יענעם מאָמענט נישט געווען קיין פאַלן פון „דעסאַלאָכאָס", זיינען אָבער געווען אַ געוויסע צאָל קאָלאָ־ניסטן מיט היבשע צוריקגעשטאַנענע חובות צו דער יקא, און די מורא פאַר דער אָנווענדונג פון דער „דעסאַלאָכאָ" איז געווען גרויס.

צו יענער צייט איז אין לוסיענוויל אויך דורכגעפאָרן לעאָן כאַזאַ־נאָוויטש.

קומענדיק פון דער קאָלאָניע קלאַראַ, וואו פון „פאָנדאָ קאָמונאַל" איז אים נישט געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש אין זייער לאָקאַל צו פאַר־רופן אַ פאַרזאַמלונג פון קאָלאָניסטן, האָט ער אין באַסאַווילבאַסאָ אימ־פּראָוויזירט אַ מיטינג, אונטערן פרייען הימל. לעאָן כאַזאַנאָוויטש האָט זיבער געהאַט די בעסטע כוונות לטובת די קאָלאָניסטן, אָבער די רעזול־טאַטן זיינען געווען פאַרקערטע. דער קאָלאָניסט איז אַנטמוטיקט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן זיין פעלד, ווי אַ זאַך, וואָס אויב נישט היינט איז מאָרגן, וועט מען עס ביי אים צונעמען.

אין 1910 קומט אַראָפּ, צום ערשטן מאָל, דר. לואיס אונגרע פון פּאַ־ריז, צו שטודירן די קאָלאָניעס, כדי שפּעטער איבערצונעמען די דירעקציע פון דער יקא אין פּאַריז.

אין יענער צייט האָט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" אַנטוויקלט אַן אַל־זייטיקע טעטיקייט אין דער קאָלאָניע און איר קרעדיט ביי דער יקא איז באַשטאַנען פון 50.000 פּעזאָס. עס האָט אָבער געפעלט מער קאַפּיטאַל, און אַ דעלעגאַציע פון דער קאָאָפּעראַטיווע פאָרט צו אונגרען קיין באַל־וואַנעראַ, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, און פּועלט ביי אים, אַז ער זאָל

פאַרלעגן פאַר דער יקא אין פּאַריז, אַז די סומע זאָל באַוויליקט ווערן.

פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט לאַנג נישט געדויערט און כּמעט די אָרטיקע דירעקציע איז געווען קעגן אַזאַ הלואה, איז די רעזאָלוציע אין פּאַריז געווען אַ גינסטיקע און די קאָאָפּעראַטיווע האָט באַקומען דעם קרעדיט.

דערמאָנענדיק דאָ דעם באַזוך פון דר. לואיס אונגרע, איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז ביי זיינעם אַ צווייטן באַזוך אין 1920, ווען ער איז געקומען אין לוסיענוויל, האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז די יקא זאָל דערפילן מיטן אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט איר, צו ליידן פופציק פּראָצענט פון דעם חוב, וואָס איז איר געקומען פון די קאָלאָניסטן, וועלכע זיינען דעסאָלאָכירט געוואָרן פון די קאַמפּן, און וואָס אויף דער יקא־אַנווייזונגען איז זיי אַרויסגעגעבן געוואָרן גרעסערע קרעדיטן פון דער קאָאָפּעראַטיווע.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָט מען קוים געפּועלט ביי אונגרען צו אָנערקענען אַ טייל, אַזוי אַז פון די זיבן און דרייסיק טויזנט פּעזעס, וואָס די 50 פּראָצענט האָבן באַטראָפן, זיינען פון דער יקא אָנערקענט געוואָרן נאָר 18.000 פּעזעס, אי דאָס מיט גרוים שוועריקייט.

נאָך סימאָן ווייל אין יאָר 1912, פאַרנעמט דעם פּאָסטן אַלס אדמיניסטראַטאָר אין לוסיענוויל, שמואל קאַפּלאַן.

אין יאָר 1914 קומט אַלס יקא־אַדמיניסטראַטאָר קיין בוענאָס איירעס ה' איסאַק שטאַרקמעט.

אין דער קאָלאָניע ווערט די לאַגע אַ מער אומרואיקע.

שטאַרקמעט קומט מיט דער לאָזונג: „דער קאָלאָניסט מוז צאָלן, אונטער יעדן פּרייז". אַ סך קאָלאָניסטן ווערן ערנסט געדראָעט אַראָפּגעוואָרפן צו ווערן פון די קאַמפּן איבער די הינטערשטעליקע חובות.

אין 1915־16 צייט טרעט איין דער פּלאַן פון „שניידן קאַמפּ" און דערנאָך די דערלויבעניש צו איבערגעבן טיילן קאַמפּ, ביי וועלכן דער קאָלאָניסט האָט כּמעט געקענט געניסן פונם מער־ווערט.

שמואל קאַפּלאַנען איז אויסגעקומען דורכצופירן די פאַראָרדנונגען פון דער יקא־דירעקציע.

אַן אימיגראַנט — אַ גלעזער, אויפן וועג צו זיין אַרבעט. — אויף עלטערע יאָר אַ יגיע כפּימניק, ציענדיק מיט אייגענע הענט חיונה. —
אַ טיפּישער איד, מיט זיין טיפּישן פערד און
סולקי — אַלץ מוז אַרבעטן.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ זייער אומדאַנקבאַרע ארבעט געווען. איבערהויפּט, ווען דאָס „שניידן קאַמפּ" האָט קיין פּעולה נישט געבראַכט, ווייל אָפּרעכנענדיק פונם אלטן חוב דעם באַטרעף פון 50 העקטאַר, לויט די פּרימיטיווע פּרייזן, האָט עס מיט ווייניק וואָס פאַרגרינגערט די סי־טואַציע פונם קאָלאָניסט.

ביים דערמאָנען דעם פּעריאָד דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז פונם מע־טאָד פון „שניידן קאַמפּ" האָט נישט נאָר די יקא־דירעקציע געהאַלטן, נאָר אויך קאָלאָניסטישע פירער.

אזוי צום ביישפּיל, האָט דער באַקאַנטער קאָלאָניסטישער פירער, מי־כל סאַכאַראָף געהאַלטן, אַז עס איז אַן „אָברא דע סאַנעאַמיענטאָ", אַן אויסדרוק, וואָס איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן אין די קאָלאָניעס, אלס נישט גינסטיקע זאַך פאַרן קאָלאָניסט.

דער צווייטער מיטל: די דערלויבעניש צו איבערגעבן טיילן קאַמפּ, געניסנדיק דער קאָלאָניסט פונם מער־ווערט, איז שוין געווען (אויפן מאָ־מענט און נאָר פאַר איין צד) אַ מער פּאָזיטיווער מיטל, דאָס הייסט, דער קאָלאָניסט האָט פאַרקויפט ווען עס איז 50 העקטאַר, און האָט ליק־ווידירט זיינע רעכנונגען מיט דער יקא. דער חשבון מיט דער יקא איז געבליבן אויסגעגלייכט, אָדער פאַרקלענערט; דערפאַר אָבער זיינען אַ סך העקטאַרן אריינגעפאַלן צו סוחרים, וואָס האָבן געמאַכט געשעפט מיטן לאַנד, ברענגענדיק שאָדן דעם קאָלאָניזאַציאָנס־וועזן (די יקא האָט זיך גיך געכאַפּט אויף דעם און האָט שפּעטער נישט געגעבן די דערלויבעניש צו איבערגעבן די ערד צו סוחרים).

פאַר אָט די יאָרן פון שטרענגער איינמאָנונג פון די אַנואַלידאַדן דורך דער יקא, וואָס אַן און פאַר זיך, האָט עס אויך געבראַכט, אַז אייניקע קאָ־לאָניסטן זיינען געוואָרן איינגעטימער פונם לאַנד, האָט לוסיענוויל ווידער געהאַט איר באַזונדער כאַראַקטעריסטיק אין באַצוג צו אדמיניסטראַטאָרן.

שמואל קאַפּלאַן, אַ קאָלאָניסטישער זין, וואָס האָט זיך דערצויגן און אויפגעוואַקסן מיט דער קאָלאָניסטישער מאַסע, האָט געהאַט די אייגנשאַפט וואָס איז כאַרקטעריסטיש פאַר אַ פאָלקס־מענטש. ער האָט דורכגעפירט די פאַראָרדנונגען פון דער יקא־דירעקציע דורך קענגזייטיקער איינפאַרשטענד־ניש מיטן קאָלאָניסט.

רעדנדיק מיט דער זעלבער שפּראַך און קענענדיק אויסגעצייכנט די פּסיכאָלאָגיע פונם קאָלאָניסט, זיינען נאָרמאַליזירט געוואָרן אַ סך סיטואַציעס פון קאָלאָניסטן, אָן פאַרביטערונגען און אויפברויזונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די אַנדערע קאָלאָניעס.

מען קען זאָגן, אַז קיין „דעסאַלאָכאָס" זיינען כמעט אין לוסיענוויל נישט פאָרגעקומען, כאָטש אַ געוויסע צאָל אומנאָרמאַלע סיטואַציעס מיט דער יקא זיינען רעגולירט געוואָרן, דורך געבן די מעגלעכקייט דעם קאָלאָניסט צו פאַרקויפן אַ טייל פון זיין קאַמפּ, ווען שוין נישט צו סוחרים, נאָר צו אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט זיין קאַנדידאַטן פאַר קאָלאָניסטן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין קליינעם חלק אין אַזאַ איינפאַרשטענדניש האָט געהאַט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ", וואָס האָט שטודירט די גע־שאַפענע סיטואַציעס פון יעדן קאָלאָניסט, צוזאַמען מיטן אַדמיניסטראַטאָר און דאָס האָט פיל מיטגעהאָלפן צו לייזן די פראַגן, אָבער אָט דער גוטער ווילן פאַר איינפאַרשטענדיקונג האָט קיינמאָל נישט געפעלט ביים אַדמי־ניסטראַטאָר און דאָס האָט פיל געהאַט צו זאָגן.

שמואל קאַפּלאַן איז אַ סך יאָרן געווען אַדמיניסטראַטאָר פון לוסיענ־וויל, ווי געזאָגט, פון 1912 ביז 1926, נעמענדיק אַן אַקטיוון אַנטייל אינם לעבן פון דער קאָלאָניע. ווי עס איז שוין אין די אַנדערע קאַפּיטלען דער־ציילט געוואָרן.

אַזוי צ. ב. איז ער אַלע יאָרן געווען דער סינדיקאָ פון דער „סאָסיע־דאַד אַגריקאָלאַ", איז געווען דער, וואָס צוזאַמען מיט די לייטנדיקע עלע־מענטן פון דער קאָלאָניע, האָט ער געהאָלפן רעאָרגאַניזירן (אין 1916־17) די זעלבע אינסטיטוציע; האָט צוזאַמען מיט דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" אין 1924 אָרגאַניזירט דעם אַגריקולטור־קאָנקורס א. ד. ג.

אין 1927, ווען דר. לואיס אונגרע קומט צום דריטן מאָל אויף אַ באַ־זוך קיין אַרגענטינע, ווערט די אַדמיניסטראַציע פון לוסיענוויל אינגאַנצן צוגענומען. די צאָלונגען דער יקא ווערן געמאַכט דורך דער „קאַכאַ מוטואַ איסראַעליטאַ", אין באַסאַווילבאַסאָ, און די קאָלניסטישע אינטערעסן מיט דער יקא, גייען אַריבער דירעקט צו דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ", וועלכע זינט דעם אויבנדערמאַנטן יאָר, שטייט זי אין פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט

דער יקא־דירעקציע. דאָס איז דער ערשטער פאַל אין די קאָלאָניעס פון דער יקא, וואו די אַדמיניסטראַציע איז צוגענומען געוואָרן.

די יקא מאַכט באַסאַווילבאַסאָ אלס דאָס וואוינאָרט פון איר אינס־פעקטאָר, ד. סעווי, וואָס איז פון פאַריז געשיקט געוואָרן פאַר דעם אמט.

אויך ער אָריענטירט זיך און אַרבייט מיט אין אַלע אַרטיקע אינס־טיטוציעס פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער און העלפט מיט דער „סאָסיע־דאַד אַגריקאָלאַ" צו לייזן פאַרשידענע פראַגן פון דער קאָלאָניע.

XXII

דער אויסגעוואַקסענער ישוב אין, און אַרום דער קאָלאָ־ניע לוסיענוויל. דאָס בויען זיך פון שטעטל באַסאַווילבאַסאָ

דער גאַנצער צענטער פון אַקטיוויטעט און קולטור־לעבן גייט לאַנגזאַם אַריבער פון דער קאָלאָניע צום שטעטל. — די אַנטוויקלונג פון ביבליאָטעק־וועזן. — די איינאָרדנונג פון די אייזנבאַן־ווערקשטאַטן ברענגט אַ נישט אידישע באַפעלקערונג. — די יק"א טראָגט פיל מיט צו דער אַנטוויקלונג פונעם ישוב.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַן אַלגעמיינער אידישער ישוב אין באַסאַווילבאַסאָ.

אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון דער באַזעצונג פון די קאָלאָניעס, האָט (ווי מיר האָבן געזען אין אַן אַנדער אָרט) דער צענטער פון גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן זיך קאָנצענטרירט אין דער קאָלאָניע נאַוועבוג, נו־מער 1, וואָס איז 3 קילאָמעטער ווייט געווען פון דער סטאַנציע באַסאַ־ווילבאַסאָ. דאָרט איז געווען די צענטראַלע שולע „דוד קאַזעס" מיט עט־לעכע לערער, דאָס זיץ־פּלאַץ פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ" און פון ערשטן ציוניסטישן צענטער. דאָרט האָט זיך געפונען דער פעלדשער, די באָד, דער בית־עולם, א. ד. ג. און דאָרט איז אויך געווען דער צענטער פון קול־טורעלער טעטיקייט.

אזוי איז דאָס געווען ביזן יאָר 1904, ווען ס'איז פאָרגעקומען די אויסברייטערונג פון די טשאַקרעס פאַר די קאָלאָניסטן, איז די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע קאָנצענטראַציע אריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער סטאַנציע באַסאַווילבאַסאָ.

אין 1905 האָט דאָ די יקא אוועקגעשטעלט אַ גרויסן גאָלפּאָן, וואָס האָט געדינט פאַר פאַרזאַמלונגען. דאָ זיינען אויך געווען די ערש־אויפגעשטעלטע געביידעס פון דער יקא, וואוהין עס האָט זיך איבערגעקליבן דאָס זיץ־אָרט פונם „פאַריין", די ביבליאָטעק, און די ערשטע פאַר אידישע קלייטלעך, יאַטקעס, א. ד. ג. בעלי־מלאכות, וואָס האָבן פריער געהאַט זייערע אַרבעטס־לאָקאַלן אין די קאָלאָניעס, האָבן זיך אריבערגעפירט צו דער סטאַנציע און אזוי האָט באַסאַווילבאַסאָ אָנגעהויבן פאַרבייטן נאָוועבוג נומער 1, מיט דער פריווילעגיע צו האָבן דאָ דעם אייזנבאַן־צענטער פון דער גאַנצער פּראָווינץ.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער נאָך דער יאַפּאַנישער מלחמה און די רוסישע פּאָגראָמען, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ צופלוס פון אימיגראַנטן און די קאָל. לוסיענוויל האָט זיך שטאַרק אויסגעברייטערט, האָט דאָס שטעטל באַסאַווילבאַסאָ געגומען שנעל וואַקסן. געשעפטס־הייזער האָבן זיך פאַרמערט, דער „פאַריין" האָט אַנטוויקלט אַן אלזייטיקע טעטיקייט און דער פּולס פון אָט דעם ערשט־געשאַפענעם צענטער האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן.

דאָס ערשטע האָט מען זיך גענויטיקט אין אַ שול פאַר די עלטערע און אין שטעטל האָט מען שוין נישט געקענט אויסקומען מיט אַ וועלכע נישט איז געביידע, וואָס זאָל דינען פאַר אַ שול. איז די ערשטע געזעלשאַפטלעכע געביידע געווען די שול „תפלה למשה" אין דער איניציאַטיוו פון וועלכער ס'האָבן זיך אריינגעוואָרפן די צוויי יונגעלייט הירש גאָרבאַקאָווסקי און אדאָלפאָ שוואַרצמאַן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1910.

שפּעטער, ווען דאָס שטעטל איז זיך צעוואַקסן און אויף דער צווייטער זייט באַן־ליניע, וואָס שניידט איר איבער האָט זיך באַזעצט אַ באַדייטנדיקע צאָל אידישע פאַמיליעס, איז דורך דער איניציאַטיוו פון וואָלף חאַ־



קאָמערץ־הויז פון ה׳ באָקלעס אין באַסאַווילבאַסאָ מיט אַ טייל פונם
פערזאָנאַל, וואָס אַטענדירט דאָס הויז.

קאָלאָניסטישע יוגנט, בעת אַ פּיק־ניק אין אַ נאָענטן וואַלד.— אַראָפּגע־
וואָרפן אויף אַ רגע דעם יאָך פון אַרבעט און די אָנגענומענע
ערנסטקייט, בכדי זיך פריי ווידמענען זיער געזונ־
טער און ערלעכער פאַרווייַלונג אויפן
פרייען פעלד.

סאָוויטש און אברהם גאָרבאַקאָווסקי אויסגעבויט געוואָרן אַ צווייטע שול מיטן נאָמען „בית אברהם".

אויסער דעם אַלטן דור, וואָס האָט זיין אינטערעס געווידמעט דער אויפבויאונג פון שולן, האָט אויך אָנגעהויבן וואַקסן אַ יונגנט, די קינדער פון קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געהאַט זייער דערציהונג אין דער צענטראַל־שולע „דוד קאָזעס", און תלמידים פון בראַצלאַווסקי, וועלכע האָבן דערנאָך געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אינם קולטור־לעבן פון דער קאָלאָניע.

אייניקע האָבן דורכגעמאַכט די פּראָווינציעלע רעגירונגס־שולן פאַר לערער און זיינען שפּעטער געוואָרן די לייטער פון די יקאַ־שולן אין קאָלאָניע, בעת אַנדערע זיינען געוואָרן אוניווערזיטאַריער.

אגב האָבן אינם קולטור־לעבן זיך אויך באַטייליקט פּערזאָנען — נישט קאָלאָניסטן — וואָס האָבן זיך גרופּירט ארום בראַצלאַווסקין. דאָס זיינען געווען די אידישע לערער פון די יקאַ־שולן.

עס וועט נישט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז במשך פון פיל יאָרן איז דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן פון שטעטל אינגאַנצן געווען אינס־פּירירט און אָנגעפירט פון עלעמענטן פון דער קאָלניע. סיי די קאָלאָניע־לערער, סיי די קאָלאָניסטישע עסקנים זיינען געווען די, וואָס האָבן אָנ־געפירט מיט די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן.

אזוי צום ביישפּיל, איז דער ערשטער קולטור־אַנשטאַלט — די ביב־ליאָטעק פון שטעטל — געווען אַ געשאַנק פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָ־לאַ", ווערנדיק ערשט אויטאָנאָם אין יאָר 1911, אונטערן נאָמען „ביב־ליאָטעקאַ איסראַעליטאַ לוסיענווילע".

אין יאָר 1928 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו אויפצולעבן צוריק אין די קאָלאָניעס אַ באַזונדערן קאָלאָניסטישן קולטור־צענטער, וועלכער זאָל האָבן אויף זיך די אויפגאַבע פון אַ מין וואַנדערנדיקן קאָלאָניסטישן קול־טור־קלוב, וואָס זאָל אַמאָל אין איינער און אַמאָל אין אַ צווייטער קאָלאָ־ניע אָפּהאַלטן ליטעראַרישע קאָנפערענצן, איינאָרדנען ספּאָרט־איבונגען און אָרגאַניזירן אַ ספּעציעל־קאָלאָניסטישע כאָר־סעקציע.

דערצו האָבן זיך גענומען די קאָלאָניסטן א. גאָמבינסקי, פּ. ביזבערג און ס. באָראָדאָווסקי, אָבער נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ האָט זיך עס געמוזט

אויפלייזן. דער צענטר באַסאַווילבאַסאָ האָט איינגעשלונגען יעדן פּרוּוו פון זעלבסטשטענדיקער קולטור־טעטיקייט אין די קאָלאָניעס.

אין יאָר 1917 ווערט דורך ב. טאָלקאַטשיר אויפגעבויט אַ טעאַטער־לאָקאַל פון האָלץ און בלעך מיט פּאַלקאָס און בינע.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע טעאַטער־הויז אין באַסאַווילבאַסאָ. עס ווערן אַראָפּגעבראַכט אידישע אַרטיסטן פון בוענאָס איירעס און די היי־מישע ליבהאָבער באַקומען אַ היים פאַר טעאַטער־אונטערנעמונגען.

עס זאָל דאָ דערמאָנט ווערן: אַז נאָך אין גאָוועבוג נומער 1 פלעגן שוין אויפגעשטעלט ווערן באַלאַגאַנעס פאַר טעאַטער־אונטערנעמונגען, וואו מען האָט געשפּילט „שמואליק שאַלטיק" און „אַ זעקעלע מעל", ווי מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט דערמאָנט.

אהין האָט מען אַראָפּגעבראַכט די גוטענטאַג־קאָמפּאַניע, וואָס פלעגט דעמאָלט זיין אַ גאַנצער יום־טוב, אָבער אַ היים האָט דאָס טעאַטער ערשט באַקומען אין באַסאַווילבאַסאָ, ווען עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער ער־שטער טעאַטער־בנין — דער דערמאָנטער גאַלפּאָן.

האָבנדיק אַרום זיך די קאָלאָניע לוסיענוויל, ווערט באַסאַווילבאַסאָ דער צענטראַלער עקאָנאָמישער נערוו פון דער געגנט, וועלכע פאַרנעמט אַ גרויסן טייל פון דעפּאַרטאַמענט „קאָנסעפּסיאָן דעל אורוגואַי" און אַ טייל גואַלעגואַיטשו.

די ענטרע ריאָסער אייזנבאַן־עמפּרעסע טראָגט איבער קיין באַסאַוויל־באַסאָ אַ טייל פון אירע אייזנבאַן־טאַזשערן און דאָס שטעטל, וואָס האָט פון אָנהויב פאַרמאָגט אַ ריין אידישע באַפעלקערונג, הויבט אָן אויך באַ־קומען אַ באַפעלקערונג פון נישט־אידן.

אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן וויכטיקן אידישן צענטר, האָט געשפּילט די יקאָ.

דאָס זיץ־פּלאַץ פון דער יקאָ־אַדמיניסטראַציע האָט זיך שטענדיג גע־פונען אין באַסאַווילבאַסאָ, און געהערנדיק צו איר די ערד־חלקים פון דעם שטעטל, האָט זי דעם ערשטן שטויס געגעבן פאַר דער אַנטוויקלונג פון באַ־סאַווילבאַסאָ דורכן אויפבויען אַ רייע הייזער, וואָס זי האָט זיי צוערשט פאַרדונגען פאַר די איינוואוינער און שפּעטער פאַרקויפט.



אַ קאַמערץ־גאַס אין סאַמע צענטער פון באַסאַווילבאַסאָ. — שניט־קראָמען,
שפּייז־קראָמען, האָטעל און אַנדערע געשעפטס־הייזער אין
אַ זונטיק, ווען די באַוועגונג איז נישט גרויס.



די ק. ד. פון דער קאסע פאר קעגנזייטיקן קרעדיט.

דאָס האָט געגעבן די ערשטע מעגלעכקייט, אַז די פֿאַרשידענע אימיג־ראַנטן, וואָס זיינען אין זייערע הונדערט פּראָצענט געווען אומבאַמיטלט, זאָלן דאָ קענען אַנטוויקלען זייער ארבייטס־גייסט, אויף אַלע געביטן פון מסחר און מלאכה.

עס דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז די אויסמעסטונג און איינטיילונג פון די ערד־חלקים, אויף וועלכע די יקא האָט אויסגעבויט אירע הייזער, און וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן די געוויינלעכע מאָס פאַר „טערענאָס" צום פאַרקויפן — 20 מעטער אויף 20 — האָט געגעבן אַ געוויסן טייל פון שטעטל דעם אויסזען פון עפּעס אַ מין געטאָ אין אַלטן אייראָפּעאישן סטיל, און נישט ווי אין די פרייע און אָפענע אַרגענטינער שטעטלעך, וועלכע זעען אויס ווי שטאָט־גאָרטנס מיט ביימער און בלומען.

דערמאָנענדיק דעם גרויסן בייטראָג וואָס די יקא האָט געהאַט פאַרן פאַרשריט פון אָט דעם אידישן ישוב, מוז דאָ אויך אונטערגעשטראָכן ווערן די דערמאָנטע קורצזיכטיקייט.

צעמעסטנדיק דאָס לאַנד און לעגאַליזירנדיק דעם פּלאַן פון שטאָט ביי דער רעגירונג, האָט די יקא געשאַנקען פאַרן שטעטל פאָלגנדיקע פּלעצער: אַ גרויס שטיק לאַנד פאַרן „שפּיטאַל סענטענאַריאָ" פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאָ" פון 70 מעטער אויף 100; פאַר די צוויי פּלאַסעס פון באַסאַ־ווילבאַסאָ צו 100 מעטער אויף 100 יעדע איינע; צוויי פּלעצער פאַר די צוויי שולן; אַ פּלאַץ מיט אַ געביידע פאַר דער פּאָליציי, אַ פּלאַץ מיט אַ געביידע פאַר אַ אידישער שולע, און אַ גרויס פּלאַץ פאַר דער פּראָווינציע־לער רעגירונגס־שול, און נאָך אַנדערע, וועלכע זיינען נויטיק געווען פאַר געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, ווי צ. ב. „מאַטאַדעראָס" 8 העקטאַר א. א.

XXIII

אידישע אינסטיטוציעס

„קאַכאַ מוטואַ איסראַעליטאַ"

האָבנדיק שוין באַהאַנדלט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל", וואָס האָט איר זיץ־פּלאַץ אין באַסאַווילבאַסאָ, און שטעלט מיט זיך פאַר דעם נערוו פונם אידישן אינסטיטוציאָנעלן לעבן, ווי אויך די „סערוויסיאָ

סאַניטאַריאַ", איז די „קאַכאַ מוטואַ איסראַעליטאַ" די דריטע אינסטיטוציע מיט איר וויכטיקייט.

די דאָזיקע ריין־אידישע אינסטיטוציע פאַר קליין־קרעדיט, געשטיצט אויף קעגנזייטיקער הילף, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1925. שוין מיט יאָרן פריער, אין 1913, ווען אין אַרגענטינע האָט געוויילט דער אַגראָנאָם עקיבא עטינגער, אַלס אינספעקטאָר פון דער יקא, איז פאָרגעקומען אַ קליינע פאַרזאַמלונג אין באַסאַווילבאַסאָ, אויף וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען, אויסער אַגראָנאָם עטינגער, די געזעלשאַפטלעכע טוער אין יענער צייט, י. היינבאָן, שמואל קאַפּלאַן, ש. י. הורוויץ א. א. אויסאַרבעטנדיק סטאַטוטן פאַר אַ „קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף" פאַר בעלי־מלאכות, קליינהענדלער און אויך קאָלאָניסטן.

די קאַסע איז געגרינדעט געוואָרן, אָבער זי האָט נישט עקזיסטירט. מיטן אָנקומען פון דער אייראָפּעאישער מלחמה און במשך פון עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה, ווען דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס ביי דער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך געפילט אויף אַלע געביטן, איז קיינעם נישט געלעגן אין זין אויפצופרישן די איניציאַטיוו פאַר אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט קעגנזייטיקן הילפס־קרעדיט.

ערשט אין יאָר 1925, דעם 2־טן אויגוסט, ווערט געגרינדעט די „קאַכאַ מוטואַ איסראַעליטאַ". דורך דער איניציאַטיוו פון די ה"ה ש. באַנטשיק, ב. ראַבינאָוויטש, ב. פלעשלער, א. ברונשטיין און שמואל נחמיה קאַפּלאַן ווערט גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די פאַרשידענע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, און עס ווערן אויסגעאַרבעט די צילן און צוועקן פון אַזאַ לייַ־און־שפּאָר־קסע, וואָס האָט זיך געדאַרפט שטיצן אויף אַקציאָנערן־קאַפּיטאַל, וועלכער באַשטייט פון 50 פּעזאָס יעדע אַקציע.

אויף יענער פאַרזאַמלונג ווערט געוויילט די ערשטע קאָמיסיאָן, באַשטייענדיק פון ש. באַנטשיק, יהודה רוזשאַנסקי, ב. ראַבינאָוויטש, יוסף צענטנער, יוסף מאַצקין און י. ברונשטיין, וועלכע דאַרפן צווישן זיך וויילן אַן עקזעקוטיווע.

אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיאָן דעם 3־טן אויגוסט, ווערט גע־

וויילט אלס פרעזידענט ש. באנטשיק, סעקרעטאר יהודה רוזשאנסקי און קאסיר ב. ראבינאוויטש.

אויף דער אָרדענטלעכער גענעראל פארזאמלונג, דעם 6־טן סעפטעמבער, ווערן פאַרגעבראַכט און באשטעטיקט די סטאטוטן, און עס ווערט געוויילט א נייע קאָמיסיאָן, וואָס באשטייט פון ש. באנטשיק, מ. קאָסאָי, ס. סאמאילאָף, פון די קאָלאָניסטן; י. צענטנער, ב. ראבינאָוויטש און כ. טאראן, פון דער קאָמערץ; און י. מאָצקין, יהודה רוזשאנסקי און ח. ס. ראבין, פון די בעלי־מלאכות.

ביז דעם 1־טן אָקטובער 1926 ווערט די קאסע אָנגעפירט פונם קאסיר ראבינאָוויטש, אויף א היימישן אופן, און ציילט מיט 70 מיטגלידער, מיט א קאפיטאל פון 6.500 פעזעס.

היינט צו טאָג ציילט די „קאבא מוטוא" א מיטגלידערשאפט פון 477 מיט א אקציען־קאפיטאל פון 88.450 פעזעס.

אין 1926 ווערט זי לעגאליזירט פון דער רעגירונג אלס „סאָסיעדאד אנאָנימא", און איצט ווערן געמאכט באמיאונגען ביי דער רעגירונג, אז זי זאל אָנגעשלאָסן ווערן אונטער קאָאָפעראטיוון געזעץ 11.388.

מיט דער אנטוויקלונג פון דער „קאבא מוטוא איסראעליטא", אונטער דער השגחה פון דער אידישער באפעלקערונג פון באסאווילבאסא, איז אויסגעפילט געוואָרן א נעביט, אין וועלכן מ'האָט זיך שטארק גענויטיקט.

אויב די אָפטיילונג פון דער „באנקא דע לא נאסיאָן" אין באסאווילבאסא קומט אונטער מיט גרעסערע קרעדיטן, איז עס אָבער שטענדיק פאר די, וואָס פארמאָגן א געוויסן פארמעגן, וועלכער גאראנטירט דעם קרעדיט.

דער נישט־באמיטלטער שיכט, ווי דער אָרימער קאָלאָניסט, קליינהענדלער, אָדער בעל־מלאכה, האָט פאר זיך אין דער „קאבא" א גרויסע שטיצע. דאָס איז צו זעען פון דעם אומזאץ פונם לעצטן יאָר, טראָץ דער באגרעניצטקייט פון איר קאפיטאל.

די „קאבא מוטוא איסראעליטא" שטייט אויך אין פארבינדונג מיט ענלעכע אידישע קרעדיט־אינסטיטוציעס אין לאנד, און האָט באוויליקטע קרעדיטן אין פארשידענע בענק פאר דעסקאָנט פון דאָקומענטן און טראנזאקציעס און ביראָס.

איצט זיינען אין דער קאסע־לייטונג: יוסף צענטנער פרעזידענט, יהודה רוזשאנסקי סעקרעטאר, און פנחס זוסמאן קאסיר.

זאָל גלייכצייטיק דערמאנט ווערן, אז דער „פערסאָנאל" פון דער סאָ־סיעדאד אגריקאָלאַ איסראַעליטאַ, זיינען אָרגאַניזירט אין אַ „געזעלשאַפט פאר קעגנזייטיקער הילף פון קאָאָפּעראַטיווע אָנגעשטעלטע", געגרינדעט דעם 19־טן יוני 1931, וועלכע האָט דעם צוועק צו העלפן די מיטגלידער אין פאַלן פון קראנקהייט, אַקצידענטן און טויט־פאַלן.

דער פאָנד פאר דעם ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון 5 פּראָצענט וואָס דער פּערסאָנאַל גיט אַראָפּ פון זיין געהאַלט, פאַרלאַנגענדיק פון די אינס־טיטוציעס 5 פּראָצענט אַנטקעגן. זי ווערט אָנגעפירט פון אַ קאָמיסיאָן, באַשטייענדיק פון: פּרעזידענט י. רוזשאַנסקי; סעקרעטאר א. פּעטאַשניע, י. טשודנאָווסקי קאַסיר און ש. געלער סינדיקאָ.

„ביבליאָטעק כּואוועגטוד איסראַעליטאַ לוסיענוויל"

אין אַן אַנדער אָרט איז שוין דערציילט געוואָרן, אז „סאָסיעדאַד אַג־ריקאָלאַ" איז געווען די, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט די פאַרשידענע אָפּ־טיילונגען אינם סאָציאַלן־און־קולטור־לעבן פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל.

אין סעפּטעמבער 1911 ווערט די קאָאָפּעראַטיווע־ביבליאָטעק אָנגע־פירט פון אַ באַזונדערער קאָמיסיאָן, וועלכע באַשטייט פון די קאָלאָניס־טישן זין: כּוליאָ פרידלענדער, י. יאָסעלעוויטש, יעקב רעזניצקי און יעקב וואָלפסאָן.

שפּעטער ווערט געגרינדעט אַ צווייטע שטאַטיקע ביבליאָטעק מיטן נאָמען „דר. הערצל", וועלכע ביי אַ געמישטער פאַרזאַמלונג אין אַפּריל 1918, ווערט זי פאַראייניקט מיט דער קאָלאָניסטישער ביבליאָטעק „כּוא־וועגטוד איסאַעליטאַ לוסיענוויל" און עס ווערט געוויילט אַ נייע קאָמי־סיאָן, וואָס איז באַשטאַנען פון יהודה רוזשאַנסקי, פּרעזידענט; סאַמועל קאַפּלאַן, וויצע און כּוליאָ פרידלענדער, סעקרעטאַר.

פון דאַן אָן אַנטוויקלט זיך אָט דער קולטור־אַנשטאַלט פולשטענדיק אויטאָנאָם. היינט צו טאָג פאַרמאָגט די ביבליאָטעק אַן אייגענע געביידע, וועלכע ווערט געקויפט דורך אַן אויסלייַ פון באַנק דורך די ה"ה י. און מ. רו־זשאַנסקי און ב. ראַבינאָוויטש, אַ לייען־זאַל, וואו עס געפינען זיך פאַר־

די אידישע ביבליאָטעק אין באַסאַווילבאַסאָ, וואָס איז אויך דאָס אייגנטום
פון דער קאָלאָניע. — אָנפירער פון קולטור־אַנשטאַלט און
ביבליאָטעקאַרין. — דאָס פּלאַץ פאַר גייסטיקער אָפּ־
פרישונג נאָך שווערער פיזישער אַרבעט.



אינערליכער אויסזען פון דער שול „תפילת למשה" אין באסאווילבאסא.—
די ווענט האלטן אין זיך איינגעזאפט די תפילות פון קהל. —
פרעכטיק איינגעאָרדנט דער מזרח, ארון קודש און עמוד.

שידענע אידישע, העברעאישע און שפאנישע צייטונגען און זשורנאלן. מען ברענגט אראפ קאנפערענציסטן, ס'ווערן איינגעארדנט שאך־טורנירן, האל־טנדיק אנגעשטעלט א ספעציעלע ביבליאטעקארן.

לויטן באלאנס פון 1929, ווערט געשאצט דער אקטיוו פון דער ביב־ליאטעק אין 11.283 פעזעס. די קאמיסיאן אין יאר 1931 באשטייט פון ש. גאלדשטריך, פרעזידענט; א. לעווין, סעקרעטאר.

שיל „תפילה למשה"

אט די אינסטיטוציע ווערט אין יאר 1917 לעגאליזירט פון דער רע־גירונג, אונטער דער פרעזידענץ פון י. טראכטענבערג און סעקרעטאר כר־ליא פרידלענדער. ס'ווערט ארייגענומען אין די סטאטוטן א פונקט וועגן אידישער דערציהונג און קענגזייטיקער הילף.

אין איצטיקן פעריאד 1930, ווערט די שיל „תפילה למשה" אנגע־פירט דורך א קאמיסיאן, אונטער דער פרעזידענץ פון ה' י. רוזשאנסקי.

„אידישער וואוילטעטיקער דאמען־פאריין"

אלס פארזעצונג פון דעם פרויען־פאריין, וואס איז געגרינדעט גע־ווארן פון א. בראצלאווסקי אין נאוועבוג נומער 1, און פילע יארן אנגע־פירט געווארן דורך זיין פרוי אלמנה, וויטי בראצלאווסקי, ווערט דורך דעם פאריין אין 1929 אויסגעבויט אן איינענע געביידע. פארמאגט אן אקטיוו פון 6.510 פעזעס, האלט אויף א בעטל אויף איר רעכענונג אין „שפיטאל סענטענאריא" פון באסאווילבאסא, און קומט אונטער אין אלע פאלן פון ארימע קראנקע און אין אנדערע הילפס־ארבעטן. איצט ווערט ער אנגעפירט אונטער דער פרעזידענץ פון פרוי קיצים, סעקרעטארן אנא בערדיטשעווסקי און ערן־פרעזידענטן, וויטיע בראצלאווסקי.

אגודת הציונים

ארום דעם ציוניסטישן צענטער קאנצענטרירט זיך די גאנצע ציונים־טישע אקטיוויטעט פון שטעטל און פון קאלאניע. אין די פעריאדן פון א ציוניסטישן קאמפיין שטעלט פאר מיט זיך די „אגודת הציונים" אן אנ־פירנדיקן פאקטאר איבער א גרויסער געגנט ארום באסאווילבאסא. דער

פרעזידענט און סעקרעטאַר פון דער אגודת הציונים, איז יהודה ווינאָקור און חיים לאַנדע.

חוץ דער אגודת הציונים געפינט זיך אין באַסאַווילבאַסאָ א „וויצא"-צענטר, אונטער דער פרעזידענץ פון פרוי גאָלאָווענשיץ, סעקרעטאַרן ל. לישצינסקי און קאַסירן פריילין רוימישער. די „וויצא" אין באַסאַווילבאַסאָ איז אָנגעשלאָסן אין דער אַרגענטינער „וויצא"-אָרגאַניזאַציע.

די העברעאישע שול תלמוד תורה דר. חלפן

פריער איז זי אויפגעהאַלטן געוואָרן פון דער יקא, שטייט איצט אונטער די „קורסאָס רעליכיאָסאָס", ווערט אָבער אינגאַנצן אויפגעהאַלטן פון דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג.

אין יאָר 1928 איז אויפגעבויט געוואָרן אַ ספעציעלע שול-געביידע, אויסער דער אַלטער געביידע, וואָס געהער צו דער יקא. ס'איז אויך אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פראָפ. יוסף מאָנין אַלס דירעקטאָר און ה. גאָלאָווענשיץ אַלס צווייטער לערער. עס איז איינגעפירט געוואָרן פינפטער און זעקסטער צוגרייטונגס-גראַדן אין שפּאַנישן אונטעררריכט, וואָס גייט האַנט אין האַנט מיט העכערע העברעאישע קורסן, אָנגעפירט פון זעלבן דירעקטאָר. אויך פּרייוויליקע העברעאישע אָוונט-קורסן פאַר יונגעלייט זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן.

ס'עקזיסטירט אויך אַ „גן ילדים", אָנגעפירט פון דער קינדערגאַרטן-לערערן, פרוי גאָלאָווענשיץ. די תלמוד תורה ווערט אָנגעפירט פון אַ קאָמיסיאָן, אונטער דער פרעזידענץ פון יוסף לאַנדע. מיט דער תלמוד תורה ד"ר חלפן, ווערט אָבער נישט באַפרידיקט דער חנוך פאַר אַלע קינדער, וואָס געפינען זיך אין באַסאַווילבאַסאָ, אַ גרויסע צאָל באַקומען אידישן חנוך ביי פּאַרשידענע מלמדים.

סוב-קאָמיטעט פאַר אימיגראַנטן-שוץ.

דער סוב-קאָמיטעט גיט זיך אָפּ מיט הילף פאַר אימיגראַנטן. אזוי ווי באַסאַווילבאַסאָ איז אַ צענטר פון די אייזנבאַנען, קומט אויס דעם אימיגראַנט זיך דאָ אָפּצושטעלן און קאָנצענטרירן. חוץ דעם האָט דאָ די

איינע פון די ערשטע קאָלאָניסטן־גרופּעס, וואָס באַאַרבעטן „נאַציאָנאַל־
פאָנד־קאָסעטשע", וועלכע איז שוין היינט אַ טראַדיציע. — ביים
אַקער ווערן דורכגעפירט פיערונגען פון גרויסן פאַרנעם. —
אויפן בילד געפינען זיך אויך: ישראל באַרגמאַן, מ. נע־
מיראָווסקי, לעסצינסקי, פּ. לערמאַן און ש. י. הור־
וויץ. — דאָס אַלטע פּאָר ראָבקיס, וואָס האָט
געגעבן דאָס לאַנד פאַר דער קאָסעטשע.



קינאָ „עסמעראַלדאַ" אין באַסאָוויליאַסאָ מיט אַ גוט איינגעאָרדנטער
בינע פאַרן אויפטריט פון קינסטלערישע גאַסטראָלן.

חנוכת הבית פון קינאָ „אַסטראַל” אין באַסאַווילבאַסאָ. — אַ סאַלאָן מיט
אַ פּרעכטיק־איינגעאָרדנטער בינע, וואָס האָט זיך נישט צו שעמען
פאַר דער שטאָט, און אויף וועלכער ס׳שרעטן אויף
גרעסטע קינסטלערישע כוחות, בעת גאַסטראָלן.

יקא א געוויסע צאָל „קינטאס", וואו זי באזעצט צייטווייליק די אימיג־ראנטן אלס קאנדידאטן פאר קאָלאָניזאציע.

דער סוב־קאָמיטעט האָט די אויפגאבע די ערשטע צייט צו באזאָרגן די אַלע אימיגראנטן. דער סוב־קאָמיטעט ווערט אָנגעפירט פון די ה"ה וואָלף פילניק און א. גאָמבינסקי.

סוב־קאָמיטעט פאר דער ליגע קעגן טובערקולאָזיס

אונטער דער פרעזידענץ פון פרוי שרה איידלקאָפּ, ווערט דאָ אָנגע־פירט דער דערמאָנטער סוב־קאָמיטעט, וואָס ציילט א באדייטנדיקע צאָל מיטגלידער.

אויך איז אין באסאווילבאסאָ פאראן א סוב־קאָמיטעט פון בית יתומים און מושב זקנים, וואָס ציילט מיט א היבשען צאָל מיטגלידער.

העברעאישער קלוב „נוער עברי"

אויף דער איניציאטיוו פון פּראָפ. יוסף מאָנין איז דאָ אויך געגרינ־דעט געוואָרן דער קלוב „נוער עברי" און ווערט אָנגעפירט פון חיים לאנדע.

פון צייט צו צייט ווערן פאראנשטאלטעט העברעאישע קאָנפערענצן און ליטערארישע אָוונטן.

טעאַטער־זאַלן

אין 1929 ווערט דורך ה' ב. פלעשלער אויסגעבויט א טעאַטער־סאלאָן „סינע עסמעראלדא", מיט אלע מאָדערנע באקוועמלעכקייטן, וועל־כער דינט פאר א קינאָ. פון צייט צו צייט ברענגט ער אראָפּ ערנסטע טעאַטער־טרופּעס.

שפּעטער מיט א יאָר עפנט זיך א צווייטער סינע־סאלאָן דורך אור־מאָנסקין, און אין 1931 ווערט פארענדיקט דער גרויסער טעאַטער־סאלאָן „אסטראל" פון ב. ראבינאָוויטש, און ווערט דערעפנט דורך דער באקאנטער שפּאנישער טעאַטער־טרופּע „פּאַדעסטאַ".

אין אויגוסט 1931 קומט אויך אראָפּ דער בארימטער אידישער אר־טיסט יעקב בן־עמי מיט זיין טרופּע און גיט צוויי פאָרשטעלונגען אין באַ־סאווילבאסאָ.

וועכנטלעכע אויסגאַבע אין באַסאַווילבאַסאָ

דעם 3־טן אויגוסט 1928, הויבט אָן דערשיינען אין באַסאַווילבאַסאָ א וועכנטלעכע אויסגאַבע אונטערן נאָמען „ענטרע ריאָסער טריבונע", אונ־טער דער רעדאַקציע פון ש. י. הורוויץ און אַלס ארויסגעבער „רוזשאַנסקי און הורוויץ".

די צייטונג איז דערשינען רעגלמעסיק ביז דעם 28־טן פעברואַר פון 1930, און האָט רעאַגירט אויף אַלע אידיש־נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע, סאָ־ציאַלע און קולטור־פּראָבלעמען פון דער באַדייטנדיקער אידישער באַפעל־קערונג אין ענטרע ריאָס.

מיטן איינטרעטן פונם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן קריזיס, איז די אויס־גאַבע געצוואונגען געווען זיך אָפּצושטעלן.

XXIV

אַלגעמיינע אינסטיטוציעס

באַנקאָ דע לאַ נאַסיאָן

אין יאָר 1914 אָרדנט איין די „באַנקאָ דע לאַ נאַסיאָן" אַן אָפּטייַ־לונג, וואָס קומט אונטער אין די קאָמערציעלע טראַנזאַקציעס פון דער באַ־פעלקערונג. די באַנק האָט פּערמאַנענט צו איר דיספּאָזיציע אַ סומע פון 600.000 פּ. און אין יאָר 1931 מוז די צענטראַלע שטעלן צו דינסט דער אָפּטיילונג אַ סומע פון 1.600.000 פּעזעס.

דאָס באַווייזט, ווי אַזוי די קאָמערציעלע טראַנזאַקציעס האָבן זיך אַנטוויקלט.

מ'קען אויך רעכענען, אַז 80 פּראָצענט פון אַט די אַלע טראַנזאַק־ציעס זיינען אויפן חשבון פונם אידישן טייל פון דער באַפעלקערונג.

די מילך און פּוטער פאַבריק

די עמפּרעסע „ריווער פּלייט" אינסטאַלירט אין 1902 אַ פּוטער־פאַבריק און נעמט אויף די סמעטענע־פּראָדוקציע פון דער גרעסטער טייל פּראָווינץ אויסער באַסאַווילבאַסאָ. אָבער די עצם־באַזע פאַר איר עקזיס־טענץ אין פאַר פילע יאָרן געווען די קאָלאָניע לוסיענוויל.

די קונטאַ דע פּאָמענטאָ

אין 1919 באַקומט באַסאַווילבאַסאָ אַ „קונטאַ דע פּאָמענטאָ". דער

ערשטער פּרעזידענט איז געווען א קריסט, אין דער קאָמיסיאָן גייען אריין צוויי אידן: שמואל קאַפּלאַן און ט. קעסעלמאַן, אלס וואָקאַלן.

היינט צו טאָג ווערט די „כונטא" אָנגעפירט אונטער דער פּרעזידענץ פון לואיס קראארא, א קריסט, און סעקרעטאַר ש. גאָלדשטרייך, א איד

פאר דער צייט, זינט די „כונטא דע פאָמענטאָ" איז איינגעפירט גע־וואָרן אין באסאווילבאסאָ, האָט זי איינגעאָרדנט צוויי פּארקן אונטער די נעמען „9 דע כוליאָ" און „25 דע מאזשאָ", א „מאטאדעראָ", א שול פאר „קאַרטע אי קאָנפעקסיאָן", באזעצט מיט ביימער און אויסגעשטאָטעט די גרויסע „אוועגידאַ סענטענאַריאָ". אויף דער ביטע פון „סאָסיעדאַד אַגרי־קאָלאַ" און אין אָנדענק פון הונדערטסטן יאָרטאָג פונם געבוירן פון באראָן הירש, האָט זי באשלאָסן צו געבן דעם נאָמען „אוועגידאַ באראָן דע הירש" די צווייטע פון די וויכטיקסטע גאסן אין באסאווילבאסאָ, אויף וועלכער ס'געפינט זיך די אייגענע געביידע פון דער „קאָאָפּעראַטיווע סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענווילע", די גרויסע שיל „תפלה למשה", די „קאַכאַ מו־טואַ איזראַעליטאַ" און די יקא־אדמיניסטראַציע.

דער יערלעכער ביודזשעט פון דער כונטא באטרעפט 60.000 פּ.־פון וועלכע 75 פּראָצענט קומט אריין אלס הכנסה פון דעם אידישן טייל פון דער באפעלקערונג. אין צענטער פון באסאווילבאסאָ עקזיסטירט אויך א גרעסערע צאָל נישט־אידישע אינסטיטוציעס, וועלכע וואָלטן אונז צו ווייט אוועקגעפירט, זיי דאָ אויסצורעכענען.

XXV

די אלגעמיינע צאָל באפעלקערונג פון באסאווילבאסאָ. די אידישע צאָל און איר קלאַסיפיצירונג.

דאָס שטעטל באסאווילבאסאָ ציילט 8000 נפשות. ווי עס ווערט גע־שאצט זאָל דער אידישער טייל בילדן 60 פּראָצענט אָדער 5.000 נפשות.

לויט לעצטן צענז זיינען די פאכן אין באסאווילבאסאָ, אונטער בעלי־

מלאכה, אינדוסטריע און קאמערץ, צווישן אידן און נישט־אידן, איינגע־
טיילט אויף פאָלגנדיקן אופן:

אידישע קראָמען	41	נישט אידישע	11
" פרוכט און גרינוואַרג־געשעפטן	11	" "	5
" יאַטקעס	12	" "	1
" קאָלבאַס־פאַבריקן	1	" "	2
" מילך־פּראָדוצירער און פארקויפער	25	" "	—
" האָטעלן	1	" "	3
" נאַפט־סורטידאָרן	19	" "	3
" נאַפט־אַגענסיאַס	2	" "	1
" בעקערייען	5	" "	2
" קאָנפעקטן־פאַבריק	3	" "	—
" אייז־פאַבריקן און סאָדע־וואַסער	2	" "	3
" מאָטאָר־פערד־קראַפט (נישט רעכנענדיג אוסינאַ, מיט פוטער־פאַבריק)	131	" "	158
" סערעאַליסטן (אויסער די קאָאָפעראַט.)	2	" "	1
" ביליאַרדן	3	" "	4
" פריזיר־הייזער	8	" "	1
" קינאָס	3	" "	—
" סאַלאָן פאַר שיך־פוצן	5	" "	1
" קאָנטשאַס־באָטשאַס	—	" "	2
" אַפּטייקן	2	" "	2
" האָלץ און קוילן־דעפּאָזיטאָס	2	" "	—
" דרוקערייען און ביכער־געשעפטן	4	" "	—
" לעדער־פאַבריק	1	" "	—
" גאַראַזשן	2	" "	2
" זייף־פאַבריקן	2	" "	1
" לאָטעריאָס	2	" "	—
" פאַבריק פאַר מאַזאיקען	1	" "	1
" בלעכערס	2	" "	—
" פאַבריקן פאַר סאַפּאַטיזשעס	3	" "	—

אידישע	פאַבריקן מימבר־מעבל	1	נישט אידישע	—
„	בראַקן פאַר „פּראָטאָס דעל פּאַיס"	2	„ „	—
„	שניט־קראָמען	10	„ „	1
„	מעבל־געשעפטן	6	„ „	—
„	גאָלד־געשעפטן	1	„ „	1
„	רימער־הייזער און קאָלטשאָנעריאָס	3	„ „	—
„	מעכאַנישע טאַזשערן און קאָוואַלן	7	„ „	4
„	פאָטאָגראַפיעס	2	„ „	—
„	אייזן־געשעפטן	—	„ „	2
„	ציגל־פאַבריקן	3	„ „	1
„	סטאָליערייען	6	„ „	4
„	מויערער	4	„ „	1
„	וועשעריי און פאַרב־געשעפטן	1	„ „	—
„	ראַדיאָ־געשעפטן	2	„ „	1
„	שוסטערייען	7	„ „	—
„	שוך־געשעפטן	2	„ „	1
„	מענער־שניידערייען	4	„ „	1
„	פרויען־מאָדיסטאַס	4	„ „	3

פרייע פּראָפעסיעס

מעדיקער	אידישע	2	נישט אידישע	2
פּראָקוראַדאָרן	„	2	„ „	2
נאָטאַריוסן	„	1	„ „	1
דענטיסטן	„	2	„ „	—
פּראָפ. פון פידל	„	2	„ „	—
פּראָפ. פון פּיאַנאָ	„	2	„ „	1
צייכנער פון פּלענער	„	—	„ „	1
פאַרמאַצעווטן	„	2	„ „	2
בוכהאַלטער	„	8	„ „	—

גרעסערע עמפּרעסעס

פוטער־פאַבריק — — — — — — — — — — נישט אידישע 1
עלעקטרישע אוסינע — — — — — — — — — — „ „ 1
מיל, וואָס ארבעט אוים 200 זעקלעך טעגלעך — — „ „ 1

מיטן אָנגעבן די אויבנדערמאָנטע סטאַטיסטישע דאַטן וועט דער לייע־נער זיך קענען מאַכן אַ באַגריף וועגן דער געשטאַלט פון דער אידישער באַ־פעלקערונג פון דעם שטעטל באַסאַווילבאַסאָ, וואָס איז אין דער זעלבער צייט, דער צענטר פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל.

אויסער באַסאַווילבאַסאָ איז אָבער אויסגעוואַקסן אַ באַדייטנדיקער אידישער ישוב אין די אַרומיגע באַן־סטאַנציעס.

די שטעטלעך אורדינאַראַין און ביליבערט, אויף דער ליניע קיין גו־אַלעגואַיטשו; וויזשאַ מאַנטעראָ — אויף דער ליניע קיין קאָנסעפּסיאָן דעל אורוגוואַי און ליבאַראָס און אורקיסאַ, אויף דער ליניע קיין קאָנקאָר־דיאַ, פאַרמאָגן באַדייטנדיקע אידישע קיבוצים, וואָס טראָגן ביי פיל צום פאַרשריט פון יעדער איינער פון די דערמאָנטע שטעטלעך.

———::———

אויף צו פאַרענדיקן ווילן מיר אָנגעבן, אַז היינט צו טאָג, אין 1931, פאַרמאָגט די קאָלאָניע לוסיענוויל, פאַר 37 יאָר עקזיסטענץ, 120 קאָלאָ־ניסטן, וואָס זיינען שוין איינגנטימער פון זייערע פעלדער, 13 קאָלאָניסטן, וואָס האָבן טיטולן מיט אַ היפּאָטעקע אין דער יקא; 123 קאָלאָניסטן, וואָס האָבן נאָך דעם קאָנטראַקט „פּראָמעסאַ דע ווענטאַ“; 51 פּראָבע־קאָ־לאָניסטן, 10 קאָלאָניסטן האָבן פאַרקויפט זייערע פעלדער צו אידישע סוחרים, און דריי קאָלאָניסטן, וואָס האָבן פאַרקויפט זייערע פעלדער צו נישט אידן.

———::———

די ציפערן פונם שטעטל, ווי פון דער קאָלאָניע זיינען פאַר זיך אַליין, דער בעסטער מאָנומענט, וואָס באַראָן הירש האָט ביי זיין לעבן גע־ווען געקענט אוועקשטעלן — אַ טייל ערשט פון די אַנדערע אידישע קאָ־לאָניעס, וועלכע גרויסן זיין נאָמען און זינגען צו זיין אָנדענק אייביקע שירה.

ענטרע ריאָסער טריבונע

ENTRERIÓSER TRIBUNA

וועכענטליכע אויסגאבע פאר אלע אידישע אינטערעסען אין ענטרע ריאס

ערשיינט יעדען פרייטאג

צווייטער יאהרגאנג No. 70		געדרוקט אין 8 זייטען
באסאווילבאסא דעם 6-טען דעצעמבער 1929	רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: ארויסגעבער [illegible] און [illegible]	Basavilbaso, 6 de Diciembre de 1929

פאַקסימיל פון „ענטרע ריאָסער טריבונע" — וועכנטלעכער אָרגאַן פאַר
דער באַלויכטונג פון קאָלאָניסטישע ענינים, וועלכער האָט
אויפגעהערט דערשיינען אויפן צווייטן יאָרגאַנג.





א ו י ב ן : אָנדענקס־טאָוול, וואָס די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל״
האָט, אין נאָמען פון דער גאַנצער קאָלאָניע, באַצירט די באַראָן־הירש־
גאַס אין באַסאַווילבאַסאָ, דעם 9־טן דעצעמבער 1931, אין הונ־
דערטסטן יאָרטאָג פון באַראָן משה הירשס געבוירן.
א ו נ ט ן : באַראָן הירש־גאַס אין באַסאַווילבאַסאָ,
אויטאָריזירט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג צום
אָנדענק פון הונדערטסטן יאָרטאָג פון
באַראָן משה הירשס געבוירן.



די מיל אין באַסאַוווילבאַסאָ, וועלכע געהער צו דער קאָמפּאַניע
„ס. א. מאָלינאָס האַרינעראָס אי עלעוואַדאָרעס דע גראַנאָס ריאָ
דע לאַ פּלאַטאַ״. — די קאָמפּאַניע פאַרמאָגט אויך אַנדערע
25 מילן און 5 בוימל־פאַבריקן אין לאַנד. — באַ־
סאַווילבאַסער מיל קען אַרויסגעבן 30 טויזנט
קילאָ מעל אַ טאָג און איר מעל איז
פון די בעסטע.

COLA ISRAELITA

LUCIENVILLE

el año 1900

DEMOSTRATIVO

LOS

PROPIEDADES Y OPERACIONES EN GENERAL

R A C I O N E S

Artículos de Cosecha	Semillas	Arrenda-mientos	Adelantos Cosecha	Harina y Varios	Sección Cereales	Adelantos para Hacienda de Lechería	TOTAL de operaciones
—	—	—	000.—	24.800.—	862.824.—	39.834.—	1.644.802.—
2.040.—	—	—	1.—	—	—	—	—
4.875.45	—	—	2.228.—	—	—	—	4.097.—
6.745.50	4.000.—	—	4.800.—	—	—	—	10.732.40
11.507.75	5.000.—	—	7.500.—	—	—	—	20.825.50
13.676.80	8.000.—	—	15.800.—	—	—	—	33.385.75
60.461.—	10.583.—	4.781.10	53.600.—	—	—	—	48.076.80
43.676.68	12.350.—	6.640.20	65.522.—	12.000.—	112.000.—	—	281.457.70
23.468.62	16.085.45	11.636.60	30.500.—	22.342.—	245.037.09	—	434.971.80
10.699.30	12.809.26	16.617.66	10.158.74	5.907.90	—	35.000.—	175.942.89
64.018.73	14.200.19	8.231.10	67.600.—	6.200.—	—	—	111.098.43
41.799.85	17.100.—	8.876.—	36.000.—	—	556.751.—	—	780.179.08
—	—	—	500.—	7.700.—	102.162.45	—	252.699.60
980.—	—	10.149.—	—	—	—	—	—
250.—	—	2.182.—	—	266.—	—	—	11.925.—
—	—	941.—	—	235.—	—	—	3.010.—
—	—	1.403.—	—	—	—	—	1.490.—
—	—	1.744.—	—	—	—	—	1.403.—
20.912.—	—	1.957.—	—	—	—	—	1.744.—
46.678.—	—	1.911.—	—	3.700.—	—	—	31.875.—
22.963.—	—	8.089.—	162.—	15.160.—	—	—	99.020.—
23.677.—	—	6.142.—	383.450.—	32.000.—	267.970.—	—	565.380.—
31.691.—	—	4.711.—	272.325.—	27.818.—	469.431.—	—	992.501.—
58.622.—	—	4.259.—	400.650.—	15.934.—	363.880.—	—	779.944.—
57.580.—	—	2.064.—	480.000.—	21.000.—	753.771.—	21.000.—	1.385.547.—
—	—	—	78.303.—	—	760.000.—	—	1.162.590.—
—	—	—	50.413.—	—	532.738.—	—	899.494.—
—	—	—	88.556.—	—	1088.040.—	—	1.438.039.—
—	—	—	73.660.—	—	801.932.—	—	1.265.368.—
—	—	—	42.925.—	—	783.778.—	—	1.211.314.—
—	—	—	36.000.—	—	650.000.—	—	1.000.000.—

SOCIEDAD AGI

COLONI

Fundada

CUADR

I

ASOCIADOS, CAPITAL SOCIA

Ejercicio	Socios	CAPITAL SOCIAL — Acciones	Fondo de Reserva	TOTAL	Propiedades y Muebles . . y Utiles	OPE — Sección Consumos	Implementos Agricolas
1900— 1	27	—	—	—	—	—	—
1901— 2	84	1.105.—	—	1.150.—	—	825.—	—
1902— 3	92	2.070.—	—	2.070.—	—	3.057.25	—
1903— 4	111	3.180.—	—	3.180.—	—	5.880.—	—
1904— 5	124	4.400.—	—	4.400.—	—	9.078.—	—
1905— 6	172	5.000.—	4.543.—	9.543.—	—	10.800.—	—
1906— 7	215	6.915.—	11.069.—	17.984.—	4.167.—	17.801.80	10.308.87
1907— 8	222	13.800.—	17.259.—	13.059.—	8.487.—	34.500.—	39.424.75
1908— 9	229	16.140.—	25.087.—	41.227.—	15.712.—	49.975.53	3.709.65
1909—10	239	22.370.—	28.301.—	50.671.—	17.452.—	32.672.35	21.499.86
1910—11	223	31.650.—	32.911.—	64.561.—	19.139.—	39.996.50	65.977.16
1911—12	222	40.860.—	33.445.—	74.305.—	20.879.—	26.930.80	11.542.50
1912—13	222	40.860.—	33.445.—	74.305.—	20.879.—	—	—
1913—14	222	44.260.—	43.130.—	87.390.—	22.327.—	—	530.—
1914—15	222	47.485.—	48.648.—	96.133.—	23.939.—	—	343.—
1915—16	222	45.396.—	54.202.—	99.598.—	52.453.—	—	549.—
1916—17	222	45.185.—	54.202.—	99.387.—	25.452.—	—	—
1917—18	222	45.185.—	65.790.—	110.975.—	36.453.—	—	—
1918—19	107	10.100.—	67.810.—	77.910.—	34.818.—	—	5.306.—
1919—20	142	15.860.—	69.285.—	85.145.—	34.128.—	20.809.—	14.462.—
1920—21	172	19.060.—	70.275.—	89.335.—	36.120.—	51.000.—	20.908.—
1921—22	219	23.150.—	71.201.—	94.351.—	38.109.—	63.000.—	19.108.—
1922—23	232	24.370.—	75.379.—	99.749.—	61.968.—	64.178.—	26.900.—
1923—24	251	26.870.—	77.770.—	104.640.—	65.638.—	91.742.—	35.153.—
1924—25	284	28.420.—	82.225.—	110.645.—	70.841.—	127.000.—	50.700.—
1925—26	290	30.340.—	82.716.—	113.056.—	71.482.—	158.821.—	120.136.—
1926—27	298	31.320.—	82.716.—	114.036.—	72.429.—	153.146.—	115.860.—
1927—28	301	35.940.—	84.070.—	120.010.—	73.758.—	171.252.—	54.061.—
1928—29	306	51.690.—	85.721.—	137.411.—	77.211.—	217.793.—	111.524.—
1929—30	310	66.740.—	89.573.—	156.313.—	109.781.—	184.984.—	145.009.—
1930—31	310	68.740.—	89.573.—	158.313.—	111.781.—	160.000.—	55.000.—



דיאַגראַם, וואָס באַווייזט די אַנטוויקלונג פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלא״ לוסיענוויל, במשך פון 32 יאָר עקזיסטענץ.— צאָל מיטגלידער, אינוועסטירטער קאַפּיטאַל און אָפּעראַציעס.

אינהאַלט:

זייט

אײנלײטונג — — — — — — — — — — — — — 5

באַראָן משה הירש (ביאָגראַפיע) — — — — — — — — 9

I.— די ערשטע קאָלאָניסטן — — — — — — — — — — — 15

II.— סטאַנציע באַסאַווילבאַסאָ — — — — — — — — — — 16

III.— די ערשטע צייט — — — — — — — — — — — — 17

IV.— די שטיצע און דער אָנהויב פון אומרואיקייט אין די קאָלאָניעס — — — — — — — — — — — 22

V.— דער ערשטער וויזיט פון דר. זאָנענפעלד און ד. פיינבערג אין די קאָלאָניעס — — — — — — — — — 28

VI.— די קאָלאָניזירונג פון די ערשטע קאָלאָניסטישע זין און שותפים־קאָלאָניסטן — — — — — — — — — — 30

VII.— די אויסברייטערונג פון לוסיענוויל האַרט לעבן די ערשטע פיר קאָלאָניעס — — — — — — — — 32

VIII.— די ערשטע יאָרן פון היישעריק און די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע — — — — — — — — — — 36

IX.— די עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע אנטוויקלונג פון לוסיענוויל. מילך־פּראָדוקציע און פי־צוכט — — — — — 40

X.— די יאָרן פון 1916 ביז 1921 און די שפּעקולאַציע מיט סקאָט — — — — — — — — — — — 43

XI.— די גרויסע קאַסעטשעס, הויכע פּרייזן אויפן פּראָדוקט און דאָס אַרייַנברענגען אין די קאָלאָניעס קאָסע־טשאַדאָראַס, טראַקטאָרן און אויטאָמאָבילן — — 44

XII.— די ערשטע שריט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון קאָמונאַלע אינסטיטוציעס — — — — — — — — — — 46

XIII.— די ערשטע ביבליאָטעק — — — — — — — — — 49

זייט

XIV.— דוד קאַזשעס — די ערשטע שולע אין נאָוועבוג 1. —
דער לערער בראַצלאַווסקי, אַלס קולטור־טוער און
משה ראַשקאָווסקי, אַלס אַקטיווער ציוניסט — — — 51

XV.— דער ערשטער ציוניסטישער צענטער אין דער קאָלאָניע 56

XVI.— אגודות און ביבליאָטעקן — די ערשטע פילאַנטראָפּישע
טעטיקייט — — — — — — — — — — — — — — 58

XVII.— חברה קדישא און דער ערשטער בית עולם — — — — 59

XVIII.— דאָס סאַניטאַר־וועזן אין לוסיענוויל — — — — — 63

XIX.— דר. ירחי ז"ל און מ. סאַכאַראָוו — — — — — — — — 68

XX.— ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַריין — — — — — 71

XXI.— די יק"א־אַדמיניסטראַציע און די קאָלאָניע לוסיענוויל 107

XXII.— דער אויסגעוואַקסענער ישוב אין, און ארום דער קאָלאָ־
ניע לוסיענוויל. דאָס בויען זיך פון שטעטל באַסאַ־
ווילבאַסאָ — — — — — — — — — — — — — 119

XXIII.— אידישע אינסטיטוציעס — — — — — — — — — — — 123

XXIV.— אַלגעמיינע אינסטיטוציעס — — — — — — — — — — — 130

XXV.— די אַלגעמיינע צאָל באַפעלקערונג פון באַסאַווילבאַסאָ.—
די אידישע צאָל און איר קלאַסיפיצירונג — — — 131

פאַרטייטשונג פון די פרעמדע ווערטער

אַלאַמבראַדאָ — דראָטענער פלויט.

אַלקאַלדע — דאָרפס־ריכטער.

אַמאַנסירן — אַ פאַראידישונג פון אַמאַנסאַר — אויסדרעסירן.

אַנואַלידאַדן — יערלעכע אָפצאָלונגען.

אַקאָרדעאָנאַ — האַרמאָשקע.

אַראָזשאַ — רויטשקע, טויכל.

אַבראַ דע סאַנעאַמיענטאָ — אַ טאַט פאַר געזונטמאַכונג.

באָטיקין — קלענערער מאַסשטאַב פון אַן אַפטייק.

גאַלפאָן — שפּיכלער.

דעסאַלאָכאָ — אַראָפּוואַרפן דורך דער קראַפט פון יוסטיץ, דעם אַרענדאַטאָר פון זיין נחלה.

דעסגאַטאַדאָראַ — אַ ספּעציעלע מאַשינקע, וואָס אַרבעט אויס סמעטענע.

טאַזשער — ווערקשטאַט.

טשאַקרעס(ראָס) מערצאָל פון טשאַקראַ — קליינע לאַנדווירטשאַפט.

כונטאַ דע פאָמענטאָ — דער ראַט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַרשענערן אַ שטאָט אָדער אַ געגנט.

לאָסאַ — אַ שטריק מיט אַ פעטליע.

לעטשוסאַ — אַ סאָווע.

מאַאיס — פּאַפּשויעס.

מאַטאַדעראָ — בוינע, דאָס פּלאַץ וואו מען שעכט סקאָט.

מאַרקירן — פאַראידישונג פונם וואָרט מאַרקאַר — אויסברענען אויף דער פעל פון סקאָט אַ צייכן מיט אַן אָנגעגליטן אייזערנעם שטעמפּל.

סולקי — אַ וועגעלע אויף צוויי רעדלעך.

סערוויסיאָ סאַניטאַריאָ — ראַט, וואָס ווידמעט זיך סאַניטאַרער הילף.

סערטיפיקאַט (סערטיפיקאַדאָ) — אַ לעגאַלע באַשטעטיקונג צו וועמען ס'געהער די אָדער אַ צווייטע בהמה.

סאָרינגאָ — טכויר.

עמבאַרגאָס — מערצאָל פון עמבאַרגאָ — דאָס אַרויפליגן אַן אַרעסט אויף באַוועגלעכע אָדער אומבאַוועגלעכע זאַכן.

פאַלקאָ — לאָזשע.

פיעסע — יעדער טייל, וואָס שטעלט צוזאַמען אַ גרעסערע מאַשין.

פעאָן — דינער, טאָגלויכער.

פערסאָנעריאַ כורידיקאָ — לעגאַליזירונג פון אַ געזעלשאַפט, פון האַנדלס־כאַראַקטער, צי פון קולטורעל־סאָציאַלן.

פּראָמעסאַ דע ווענטאַ — ספּעציעלער סאָרט קאָנטראַקט מיט אַן אָנדייטונג פאַר פאַרקויף צום קאָלאָניסט.

פּרענדאַ אַגראַריאַ — דאָס פאַרמשכּנען אַן אַגראַר־זאַך.

פּאָטרעראָ — אָפּגעצוימט פּאַשע־פּלאַץ פאַר בהמות.

פּאַנעגאַס — מערצאָל פון פּאַנעגאַ — אַ קינטאַל אָדער הונדערט קילאָ.

פּיעברע אַפּטאָסאַ — אַזאַ פיבער ביי סקאָט מיט וואונדן אין מויל.

פּראַטערנידאַד — אַ פאַראייניקונג פון קערפּערשאַפטן, וואָס דריקט אויס ברודערשאַפט.

קאַכאַ מוטואַ איסראַעליטאַ — איִדישע קעגנזייטיקע הילפס־קאַסע.

קאַניע(אַ) — בראָנפן.

קורסאָס רעליכיאָסאָס — רעליגיעזע קורסן.

קינטאַס — מערצאָל פון קינטאַ — אַ פּלאַץ פון עטלעכע העקטאַר צום פאַראַרבעטן.

קריאָזשע(אָ) — קרעאָל: אָרטיק־איינ־געבוירענער. ווערט אויך דאָ באַנוצט צו באַצייכנען בהמות פון היגער ראַסע.

קרעמעריאַ — סמעטענע־פאַבריק.

קאָמיסיאָן — פּראָצענט.

קאָבראַדאָר — איינמאָנער.

קאָנפּיטעריע(אַ) — אַ פּלאַץ פאַר פאַרקויף פון פאַרשידענע צוקערוואַרג, מיט באַדינונג פון קאַווע און משקאות אויף באַן־סטאַנציעס.

קאָסעטשאַ — שניט־צייט.

קאָסעטשאַדאָראַ — מאָדערנע שניידאון־דרעש־מאַשין.

קאָראַלן — מערצאָל פון קאָראַל — אַן אַרומגעצוימט פּלאַץ פאַר סקאָט.

קאָרטע־קאָנפעקסיאָן — אַן אַקאַדעמיע, וואו מען לערנט שניידן און נייען.

אינהאַלט פון די בילדער

1) מחבר — — — — — — — 1

2) לוסיען דע הירש — — — — 5

3) באַראָן משה הירש און באַראָ־נעסע קלאַרא — — — — 9

4) באַן־סטאַנציע באַסאַווילבאַסאָ 17

5) פּרימיטיווע אידישע הויז — 19

6) פּרימיטיווע הויז פון איינגע־בוירענעם — — — — — 21

7) גוט־איינגעאָרדנטע קאָלאָניס־טישע הויז — — — — — 28

8) מאָדערנע הויז אין קאָלאָניע 30

9) גרופּע נומער 1—עסקריניאַ 33

10) תבואה־שפּייכלער — — — 35

11) פּוטער־פאַבריק — — — 41

12) שיל אין נאָוועבוג נומער 1 49

13) אַלטער בראַצלאַווסקי — 53

14) אידישע שולן — — — — 55

15) קאָלאָניסטן און לערער אויף ציונ. צוזאַמענפאָר — — 57

16) אַריינגאַנג צום בית עולם 58

17) דער בית עולם גופא — — 61

18) שפּיטאַל „סענטענאַריאָ"— 67

19) דר. נ. ירחי — — — — — 69

20) מיכל סאַבאַראָוו — — — — 70

21) פּאַרוואַלטונג פון ס. אגרי־קאָלאַ אין 32־1931 — — 71

22) פּראָנט פון ס. אַגריקאָלאַ 73

23) ערשטע קאָמיסיאָן פון דער קאָאָפּעראַטיווע — — — 75

24) ביוראָען פון קאָאָפּ. — — 77

25) אינערלעכער אויסזען פון דער קאָאָפּ. — — — — 79

26) אגריקולטור ־ קאָנקורס — 100

27) פּרעמירטע בהמות אויפן קאָנקורס — — — — — — 100

28) פייערונג פון 25־טן יובילע־אום פון קאָאָפּ. — — — — 101

29) קאָל. קאָנגרעס אין 1911 — 102

30) קאָל. קאָנגרעס אין 1916 — 103

31) קאָל. קאָנגרעס אין 1929 — 105

32) ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנ־גרעס פון קאָאָפּעראַטיוועס 106

33) ע. ק. פון ע. ריאָסער קאָאָפּ. פעדעראַציע — — — — — 106

34) געזעגנונגס־אַקט דעם אדמי־ניסטראַטאָר באָרוך — — — 114

35) אַן אימיגראַנט—אַ גלעזער 117

36) קאָמערץ־הויז פון באַקלעס 120

37) פּיק־ניק פון קאָל. יוגנט — 121

38) קאָמערץ־גאַס אין צענטער פון באַסאַווילבאַסאָ — — 122

39) קאָמ. ד. פון קעגנזייטיקער קרעדיט־קאַסע — — — — 123

40) אידישע ביבליאָטעק אין באַסאַווילבאַסאָ — — — — 126

41) שיל „תפלה למשה" — — — 127

42) נאַציאָנאַל־פאָנד־קאַסעטשע 128

43) קינאָ „עסמעראַלדאַ" — — 129

44) קינאָ „אַסטראַל" — — — — 129

45) פאַקסימיל פון „ענטרע ריאָס'ער טריבונע" — — — 130

46) באַראָן הירש־גאַס און אָנ־דענקס־טאָוול — — — — — 131

47) די מיל אין באַסאַווילבאַסאָ 134

48) דיאַגראַם פון אַנטוויקלונג פון קאָאָפּעראַטיווע — — 138